STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07382

HINTER DI KULISEN

David Dank

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג
ניו־יאָרק וואָכנבלאַט

BEHIND THE SCENES

By DAVID DANK

Copyright 1959

NEW YORK WOCHENBLAT

41 Union Sq., New York 3, N. Y.

412

אינהאַלט

זייט

הינטער די קוליסן 7

די יאַרמעלקע 19

דער „אַטשאַני יעוורעי״ 37

אַ מענטש איז נישט קיין מלאך 47

די פרייע מוזע 65

עדווין א. העלקין 76

דריי דאָלער 86

קלאַראַ יאַנג 99

דער טאַנץ צום טויט 108

נאָך פערציק יאָר 115

מיכל מיכאַלעסקאַ 128

סעמיועל גאָלדענבורג 140

דזשוליוס נאַטאַנסאָן 152

מאַקס געביל 161

הערשל לעווין 178

הינטער די קוליסן

דניאל סאַפּיר פֿלעגט קומען אין טעאַטער פֿריִער פֿאַר אַלעמען, אַ סך מאָל נאָך פֿריִער פֿאַר דעם עלעקטרישן. עס פֿלעגט נאָך זײַן פֿינצטער, אָבער אַזוי שנעל ווי ער פֿלעגט אַרײַן אויף דער בינע, נאָך אײדער ער פֿלעגט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן זײַן ווינטער־מאַנטל, פֿלעגט ער זיך צו ערשט אַרומקוקן, אויב אַלץ געפֿינט זיך אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ...

דניאל האָט ליב געהאַט פּינקטלעכקייט. אַזוי שנעל ווי ער איז געווען זיכער, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם ווינטער־מאַנטל, זיך אַוועקגעזעצט הינטער דער בינע, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר, און געוואַרט ביז די אַנדערע וועלן זיך צוזאַמענקומען. דערווײַל איז ער געזעסן, און, אונטער דעם אַראָמאַט פֿון ציגאַר, געשפּונען חלומות.

דניאל האָט געהאַט פֿון וואָס צו חלומען. ער האָט געדענקט די גאָלדענע צײַט אין טעאַטער, ווי מ'האָט אַרויפֿגעקוקט צו אים, ווײַל ער איז געווען פֿון די בעסערע אַקטיאָרן. איז יונג געווען, שיין, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר; מיט צוויי גרויסע בלויע אויגן; מיט אַ קלינגענדיקער, געשמאַקער דיקציע צו רעדן; אַ שיינע פֿיגור, און נאָך טאַלענט דערצו, איז ער ניט נאָר געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גוטן אַקטיאָר, נאָר טאַקע אַ גאַנצער „שטערן", איבערהויפּט ביי די פֿרויען, ווען זיי האָבן אים געזען אויף דער בינע. דאָס האָט אים אויך באַרעכטיקט צו זײַן שטאָלץ, וואָס דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן.

די צײַט איז אָבער געגאַנגען צו שנעל פֿאַר דניאלן און צוזאַמען מיט דער צײַט — אויך דאָס פּאַך — באַרג אַראָפּ. שנעל ווי אַ בליץ זײַנען אַוועק פֿיר צענדליק יאָר, און דער גוטער אַקטיאָר, דער געניטער פֿאַכמאַן האָט געמוזט אַוועקלייגן זײַן שטאָלץ, און זיך אונטערגעבן צו דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען צו זײַן דער בינע־פֿאַרוואַלטער. קומענדיק צו דער מדרגה, מוז מען אָפּט פֿאַרוויכערן

אַ ציגאַר, אָננעמען אַ מויל מיט רויך און שווייגן...

ניט אַלעמען איז באַקאַנט די אַרבעט, וואָס אַ בינע־פאַרוואַלטער האָט. ער איז דער וואָס שפּילט זייער העלטן, און ווען ער שפּילט יאָ אַמאָל, איז די ראָלע אַזוי קליין, און אַזוי ניט וויכטיק, אַז ער זעט זיך גאָר ניט אָן. דער עולם, וואָס געפינט זיך אין טעאַטער, פאַרגעסט אים באַלד.

און פּונקט אָט דעם וואָס מ׳פאַרגעסט אַזוי שנעל, איז דער וויכטיקסטער מענטש הינטער דער בינע. פּונקט ווי אַ שיף קאָן ניט שווימען אָן קיין קאַפּיטאַן, אַזוי קען קיין גוטע פאָרשטעלונג ניט גיין אָן אַ בינע־פאַרוואַלטער. אויף אים ליגט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פון אַ יעדער פאָרשטעלונג ער איז דער, וואָס מוז אַלע מאָל זיין דער ערשטער אין טעאַטער, און — דער לעצטער עס צו פאַרלאָזן; ער דאַרף זען, אַז אַלץ זאָל זיין אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ. ווי דער רעזשיסאָר האָט דאָס ביי פּראָבע אָוועקגעשטעלט, אַז דער אַקטיאָר זאָל דאָס אין צייט פון שפּילן געפינען; ער מוז קענען אַלעמענס רעפּליקן; ווען אַריינשיקן די אַקטיאָרן; ווען צו מאַכן ליכטיק און ווען מאַכן פינצטער; ווען צו קלינגען דעם „בעל״, ווען מ׳דאַרף אויף דער בינע ענטפערן דעם טעלעפאָן, אָדער אויפמאַכן אַ טיר. ווער עס ווייסט ניט די אַלע זאַכן, קען צוליב דעם קלענסטן טעות הינטער דער בינע איבערפירן די בעסטע פאָרשטעלונג.

אַ בינע־פאַרוואַלטער מוז אויך האָבן זייער אַ סך געדולד, ווייל עס קומט אים אויס צו האַנדלען מיט עקסצענטריקער. דערצו מוז ער האָבן אַ גוטן זכרון, צו געדענקען טויזנטער דעטאַלן, און אַלע מאָל האָבן וואַך זיינע אויגן, און אין צייט אַלץ צו באַמערקן, ווייל בעת די פאָרשטעלונג גייט אָן, גילטן ניט קיינע תּרוצים. אין דעם איז ניט אַריינגערעכנט, וויפל אַרבעט דער בינע פאַרוואַלטער האָט ביים צוגרייטן די נייע פּיעסע, און מיט וויפל פאַרשיידענע מענטשן ס׳קומט אים אויס צו אַרבעטן הינטער דער בינע, ביז דער פאָרהאַנג גייט אַרויף. דניאל האָט אָבער אַלין געקענט, און האָט די אַלע מעלות באַזעסן. ער האָט אין זיינע פערציק יאָר, וואָס ער איז אויף דער בינע, אַלץ געוואָלט קענען. און אפשר האָט ער פאָראויס געזען די צייט, ווען די קענטעניש וועט אים צונוץ קומען? ס׳האָט אפילו לאַנג

גענומען ווייל ווען טעאַטערס האָבן שוין גענומען אַוועקפֿאַלן, און אַקטיאָרן האָבן זיך נאָך אַלץ געצײלט אין די הונדערטער, האָט דניאל נאָך אַלץ פֿאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין טעאַטער, ביז ס׳איז געקומען די צייט, אַז ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און האָט געמוזט אָננעמען וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט, אַבי צו זיין אין טעאַטער. אָבער צוגעוואוינען זיך דערצו איז פֿאַר אים אוממעגלעך געווען. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט פֿאַר וועמען. ביי דניאלן האָט קיינער גאָר ניט געוואוסט. ער האָט אַלע מאָל געשוויגן, און אין דעם שווייגן איז געלעגן זיין גרויסע טראַגעדיע.

באַלד ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, האָט דניאל זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל, וואָס האָט זיך געפֿונען צווישן פֿאָרהאַנג און „סוויטשבאָרד" מיט זיינע כּלי־זיין, וואָס זיינען באַשטאַנען פֿון אַ טיר, „בעל" און אַן „אָטאָ־האָרן". פֿון דעם ווינקל האָט ער געקענט געבן די סיגנאַלן צום עלעקטרישן, ווען מ׳האָט געדאַרפֿט מאַכן ליכטיק אָדער פֿינצטער אויף דער בינע, און צו דעם מאַן וואָס האָט געצויגן דעם פֿאָרהאַנג, ווען אים אַרונטערלאָזן. ביי דניאלן איז אַלץ געווען אויסגערעכנט, מיט אַ סיסטעם.

הדסה איז געווען די כאַראַקטער־סוברעטין אין דער טרופּע. שוין ביי די ערשטע פּראָבן האָט דניאל באַמערקט, אַז הדסה איז גאַנץ אַנדערש ווי די אַנדערע, זייענדיק אָבער שטאַרק פֿאַרנומען מיט צוגרייטן די פּיעסע, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט פֿאַר קיינעם.

צו דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, ווען הדסה איז אַרויף אויף דער בינע, איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער איז שוין פֿון זיין ווינקל ניט אַוועק, אַזוי לאַנג ווי די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן.

וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען ביי אים אין מוח, האָט טאַקע קיינער ניט געוואוסט, אָבער עס האָט זיך גענומען באַווייזן ביי אים אַ געוויסע אומרואיקייט. האָבן מענטשן אַרום דאָס אויסגעטייטשט, ס׳איז דערפֿאַר ווייל ער שפּילט ניט אין דער פּיעסע. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין די אורזאַך, פֿאַרוואָס דניאל פֿלעגט אַ יעדן טאָג קומען אַזוי פֿרי אין טעאַטער, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז הדסה קומט ניט אין טעאַטער פֿאַר 8 אַזייגער. צו איר אין דרעסינג רום, האָט ער ניט געקאָנט אַריין ווען די פֿאָרשטעלונג איז אָנגעגאַנגען,

איז ער געווען פֿאַרנומען הינטער דער בינע, און איידער דער פֿאָר־האַנג איז אַרויף, האָט ער באַדאַרפֿט אַלץ פֿאַרזאָרגן, און הדסה איז געווען פֿאַרנומען מיטן פּראָלאָג. האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ באַגריסונג, ווען ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען איר דרעסינג־רום און איר טיר איז געווען אָפֿן.

איין מאָל, ווען ער איז געזעסן אין דער פֿינצטער הינטער דער בינע, איז אַריינגעקומען פּרעד, דער עלעקטרישן, און ליכטיק גע־מאַכט. האָט דניאל זיך אַריינגעכאַפּט אין הדסהס דרעסינג־רום, און מיט דעם פּענזל, וואָס זי פֿלעגט אונטערפֿירן אירע שיינע אויגן, אויף גיך אָנגעשריבן אויף איר שפּיגל: „הדסה, איך האָב דיך ליב!“ ,

ער איז געווען זיכער, אַז יענעם אָוונט וועט הדסה צו אים רעדן. דאָס אַליין וואָס ער האָט געוואָלט. אָן אָנהויב! וועט ער שוין אַרויס מיט לשון. אָבער הדסה האָט זיך אפילו ניט וויסנדיק געמאַכט. דאָס האָט דניאלן פֿאַרדראָסן. אים איגנאָרירן? קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי שטאַרק ער האָט צוליב דעם געליטן... דאָס האָט פֿונ־דעסטוועגן דניאלן ניט צוריקגעהאַלטן פֿון ווידער זיצן אין זיין ווינקל, און קוקן אויף איר מיט פֿאַרליבטע אויגן, און ווי גרויס ער וואָלט איר געמאַכט, ווען זי גיט אים נאָר די מעגלעכקייט, אָבער ניט איין מאָל איז ער אַוועק פֿון טעאַטער נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַ צעבראָכענער. און צוליב דעם אַ סך מאָל ניט געקאָנט איינשלאָפֿן.

די דרעסערין, מרס. אַדלער, וועלכע איז אַליין אַמאָל געווען אַ גוטע אַקטריסע, האָט קיין סך אַרבעט אין דער פּיעסע ניט געהאַט, איז זי אַרומגעגאַנגען הינטער דער בינע, „מיט אָפֿענע אויגן“, און האָט אפילו באַמערקט זאַכן, וואָס מ׳האָט ניט באַדאַרפֿט... אָפֿט איז זי צוגעקומען צום ווינקל וואו דניאל איז געזעסן, און, מערסטנס, דע־מאָלט ווען הדסה איז געווען אויף דער בינע, און פֿלעגט כמעט אַלע מאָל שטיל באַמערקן: — זי פֿאַרמאָגט אַלץ!

דניאל פֿלעגט אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, אַלס סימן פֿון איינשטימיקייט מיט איר, און זי פֿלעגט ווייטער זיך צערעדן:

— זי איז שיין, קאָן טאַנצן און זינגען. און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? זי איז אָנגעשטאָפּט מיט טאַלענט. איך פֿאַרשטיי אָבער ניט פֿאַרוואָס זי איז אַליין?

— וואָס מיינסטו „אַליין״?

— ווי עס זעט אויס, קוקט זיך קיינער ניט אום אויף איר.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— פאַר מיר זיינען קיין סודות ניטאָ.

דניאל האָט איר איצט אָנגעקוקט. ווי ער וואָלט געוואָלט דער־קענען אויב זי זאָגט אים דעם אמת. זי האָט אָבער ווייטער גערעדט:

— פאַר מיר דאַרף מען זיך ניט באַהאַלטן. פאַרקערט, איך קאָן נאָך אַמאָל צוהעלפן...

— העלפן — מיט וואָס?

— אפילו נאָר מיט אַ גוט וואָרט. דו זיצסט דאָך דאָ ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין. צי אפשר קענסטו נאָך ניט די פּיעסע?

ער האָט צוגעשמייכלט, און שטיל געזאָגט:

— ס׳דאַרף זיין שטיל הינטער דער בינע, דערפאַר בין איך דאָך פאַראַנטוואָרטלעך, און דערפאַר זיץ איך דאָ.

— כ׳ווייס, ווען איך גיי דאָ פאַרביי, טרעף איך דיך דאָ.

— ס׳קען זיין, אַז עס איז דאָ אַ סיבה, דער אמת, אָבער, איז, אַז מ׳שפּילט שוין די פּיעסע מער ווי פופציק מאָל, און ביי מיר איז יעדע נאַכט אַ נייע פאָרשטעלונג. איך האָב איבערהויפּט ליב צו זען אַ צוויי־דריי, ווי זעלטן גוט זיי זיינען אין די ראָלן.

— איך פאַרשטיי ווען דו האָסט אַזוי שטאַרק ליב צו זען אויף דער בינע. איר וואָלט ביידע געמאַכט דאָס ריכטיקע פּאָרל

— דו מיינסט אַזוי?

— איך בין זיכער, דו וואָלסט פון איר געמאַכט אַ „סטאַר״.

— איז אפשר וואָלסטו זיך אַריינגעמישט?

— ווי זאָגט מען: אַ טאָפּ טאָן דעם וואָגן, קען דאָך ניט שאַטן...

דער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז געווען אומגעהויער. דניאל געדענקט ניט, ווען אַ פּיעסע האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, האָט דאָס אים גענומען פאַרדריסן, פאַרוואָס ער שפּילט ניט אין דער פּיעסע. ניט אַזוי צוליב דער ראָלע, ווי ער האָט געוואָלט שפּילן מיט הדסהן אין אַ סצענע, ווי קליין די סצענע זאָל ניט זיין, ווי אַנדערש וואָלט דעמאָלט געווען! אָבער צוליב דער עקאָנאָמי־שער לאַגע, מוז ער זיין צופרידן מיט דעם, וואָס ער קען זיצן אין זיין

ווינקל, און פון דער ווייטן כאַטש קוקן אויף איר...

אין דער טרופּע איז אויך געווען מישאַ גוזיק. ער האָט געשפּילט איינעם פון די יונגעלייט, ווייל זיין פיגור און שטימע האָבן דאָס אים דערלויבט. האָט ער, ווי מ׳זאָגט, געהאַט מזל אַרייַנצופאַלן אַלס „פּאַרטנער“ אויף דער בינע צו הדסהן. ווייל זיי האָבן ביידע באַדאַרפט זינגען און טאַנצן צוזאַמען, האָט זי מיט אים אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז זי האָט פון אים געמאַכט אַ שטיקל אַקטיאָר.

דניאל האָט גוזיקן געקענט פון ערשטן טאָג וואָס מ׳האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע, און ווען ס׳איז זיי אויסגעקומען צו אַרבעטן אין זעלבן טעאַטער אַ סעזאָן, האָט שוין דניאל מאַנעווירט, אַז זיי זאָלן האָבן איין „דרעסינג רום“. ווייל דאָס איינטיילן די „דרעסינג רומס“ געהערט אויך צום בינע-פאַרוואַלטער.

גוזיק איז געווען אַ שטילער מענטש, איז מיט אַלעמען געווען גוט-ברודער, דערפאַר זיינען אַלע געווען פריינטלעך צו אים, אָבער וואָס ער האָט אויף אַלעמען גערכילותט, דאָס האָט נאָר דניאל געוואוסט. דערצו איז ער געווען אַן עגאָאיסט, האָט זיך צעלייגט איבער דער גאַנצער „דרעסינג רום“ מיט זיינע קליידער, פאַרנומען אַ יעדעס ווינקל, ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען... נאָר אַזוי ווי דניאל האָט אין דער פּיעסע ניט געשפּילט, האָט ער זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט. עס פלעגט אים אָבער יאָ פאַרדריסן, ווען ער פלעגט זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף הדסהן.

נאָכן קורצן געשפּרעך וואָס דניאל האָט געהאַט מיט דער מרס. אַדלער, איז ער זיך ווידער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. ער האָט צו קיינעם מער גאָר ניט גערעדט. און דאָך האָט ער באַמערקט, ווי אַלע האָבן גענומען אויף אים קוקן מאָדנע, ווי אַלע וואָלטן שוין געוואוסט, פאַרוואָס ער זיצט דאָרט אין ווינקל, איבערהויפּט ווען הדסה איז אויף דער בינע. ער האָט דאָס אויף אַלעמען דערקענט, ווען זיי זיינען אים איצט פאַרבייגעגאַנגען, און איבּ צוגעוואָרפן אַ געמאַכטן שמייכל. יאָ, ער האָט דאָס דערקענט אין זייער כיטרען בליק.

אַ פּאָר וואָכן זיינען שוין אַוועק און די מרס. אַדלער האָט זיך אפילו ניט געוויזן פאַר זיינע אויגן. האָט ער ניט איין מאָל שוין איבערגעטראַכט, מיט וואָס איז זי אַזוי פאַרנומען, אַז זי קען אים אפילו ניט זען?

ווען ער האָט שוין מער צייט געהאַט, האָט ער אָנגעהויבן באַמערקן, ווי זיין פריינט גוזיק איז מער ביי הדסהן אין „דרעסינג רום" ווי ביי זיך, אָבער קיין השד האָט ער ניט געקענט האָבן. אַזוי ווי אין מיטנוואָך דאַרף מען שפּילן אַנדערע פּיעסן, און ס'איז ניטאָ גענוג צייט פאַר אַ סך פּראָבן, דאַרף מען זיך בעסער איינפאַרשטיין, בעסער איינשטודירן אַ פראַזע, איבערזינגען אַ דועט, אָדער איינשטעלן אַ טאַנץ, און אַמאָל אויסאַרבעטן אַ געוויסע סצענע. אין אַ סך פון די דעטאַלן האָט זיך געמערקט ווי הדסה מאַכט פון אים אַ שטיקל אַקטיאָר.

דניאל האָט לעצטנס ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג. ווען ער האָט נאָך דער פאָרשטעלונג פאַרלאָזט דאָס טעאַטער, האָט ער גייענדיק צו דער טאָבוועי געמוזט טראַכטן וואָס איז דאָ היינט פאָרגעקומען. בייטאָג, נאָך פּראָבע, האָט ער פּרובירט, שוין צום דריטן מאָל, איינצולאַדן הדסהן אויף דינער, האָט זי אים, אָן צערעמאָניעס, אָפּגעזאָגט. דער פּאַטש אין פּנים האָט אים נאָכגעהילכט אין די אויערן אַ לענגערע צייט.

ס'איז געווען אַ לאַנגער וועג אַהיים צו פאָרן, און ער האָט צייט געהאַט צו טראַכטן. פאַרוואָס ברענגט זי מיר ניט קיין ענטפער, און ווי אַזוי וויסן שוין כמעט אַלע אין טעאַטער, אַז איך בין פאַרליבט אין הדסהן? זאָל די מרס. אַדלער זיך האָבן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, און אַזוי איז אַרויס דער קלאַנג? צי אפשר איז גאָר שולדיק אין דעם גוזיק? ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט. איך מוז דאָס מאָרגן פּרובירן אויסגעפינען.

דניאל איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין גרים, ווען גוזיק איז אַריינגעקומען אין „דרעסינג רום" און אים געפרעגט:

— ביסט שוין פאַרטיק?

— יאָ, ווי דו זעסט, בין איך שוין פאַרטיק.

— אַזוי פרי? ווי שפּעט איז שוין?

— פאַר דיר איז נאָך גענוג פרי, דו האָסט נאָך צייט, איך אָבער מוז זיין פאַרטיק. דו ווייסט דאָך ווי עס איז, אַמאָל קען אין דער לעצטער מינוט עפּעס פעלן.

— דו מיינסט פאַר דער פאָרשטעלונג?

— ווייסטו ניט, מיין פריינט, מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן? די „סטעידזשהענט" טוען דאָך מיר אַ טובה וואָס זיי אַרבעטן.

— דאָס ווייס איך. זיי האָבן שוין אַזאַ רעפּוטאַציע.

— יאָ, נעמען געשוואָלענע געלטער און ווילן, אַז אַנדערע זאָלן אַרבעטן פאַר זיי.

— און וויפל געלט זיי נעמען איז זיי אַלץ ווייניק.

— און קענסט זיי גאָר ניט זאָגן.

— דערפאַר ביסטו דאָ אַזוי פרי?

— וואָס רעדסטו? איך בין זיך שוין היינט געגוג אָנגעלאָפן, ביז איך האָב אַלץ צוזאַמענגענומען.

— וואו איז ביל?

— ער האָט דאָך נאָך אַ דזשאָב. וועט ערשט אַריינקומען אַכט אַזייגער. איז ווי קען איך מיך פאַרלאָזן אויף אים? ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט: „די שאָו מאַסט גאָו אָן".

— ווײַבאַלד אַזוי, וועל איך מיך שוין אויך נעמען אויסשמירן. עפּעס בין איך היינט מיד, — האָט זיך גוזיק ווי באַקלאָגט.

— געוויס געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט.

— ווייס איך וואָס! איך קום אַהיים, בין איך אַזוי מיד, אַז איך בין צופרידן, אַז מיינע טשעפּעט מיך ניט.

— דאָס איז די עלטער, מיין פריינט.

— מעגסט דאָס נאָך אַמאָל זאָגן.

— פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז דו וואָלסט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ נייעם ראָמאַנס...

— ניט מער, מיין פריינט. ס'איז ניט אַמאָל. און ווידער, צו וואָס דאַרף איך דאָס? איך האָב אַ שיין יונג ווייבל, און מיט אַלע אַנ־דערע פרויען, — בין איך שוין פאַרטיק.

— מיט אַלע? — האָט דניאל געפּרוּווט נאָכפאָרשן, — און ווען הדסה וואָלט געזאָגט „יאָ"?

— ניט איך! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— פאַרוואָס ניט?

גוזיק האָט אַוועקגעלייגט דעם „ספּאָנדזש", האָט צוערשט אָנ־געקוקט דניאלן, און מיט אַ ציניש שמייכל אים געפרעגט:

— האָסטו אַמאָל באַמערקט...

— וואָס?

ער האָט געשמייכלט.

— פון וואָס מיינסטו קומט דאָס? אַ, באַי! אַ, באַי!...

— און איך האָב געמיינט, אַז דו, וואָס איז מיט איר אין דרע־סינג רום...

— ניט אַזוי פיל ווי זי, פון אַ פאַר וואָס איך ווייס, אַ, באַי! זי האָט דאָס ניט פיינט. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? ווען זי איז, דאַכט מיר, די איינציקע אין דער וועלט... אַ, באַי! ניט איך.

דניאל האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן פריינט, און ווייסנדיק וואָס פאַר אַ שיין ווייבל גוזיק האָט, האָט ער גענומען זיין וואָרט, און אים געגלויבט.

זונטיק, נאָך דער בייטאָג־יקער פאָרשטעלונג, זיינען אַלע שוין אַוועק, ביז דניאל איז פאַרטיק געוואָרן צוגרייטן וואָס מ׳האָט באַ־דאַרפט פאַר דער ביינאַכטיקער פאָרשטעלונג. דאַן איז ער ערשט געגאַנגען עסן. אָבער זונטיק איז ניט אַזוי לייכט אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, ווייל אַלע רעסטאָראַנען זיינען געפּאַקט, און מ׳דאַרף שטיין אין ריי און וואַרטן. האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין דער קאַ־פעטעריע, און שטייענדיק דאָרט אַ שטיקל צייט אין ריי, איז אים געלונגען עפּעס צו קריגן, און ווען ער האָט שוין אַלין וואָס ער האָט געוואָלט געהאַט אויף דעם טעצל, האָט ער זיך גענומען אַרומדרייען און זוכן אַ טיש, האָט ער באַמערקט וואו די מרס. אַדלער איז גע־זעסן, איז ער צוגעקומען צו איר טיש, און אַוועקשטעלנדיק דאָס עסן, האָט ער, מיט אַ שמייכל, צו איר געזאָגט:

— זונטיק איז ניטאָ וואו צו עסן.

— יאָ, איבעראַל איז געפּאַקט.

— וואו מ׳קומט אַריין, מוז מען שטיין אין דער ריי, און צו לאַנג וואַרטן, האָב איך ניט קיין געדולד.

— מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט שוין ניט קיין געדולד פאַר אַנ־דערע זאַכן אויך, — האָט זי געשמייכלט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט.

— איך ווייס ניט וואָס דו מיינסט.

— אַז מ׳וויל עפּעס קריגן, דאַרף מען פּרובירן. פאַרוואָס רעדסטו ניט צו איר?

— איך האָב שוין אפילו איינגעלאַדן איר אויף דינער.

— דאָס ווייס איך, און דו מעגסט וויסן, אַז זי האָט געפּילט זייער שלעכט, ווען זי האָט דיר באַדאַרפט אָפּזאָגן. זי האָט פּונקט דעם טאָג געהאַט פרײַנט וואָס האָבן געוואַרט אויף איר.

— אַזוי האָט זי דיר געזאָגט?

— יאָ, דאָס איז דער ריינער אמת.

— און וואָס איז געווען מיט די אַנדערע צוויי מאָל?

— דאָס ווייס איך שוין ניט.

— וואָס נאָך האָט זי דיר געזאָגט?

— אַז דו ביסט זייער אַ שטאָלצער.

— דאָס איז אַ חסרון?

— און אַז דו האָסט שוין געהאַט אַ סך פרויען.

— מײַנע שונאים זאָלן האָבן איין העמד און איין ווייב.

זי האָט זיך צעלאַכט, און די מענטשן וואָס זײַנען געזעסן ביי די טישלעך האָבן זיך אויסגעדרייט.

— פון וואַנען ווייסט זי דאָס אַלץ?

— וואָס מיינסטו, מ׳ווייס ניט?

— מערקווירדיק, איך שטיי קיינעם ניט צוקאָפּנס, און זי, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט געציילט מײַנע פרויען. ווי נאַריש! וואָס איז זי נעכטן געבוירן געוואָרן? מיט איינעם — זיך געגט, און פון אַנ־דערע — ווייס איך אויך. פאַרשטייסט דאָך, אַז איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט דערמאָנט, ווען דו וואָלסט מיר ניט דערציילט, וואָס זי האָט געזאָגט.

— אין דעם היגזיכט, ווייס איך, אַז דו ביסט אַ דזשענטלמאַן, און דערפאַר האַלט זי שטאַרק פון דיר.

— איז דאָך שוין ווידער גוט.

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס?

— דאָס בלייבט צווישן אונדז.

— האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, אַז איך בין אַ דזשענטלמאַן.

— מיר דאַכט זיך, אַז די אַנדערע...

— די וועלכע איז מיט איר אין דרעסינג רום?

— אַזוי גלויב איך, זי רעדט איר אָפּ.
— אויב נאָר דאָס איז די איינציקע אורזאַך, קען איך עסן רואיק.
— איך מוז נאָך גיין עפּעס קויפן, — זי האָט זיך אויפגעהויבן,
— דו בלייבסט נאָך דאָ?
— יאָ, וואָס האָב איך קיין צייט ניט?
— אַלראַיט, איך וועל דיך שפּעטער זען אין טעאַטער.

דניאל איז געבליבן זיצן אין דער קאַפעטעריע. אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען זיין קאַפע. האָט אַרויסגענומען זיין טאַבאַק, און האָט פאַררויכערט אַ פּייפ. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס הדסה האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז זי קען ניט ליידן דעם ריח פון אַ ציגאַר. ער האָט איצט געטראַכט, וואָס גוזיק האָט אים געזאָגט, און האָט שטיל אין זיין מחשבה צוגעגעבן, אַז ער האָט רעכט.

פון דעם טאָג אָן איז שוין דניאל ניט געזעסן אין ווינקל. ער האָט געוואָלט זי אַרויסרייסן פון זיך, ווייל אים האָט נאָך אַ פרוי קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן זיך פאַר אים לאַנג געצויגן און ס'איז שוין ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש צו זיין אין טעאַטער.

ענדלעך האָט זיך דער סעזאָן געענדיקט. דער פאָרהאַנג איז אַראָפּ, און די לעצטע פאָרשטעלונג איז פאַריבער. דניאל האָט זיך מיט אַלעמען געזעגנט, און אַלע האָבן אים געלויבט, ווי אָנגענעם עס איז געווען צו זיין מיט אים, און וואָס פאַר אַ טרייע קאָאָפּעראַציע ער האָט אַלעמען געגעבן, און האָט פיל מיטגעהאָלפן, אַז יעדע פאָר־שטעלונג זאָל זיין אַ דערפאָלג. צו הדסהן האָט ער בלויז געזאָגט „גוד נאַיט", ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען איר דרעסינג־רום.

אַ פּאָר וואָכן נאָכן סעזאָן, איז הדסה מיט גוזיקן אַנטלאָפן, און קיינער ווייסט ניט הינטער וועלכע קוליסן זיי זיינען פאַרשוואונדן...

טיפּן פון מײַנע געשריבענע פּיעסן







דוד דענק

די פרוי וואָס גאָט האָט פאַרגעסן

הינטער די גראַטעס.

אירע לעצטע טרערן.

דער איד אין געפאַר.

די יאַרמעלקע

קאַרל גאָלדמאַן געדענקט אַליין ניט ווען ער האָט „געגעבן" אַזאַ גוטע און ערלעכע פֿאַרשטעלונג. דעם אָוונט איז ער ווירקלעך געווען הערלעך. דער פֿאָרהאַנג איז אַרויף און אַראָפּ צענדליקער מאָל. די אַפּלאָדיסמענטן פֿון דעם עולם האָבן פּשוט פֿאַרהילכט דאָס טעאַטער. אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און דער כאָר וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער בינע, האָבן געקוקט אויף קאַרל און קיינער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ער האָט זיך היינט מער אויסגעצייכנט ווי אַלע מאָל. יעדער האָט געוואוסט, אַז קאַרל איז אַ גוטער אַקטיאָר, אָבער צו זייַן אַזוי גוט, און אַזוי גרויס האָט זיך קיינער ניט פֿאַרגעשטעלט.

ס'איז שוין געווען פֿינצטער אין טעאַטער און דער קלאַנג פֿון די אַפּלאָדיסמענטן האָט נאָך אָנגעהאַלטן. ווען דער פֿאָרהאַנג איז שוין געווען אינגאַנצן אַראָפּגעפֿאַלן און דער גרויסער טומל איז אָפּגעשטאָרבן, איז נאָך קאַרל געשטאַנען אויף דער האַלב פֿינצטערער בינע ביז צו די לעצטע אַקאָרדן פֿון דעם שיינער מוזיק, וואָס אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי האָט אָנגעשריבן זיינען שטיל געוואָרן.

די מיידלעך מיט זייערע האַלב־נאַקעטע קערפּערס האַלטנדיק זייערע בינע־קליידער אין די הענט, זיינען זיך באַלד צעלאָפֿן, און די אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן אויך אין אַ שנעלער טעמפּאָ פֿאַרלאָזט די בינע. ווען קאַרל איז פֿאַרבייגעגאַנגען זייערע „דרעסינג רומס", האָט ער באַמערקט ווי אַ סך זיינען שוין געווען אויסגריימירט, די פֿרויען שוין איבערגדימירט און אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געהאַט די קליידער אויף זיך זיינען זיי געלאָפֿן, ווער פֿאַרכאַפּן אַ פֿריינט אין דער לאָבי פֿון טעאַטער, ווער ס'האָט געוואָלט זיין פֿריער אין דער ראָיאַל קאַפֿע דאָרט פֿאַרכאַפּן אַ בענקל. און אויף געוויסע אַקטיאָרן האָט מען געוואַרט, אַנדערע זיינען געווען מיד און שוין געוואָלט אַהיים גיין, דערפֿאַר זיינען אַלע געלאָפֿן, נאָר קאַרל האָט

זיך גענומען צייט און נאָר ער אַליין האָט געוואוסט פאַרוואָס ער איז היינט געווען אַזוי גרויס און אַזוי גוט.

פּראָבע האָט ער געמאַכט גלייך מיט אַלעמען, פאַרנומען בייטאָג און ביינאַכט פּונקט ווי אַלע, שטאַרק באַשעפטיקט די לעצטע עטלעכע טעג ווי יעדער איינער, מיטן צוגרייטן זיך פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג, געהאַט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אפשר מער ווי אַלע, ווייל אין אַזאַ צייט טראַכט מען אַ סך מאָל אפשר וועט די אָדער יענע סצענע ניט געלינגען. פאַר שרעק פאַרגעסט מען אַמאָל אַ רעפּליק און דאָס קען אַמאָל איבערפירן די גאַנצע האַנדלונג פון דער פּיעסע, אָדער ס'טרעפט עפּעס אין דער טעכנישער זייט און צוליב דעם קען איבערגעפירט ווערן די בעסטע סצענע. ניט איין מאָל פאַלט דאָס האַרץ שיער אַרויס ווען דאָס טרעפט, און דערפאַר אפשר שטעלט מען אַקטיאָרן צו פינף יאָר ביים אַרויסנעמען אַ פאַרזיכערונגס פּאָליסי.

די אָנשטרענגונג פאַר איין ערשטער פאָרשטעלונג איז צוליב אַ סך אורזאַכן זייער גרויס. די לאַנגע וואָכן פּראָבע וואָס מ'מאַכט, דאָס ליגן אַ גאַנצן טאָג און אַ סך מאָל ביז שפּעט ביינאַכט אין טעאַטער. ניט אַלע מאָל איז די בינע פריי פאַר פּראָבע. אַ סך מאָל פאַרנומען מיט צוגרייטן די „סינעריס" וואָס מ'בויט אויף דער בינע, דאַן קומט אויס צו מאַכן פּראָבע אין דער לאָבי, אָדער אויף אַ באַלקאָן פון טעאַטער וואו ס'איז אפילו ניטאָ קיין איבעריקער בענקל וואו זיך אַוועקצוזעצן, און מ'קאָן אַמאָל אָפּשטיין שעה'ן לאַנג, און היינט דאָס שלעפּן זיך איעדן טאָג אין דער סאָבוועי ביז מ'קומט אין טעאַטער אַריין! און ווען מ'איז שוין באַלד האַלב פאַרטיק מיט די פּראָבן הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט קאָסטיומען, שיך און אַנדערע זאַכן, וואָס מ'דאַרף פאַר דער פּיעסע.

צווערשט קומט דער סטיל פון די קליידער, דערנאָך די פּאַסנדע סחורה, און אַז עס איז שוין אַלעס דאָ, הויבט זיך אָן אַ צווייטע סדרה, מיט מעסטן און צערעכטמאַכן, דערפאַר דאַרף מען אַלע מאָל לויפן צום גאַרדעראָבער און ווען אַלעס איז שוין פאַרטיק, כאַפּט מען זיך ניט איין מאָל און, פּונקט פאַר דער פאָרשטעלונג, אַז דעם אָדער יענעם פעלט עפּעס און ס'מוז זיין, ווייל די קלענסטע זאַך קען אַמאָל שטערן

צו דער פאָרשטעלונג, איבערהויפּט ביי קאַרלען האָט איעדער זאַך גע־מוזט זיין פּערפעקט. די קלייניקייטן מאַכן זייער אָפט מאָל מיד און נאָך מער אויפגערעגט, און ווען ס׳איז שוין אַלץ דאָ, און מ׳דאַרף שוין אַרויפגיין אויף דער בינע אין ווייזן פאַרוואָס מ׳האָט אַזוי פיל וואָכן שווער געאַרבעט, דאַרף מען איצט גוט מאַכן ניט פאַר איינעם, נאָר פאַר צוויי מיט וועלכע דער בעסערער אַקטיאָר רעכנט זיך זייער פיל: דער קריטיקער און דער עולם. דער ערשטער, וועלכער קומט דעם אָוונט אין טעאַטער, מיט אָפענע אויגן און מיט אויסגעשטאָפּטע אויערן; און פאַר דעם גוטן עולם, וואָס איז איבערהויפּט אין אַזאַ אָוונט זייער פריי מיט זיינע הענט און פאַר אים דאַרף מען זיין נאָך פּאַרזיכטיקער. איז קיין וואונדער ניט וואָס די נערוועזיטעט פון אַן ערשטער פאָרשטעלונג איז אַזוי גרויס, ווייל יעדער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע וויל גוט מאַכן.

פאַר קאַרלען איז דער היינטיקער אָוונט געווען אַ סך שווערער, ווייל ער האָט היינט געוואָלט גוט מאַכן פאַר איינער, וועלכע איז אין דעם מאָמענט ביי אים געשטאַנען העכער פון די קריטיקער מיטן עולם צוזאַמען. ס׳איז ניט לאַנג ווי ער האָט זיך מיט איר באַ־קענט, און זי האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ וואונדערבאַרן איינדרוק, אַז ס׳האָט אים שוין מער קיינער ניט אינטערעסירט. ס׳איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז די גאַנצע אַרבעט וואָס ער האָט די אַלע וואָכן אַריינגעלייגט, מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט זיך צוגעגרייט צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג איז נאָר געווען צוליב איר. ס׳איז אפילו געפאַלן אַביסל שווערער פאַר אים, ווייל ער האָט באַדאַרפט איעדן טאָג פאָרן פון די בראָנקס ביז צווייטער עוועניו און פערטע גאַס, און אַלע מאָל געווען אין צייט צו פּראָבע. אַ סך אַקטיאָרן, וואָס האָבן געוואוינט נעבן טעאַטער האָבן דאָס אַ סך מאָל ניט באַוויזן און געקומען שפּעט. קאַרל האָט אָבער געהאַט גרויס רעספּעקט פאַרן עולם און מורא פאַר דער קריטיק. נאָך דער שווערער פאָרשטעלונג איז ער ניט געלאָפן, ער האָט זיך געמוזט נעמען צייט און איז אַראָפּ פון דער בינע שפּעטער פון אַלעמען. ווען ער האָט אַרונטערגענומען דעם שמינק פון זיין פּנים, האָט ער אַריינגעקוקט אין שפּיגל און גע־טראַכט פון איין פאַרזאָן: ליזאַ. לײַדער, איז זי דאָרט ניט געווען,

דערפאַר האָבן אים זייער ווייניק אינטערעסירט די אַלע אַפּלאָדיסמענטן מיט די אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס ס'קומען פאָר ביי אַזאַ אָוונט. ווען מ'וואָלט אים געפרעגט וואָלט ער זיכער געזאָגט, אַז ער האָט גאָרניט געהערט זייענדיק פאַרנומען ווען ער האָט מיט די אויגן איך געזוכט צווישן עולם, און נאָכן גרויסן טומל, ווען ער איז געבליבן אַליין אויף דער בינע, האָט ער געוואָלט הערן די לעצטע קלאַנגען פון דער זיסער מעלאָדיע:

פאַרוואָס האָב איך זיך —
באַגעגנט אַביסל צו שפּעט?

די ווערטער האָבן אים דערמאָנט פאַרוואָס זי האָט דאָרט היינט ניט געקענט זיין. דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ שווערן זיפץ, האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט:

— יאָ, מיר האָבן זיך, דאַכט מיר, באַגעגנט אַביסל צו שפּעט!

ער האָט דערפילט, אַז באַלד וועט ער בלייבן אַליין אין טעאַטער. האָט ער שנעל אַ כאַפּ געטאָן די פּאָדער פּאָז, און זיך גענומען צו־אײלן, אין דער צייט איז דער בינע־פאַרוואַלטער פאַרביי געגאַנגען זיין „דרעסינג־רום", וואו די טיר איז געווען אָפן, האָט ער, אַריינקוקנדיק, אים געפרעגט:

— איר זענט נאָך דאָ, מר. גאָלדמאַן?

— יאָ, וואָס וועל איך זיך אײלן?

— אַלע זיינען שוין אַוועק.

— איך וועל גאָרניט אָנווערן. קיינער וואַרט ניט אויף מיר, דאָס בין איך זיכער. מיין פריינט, איר דאַרפט שוין וויסן, אַז מיין איינציקע געליבטע איז דאָס טעאַטער.

— דאָס, מר. גאָלדמאַן, האָבן מיר אַלע היינט געזען.

— ווייסט איר דאָך, אַז פון אַ געליבטער אַנטלויפט מען ניט.

— יאָ, אָבער ס'ווערט דאָך שפּעט.

— איז וואָס, כ'בין זיכער, אַז מיר וועלן גאָרניט פאַרשפּעטיקן.

— איך מוז גיין, איך בין שטאַרק מיד, ליג דאָ פון נייַן אין דער פרי. ס'איז שוין נאָך צוועלף. אַ גוטע נאַכט.

— איך גיי שוין אויך.

כמעט אַלע זיינען נאָך געשטאַנען אין דער לאָבי פון טעאַטער. ווער מיט פריינט, ווער מיט באַקאַנטע, און ווער מיט פאַמיליע. א פּאָר אַקטיאָרן וואָס האָבן ליב אונטערצושמייכלען ווען קריטיקער האָבן זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן, וועלנדיק שוין וויסן ווי גרויס זיי זיינען געווען... ווען קאַרל איז אַרויסגעקומען איז ער זיי אַלעמען פאַרבייגעגאַנגען און פריינטלעך באַגריסט. לאָזנדיק זיך צו דער דרויסן טיר האָט אים דער מענעדזשער, מר. פאַרנעס, אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק:

— דאָס איז פאַר אייך, מר. גאָלדמאַן.

— פאַר מיר גאָר?

ער האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף דעם פּאַקעט, וואָס פאַרנעס האָט אים געגעבן. ניט וויסנדיק וואָס דאָס איז, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו אים:

— אַזוי האָט זי געזאָגט, מר. גאָלדמאַן.

— אַזוי?

— יאָ. דאָס פּעקל האָט געבראַכט אַ פרוי, אַ שיינע ליידי.

— און זי האָט גאָרניט געזאָגט?

— ניין, בלויז דאָס אייך איבערגעבן.

— ניט מער?

— ניט מער. מעגלעך, אַז דאָס פּעקל וועט רעדן פאַר זיך אַליין.

— אויך רעכט.

— זי איז באַלד אַוועק.

— אַ שיינעם דאַנק אייך.

ער האָט ווידער באַטראַכט דאָס פּעקל. די אַקטיאָרן האָבן שוין באַמערקט ווי פאַרוואונדערט ער קוקט אויף דעם, האַלטנדיק דאָס אין דער האַנט, ווייל ס'איז געווען אַ סורפּריז צו אים. און — פאַר־וואָס איז זי ניט אַריינגעקומען אין טעאַטער. פון וועמען קען דאָס זיין? ער האָט זיך געפּרוווט דערמאָנען וועמען ער האָט געזאָגט, אַז ער הויבט־אָן צו שפּילן אין פּאַבליק טעאַטער. ניין! ער האָט קיינעם ניט געזאָגט. מ'האָט דאָס געוויס באַמערקט אין די צייטונגען. איז טאַקע אינטערעסאַנט צו זען ווער ס'האָט זיינט געטראַכט פון מיר... אין דער צייט האָט ער צעגומען דאָס גרינע פּאַפּיר און פון

דאָרט אַרויסגענומען אַ בוך, ער האָט אים באַטראַכט אויף אַלע זייטן, און שאַרף געקוקט אויף דעם גאָלדענעם שריפט.

„גוד נאַיט, סוויט פּרינץ‟, פון גיני פאָוולער.

— זייער אינטערעסאַנט. אָבער פון וועמען? אַזאַ שיינע מתנה איז ווי צוגעפּאַסט פאַר דעם היינטיקן אָוונט.

ער האָט אַ קורצן שמייכל געטאָן, זיך דערמאָנענדיק, אַז ער איז דער איינציקער היינט אָוונט, וואָס האָט עפּעס געקראָגן, אַחוץ, נאַטירלעך, די בלומען וואָס מ׳האָט דערלאַנגט אויף דער בינע. דאָס נעמען אַלע מאָל אַוועק די פרויען. ער האָט גענומען בלעטערן דעם בוך און באַטראַכט די בילדער דאָרט פון פאַרשידענע ראָלן, וואָס דער אַקטיאָר דזשאָן באַרימאָר האָט געשפּילט, ווי אויך די צייכענונגען וואָס ער אַליין האָט געצייכנט. ער האָט זיך פאַרטראַכט, און ווער ס׳איז אים פאַרבייגעגאַנגען האָט אים נייגעריק געפרעגט:

— אַזוי פאַרטראַכט! וואָס פאַר אַ בוך איז דאָס, מר. גאָלדמאַן?

— „גוד נאַיט, סוויט פּרינץ‟.

— גוד נאַיט, איז גוד נאַיט!

ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעריסן פון בוך, אויפגעהויבן זיינע שיינע ליכטיקע אויגן, וועלכע האָבן איצט נאָך מער געשיינט פאַר פרייד און האָט דעם פרעגער מיט אַ שמייכל באַגלייט ביז יענער איז אַוועק, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין קיינער אין דער לאָבי ניטאָ, האָט ער פאַרמאַכט דעם בוך און איז אַוועק פון טעאַטער.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווען קאַרל האָט פאַרלאָזט די ראָיאַל קאַפע. אַרונטערגעקומען אין דער סאָבוועי אויף דער 14טער גאַס האָט ער באַדאַרפט וואַרטן פאַר אַ טרעין, ווייל אין דער צייט נעמט אַביסל לענגער ביז אַ טרעין קומט, האָט ער דערווייל זיך אַרומגעדרייט און באַטראַכט די טשיקאַווע רעקלאַמען, וואָס געפינען זיך אויף די ווענט, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, נאָך אַלץ טראַכטנדיק ווער ס׳האָט אים געבראַכט די שיינע מתנה, און ווער האָט פון אים היינט געטראַכט? וועלנדיק נאָך אַמאָל אויפמאַכן דעם בוך איז אָנגעקומען אַ „טרעין‟, איז ער גלייך אַריין. דאָרט וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איז געלעגן אַ צייטונג, אין וועלכער ער האָט אַריינגעקוקט ביז ער האָט באַדאַרפט אַרונטערגיין.

אַרויסקומענדיק אויף דעם בוידעם שטיבל וואו ער האָט גע־וואוינט, האָט ער שנעל אַ וואָרף־געטאָן דעם בוך אויף דעם טיש, און ווען ער האָט ליכטיק געמאַכט, איז דער בוך געווען אָפן און אויף דעם ערשטן בלעטל איז געווען אָנגעשריבן:

צו קאַרל
מיט די בעסטע וואונטשן
פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט.
ליזאַ. אָקטאָבער 4, 1944

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דער שיינער האַנטשריפט און מיט אַ צופרידענעם שמייכל געזאָגט:

— זי האָט ניט פאַרגעסן.

די ערשטע עטלעכע וואָכן איז קאַרל געווען פאַרנומען אין טע־אַטער, געשפילט איטלעכן אָוונט, און דערפאַר האָט ער נאָר געקענט זען ליזאַן ווען זי האָט צייט געהאַט אַרויפצוקומען אין זיין בוידעם שטיבל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליבע־נעסט ביז ער האָט באַדאַרפט פאָרן אין טעאַטער, און זי האָט באַדאַרפט פאָרן אַהיים.

אין דער ערשטער פרייער נאַכט האָט ער באַשלאָסן אַרויפצו־קומען צו די בערלינערס. דאָס איז געווען דאָנערשטיק אָוונט, פונקט 8:30, ווען קאַרל איז געשטאַנען אויף דעם צווייטן פלאָר און גע־קלונגען. באַלד האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר, און ליזאַ איז געשטאַ־נען מיט אַ ליבן שמייכל זאָגנדיק צו אים:

— ענדלעך האָבן מיר אַ גאַסט.

— אַזוי איז עס שוין. זייענדיק אַ שקלאַף פון פאָלק, מוז מען אַ פראָסטן דאָנערשטיק פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב. אַ גוטן אָוונט איך.

אַריינקומענדיק האָט קאַרל באַלד באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אין אַ שיין אייראָפּייאישער בעל־הביתישער הייב. זיי האָבן אַלעס געבראַכט פון אייראָפּע, האָט אַלץ אויסגעזען אַנדערש, יעדע זאַך האָט זיך דאָ געפונען אויף דעם ריכטיקן פלאַץ איינגעאָרדנט מיט

דער דייטשישער פּינקטלעכקייט: אין דעם גאַסט־צימער וואו מ'האָט אים באַלד אַריינגעפירט האָט ער ניט נאָר באַמערקט, נאָר טאַקע באַלד דערפילט, אַז ער געפינט זיך דאָ אין אַ אמת יידיש הויז, ער איז געבליבן שטיין און אַלעם באַטראַכט. דורך דער גלעזערנער טיר וואו ער איז איצט אַדורכגעגאַנגען האָט ער אין דער לינקער זייט באַמערקט אַ גרענד פּיאַנאָ. אויף וועלכער ס'איז געשטאַנען אַן אַנטיק־לאָמפּ אין מאָדערנעם סטיל. אין וועלכן ס'איז געווען אָנגעשפּאַרט אַ אידישער קאַלענדאַר פון ישראל. אין דעם זעלבן ווינקל האָט זיך געפונען אַ פענצטער, אויף וועלכן ס'זיינען געשטאַנען עטלעכע קליינע בלומען־טעפּ מיט פאַרשידענע בלומען; איבערן פענצטער הענגען צוויי האַלב־צענומענע פאַרהאַנגען, דורך וועלכע מ'קאָן זען וואָס אין צווייטן הויז קומט פאָר; הינטערן פענצטער געפינט זיך אַ קליין טישל, אויף וועלכן ס'ליגן עטלעכע ספרים, און נעבן דעם אַ שטייענדער גרויסער לאָמפּ און אַ לאַנגער „בופעט קלאָזעט", וואָס דינט דאָ פאַר אַ סך זאַכן: דאָרט שטייט אַ „רעקאָרד פּלייער". אַ זילבערנער סעט פאַר קאַפע, אין דער אַנדערער זייט אַ ראַדיאָ, און אַנדערע קלייניקייטן, באַלד נאָך חעם איז אַ טיר, וואָס פירט אין די איבעריקע צימערן; צו דער רעכטער זייט פון דער טיר געפינט זיך אַ גלעזערנער פאַרמאַכטער שאַנק, אין וועלכן ס'געפינט זיך אַ שיינער זילבערנער חנוכה לאָמפּ, צוויי זילבערנע לייכטער מיט אַ זילבערנער טאַץ פאַר צינדן ליכט, אַ זילבערנע אַנטיק פּושקע פאַר אַן אתרוג, אַ זילבערנע קרוין־קאַרק פאַר דעם פלעשל וויין צו מאַכן קידוש. וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט יעדן פרייטאָג אָונט און שבת אַ גאַנצן טאָג אויפן טיש מיט אַ זילבערנעם כוס אין אַ זילבערן טעצל מיט אַ זילבערנעם מעסער און אַ רויטער צודעק פאַר די חלות, און נאָך אַנדערע פאַרשידענע אַנטיקן פון ישראל. נאָך דעם געפינט זיך אַ גרויסער און ברייטער „קאָוטש" מיט אַ סך פאַרשידענע קאָלירטע קישעלעך, אין נאָך אַ שטייענדער לאָמפּ הינטער אַ גרויסן געבעטן שטול מיט אַ טישעלע, אויף וועלכן ליזאַ האָט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע „סעראַמיק" שיסל מיט פאַרשידענע פרוכטן און צוויי עפּאַכטלעך מיט שאָקאָלאַד נאָך דעם ווי זי האָט דערלאַנגט טיי מיט לעקעך, האָט זי געגעבן פּאַפּירענע סערוועטקעס און זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם

קאָנטש פּונקט אַקעגן קאַרלען, ער איז שוין געזעסן אויף דעם צו־געשטעלט בענקל, צוערשט האָט זי אַלעס באַטראַכט, אויב ס׳איז אין אָרדענונג.

— פאַרוואָס נעמט איר ניט עפּעס, מר. גאָלדמאַן? — האָט ליזאַ געזאָגט, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון אים. ער האָט אַלעס באַטראַכט, ווי שיין ס׳האָט אויסגעזען, און אַ שמייכל געטאָן, ווי פאַרמעל זי רעדט צו אים. באַמערקנדיק מר. בערלינער נעבן זיך האָט ער זיך געכאַפּט וואו ער געפינט זיך, און שטיל געזאָגט:

— איך וועל, די נאַכט איז נאָך גרויס.

— ניט פאַר מיר, — האָט מר. בערלינער געזאָגט, זיצנדיק אויף דעם שטול אַקעגן קאַרלען, וועלכער האָט אים איצט אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ער איז דאָך ערשט אַריינגעקומען, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ליזאַן און אַ קורצן שמייכל געטאָן זאָגנדיק:

— איך האָב געוואַרט . . .

— ניט פאַר מיר, ווייל איך בין אַלע מאָל פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— יאָ, יאָ, זי איז ניט אַזאַ שלומיאל ווי איך! — האָט בערלינער געזאָגט אין דייטש, קוקנדיק אויף קאַרלען, וועלכער האָט שוין אויף זיך דערפילט זיין אומנאַטירלעכן בליק און זיך גענומען רויטלען און אין זיין געגנוואַרט ניט געקוקט אויף ליזאַן, בעת ליזאַ האָט גענו־מען זיין טעלער און געפרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— וואָס איר וועט אַרויפלייגן אויפן טעלער.

— דאָס זעלבע פאַר מיר, נאָר אַ גרעסערע פּאָרציע, — האָט אויך בערלינער געענטפערט און ליזאַ האָט אָנגעפילט דעם טעלער, כאַפּנדיק אַ שנעלן בליק צו קאַרלען. ווען זי האָט איר מאַן דערלאַנגט דעם טעלער מיט פּרוכט, האָט ער לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיינע אויגן און באַמערקט ווי זי שמייכלט צו אים. בערלינער איז געזעסן און באַ־טראַכט די פּרוכטן, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט, וועלכע פריער צו נעמען, און ווען קאַרל האָט גענומען אַ באַנאַנע, האָט בערלינער געטאָן דאָס זעלבע, אָבער ער האָט באַלד איינגעביסן, בעת קאַרל האָט זיך

באַנוצט מיט דעם קליינעם מעסערל, וואָס איז געווען אויף דעם טעלער.

זיי האָבן איצט געדעדט פון דער פאַרשטעלונג, וואָס זיי האָבן ניט לאַנג צוריק געזען אין פּאַבליק טעאַטער, און ווי שטאַרק ס׳איז זיי אַלם געפעלן. איבערהויפּט האָט איצט קאַרל באַוואונדערט דעם פיינעם געשמאַק, וואָס בערלינער האָט אַרויסגעוויזן אין פאַרשטיין מוזיק און קונסט, אויף דעם האָבן אויך עדות געזאָגט די טייערע ביל־דער, וואָס הענגען אויף די ווענט, אַ פּאָר זייער געלונגענע צייכענונגען פון לייב קאַדיסאָן.

ווי פון אַ שלאַנג געביסן האָט זיך בערלינער בליץ שנעל אויפ־געהויבן אַזוי שנעל ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער באַרנע, און פאַרשוואונדן אין די איבעריקע צימערן. קאַרל און ליזאַ זיינען געבליבן זיצן און זיך אָנגעקוקט. נאָך אַ קורצע פּויזע האָט ער איר געפרעגט:

— וואָס איז מיט אים?
— גאָרניט. ער מוז גיין שלאָפן.
— שוין שלאָפן?
— ווייל ער שטייט אויף זייער פרי.
— צו דער אַרבעט?
— פריער גייט ער אין שול אַריין ...
— דאַוונען?
— יעדן טאָג.
— איז ער דאָך פרימער ווי איך האָב געדענקט.
— זייער פרום, אפשר צוליב זיין קראַנקהייט.
— ווי באַלד אַזוי ... — ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן.
— ער ווערט באַלד אַנטשלאָפן.

קאַרל האָט ברייט אויפגעמאַכט זיינע אויגן און ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָט זי זייער ליבלעך געשמייכלט צו אים, האָט ער דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט. זיין פנים האָט גענומען פלאַ־מען, טראַכטנדיק: זאָל עס מעגלעך זיין? ... דער „עקספּירענץ“ וואָלט זיכער פאַר אים ניי געווען, ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט וואו ער געפינט זיך, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער

וואָלט געוואָלט פֿון זיך עפּעס אַרונטערוואַרפֿן, און ניט ווילנדיק מער טראַכטן דערפֿון, האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט, ווען מיר זייַנען געווען אין קאָטליצקיס, ווען מיר זייַנען נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַריין דאָרט פֿאַר קאַפֿע, ווי ער איז די גאַנצע צייַט געזעסן מיטן „העט", און מער ווי קאַפֿע, דאַכט מיר, האָט ער ניט געהאַט.

— אין די רעסטאָראַנען עסט ער ניט.

— וואָס מייַנסטו, קאַפֿע מיט עפּעס איז עסן?

— אפֿילו אַזוי ווייניק איז פֿאַר אים דאָס פּלאַץ ניט כשר.

— דו מייַנסט צו זאָגן...

— יאָ, דאָ אין הויז איז אַלץ כשר.

— אפֿילו...

— יאָ, איך בין דאָס געווען באַלד נאָך דער חתונה.

— איז ער אַלע מאָל אַזוי געווען?

— פֿרום יאָ, אָבער קיינמאָל ניט אַזוי פֿאַנאַטיש, ווי ער איז געוואָרן די לעצטע צייַט. איך ווייס וואו מיר געפֿינען זיך, ער וויל דערפֿון ניט וויסן, איך ווייס אפֿילו פֿאַרוואָס ער איז אַזוי שנעל אַוועק.

— פֿאַרוואָס?

— ביי אַ געלעגנהייט וועל איך עס דיר זאָגן. פֿאַרוואָס עסטו ניט?

קאַרל האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט דערפֿילט אַן אינערלעכן פֿאַרדרוס, אפֿשר האָט ער אינגאַנצן ניט באַדאַרפֿט אַרויפֿקומען, ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז אַ סך מער וויפֿל זי האָט אים שוין דערציילט. און פֿאַרוואָס באַהאַלט מען אַזעלכע וויכטיקע זאַכן, וועלכע קענען שפּעטער שטאַרק פֿאַרדריסן? זיי האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, אין הויז איז געווען זייער שטיל, בלויז איין לאָמפּ האָט איצט געברענט. זייַנען זיי ביידע געזעסן ווי אייַנגעוויקלט אין אַ טונקעלער מיסטעריעזער אַטמאָספֿער. זי איז אים אָבער געווען אַזוי צום האַרצן מיט איר פֿיינקייט און אינטעליגענטער האַלטונג. שוין אַ שטיק צייַט ווי זיי ביידעס שטיבל איז געוואָרן ווי אַ ליבע־נעסט בלויז פֿאַר איר, איז דאָך עס זיכער דערפֿאַר ווייל ער האָט איר ליב. און איצט האָט ער דאָס דערפֿילט נאָך מער, ווייל זי איז אין זייַנע

אויגן אַן אָפּגענאַרטע, ער האָט איר קיינמאָל ניט געזאָגט ווי קראַנק ער איז, דאַרף זי אוועקוואַרפן איר גאַנץ לעבן? אַן אַנדערע וואָלט אים שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן, זי איז אָבער זייער אַ גוטע, און זי האָט מיטלייד מיט אים. און אַ ים מיט געדולד, דאָס איז אים שטאַרק געפעלן און דערפאַר האָט זי איצט אויסגעזען אַ סך שענער. אפשר איז בעסער, וואָס ער איז אַרויפגעקומען. ער זעט איצט אַ נייע ליזא, איר פּנים האָט אַביסל געפלאַמט ווען זי האָט נאָך אַלץ שמייכלענדיק צו אים געזאָגט:

— ווי דו קוקסט אויף מיר, פאַרשטיי איך וואָס דו טראַכסט.

— קענסט עפּעס טאָן דערצו?

— איך בין ניט זיכער אויב ער שלאָפט שוין.

קאַרל האָט אַ קורצן משייכל געטאָן, ווי זי וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווייל ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז בערלינער קוקט אויף זיי, ביז ער האָט שטיל געזאָגט:

— ווער קאָן אַזוי לאַנג וואַרטן.

— וואַרטן אויף וואָס?

— דאָ איז דאָך אַלץ כשר...

שמייכלענדיק איז זי אַראָפּ פון קאַנאַפּע און איז אַוועק. ער האָט איר נאָכגעקוקט ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען צו דער טיר. ווען ער איז שטיין געבליבן איז ליזא אַריינגעקומען, און צו אים שטיל געזאָגט:

— ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, איך בין אָבער ניט זיכער אויב ער שלאָפט שוין.

— בעסער אַזוי.

— פאַרוואָס בעסער?

— ווייל איך גיי אַהיים.

— איז ווען זעען מיר זיך?

— אויב איך וועל ענדיקן פרי מאָרגן.

קאַרל האָט אין דער צייט אויפגעמאַכט די טיר, איר אַ קוש געטאָן און שטיל געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, מיין בשרע געליבטע.

— אַ גוטע נאַכט, מיין ליבער, זיי פאָרזיכטיק.

— דערפאַר גיי איך אַהיים...

***

ס׳איז געווען אין אַ מיטוואָך, ווען קאַרל איז געזעסן ביי זיך אין בוידעם שטיבל, און אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטער באַוואונדערנדיק די שיינע ביימער פון דעם בראָנקס פּאַרק, און געטראַכט פון ליזאַן. כמעט דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געחלומט צו האָבן אַזאַ פריינדין ווי זי איז. פאַר איר האָט ער געהאַט אַ מאָדנעם געפיל. ווען זי איז פריי וואָלט ער זיכער איר געוואָלט באַזיצן כדת וכדין, ווייל זי איז אינטערעסאַנט און אַ גוטע בעל-הביתטע, און טאַקע אַ גוטע פאַרדינערין אַלס „בוקקיפּערין”. צו די אַלע מעלות איז זי נאָך זייער אַ גוטע און אַ שיינע, וואָס ביי קאַרלען איז דאָס געווען די הויפּט-זאַך; זי פאַרמאָגט אַ מאַיעסטעטישן אויסזען, האָט אַ שיינעם קאָפּ מיט לאַנגע בלאָנדע שמעקנדיקע האָר, צוויי ברוינע וואַרעמע, שמייכלענדיקע אויגן. ער האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן פאַר באַגייסטערונג און דורך דעם פענצטער דערזען די צוויי אויגן אַרויפקוקן צו אים, האָט ער זיך שנעל אויפגעשטעלט, האָט זי אים שוין געקענט זען, איז זי שמייכלענדיק אַריבערגעגאַנגען די גאַס. ער האָט אין דער צייט אויפגעמאַכט די טיר, און געוואַרט ביז זי איז אַרויפגעקומען. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי באַלד געזאָגט:

— ביסט איבערראַשט?

— זיכער, טייערע. ווי קומסטו דאָ אינמיטן טאָג?

— איך פיל ניט אַזוי גוט, האָב איך איבערגעלאָזט דעם אָפיס. ניט וועלנדיק זיין אַליין אין הויז בין איך געקומען צו דיר.

— ס׳איז גוט וואָס דו האָסט מיך געטראָפן.

— איך האָב פּרובירט, ווען איך טרעף דיך ניט, פאָר איך אַהיים.

— איז טאַקע בעסער, וואָס דו ביסט געקומען אַהער. איך וויל מיט דיר רעדן.

— ניט קיין סך, מיין טייערער, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַביסל טעמפּעראַטור. קען איך מיך אַוועקלייגן? ,

— האָסט גענוג צייט ביז איך וועל דאַרפן גיין אין טעאַטער. ביז דאַן וועסטו זיכער געזונט ווערן.

— דאָס וועל איך דיר שפּעטער זאָגן, דאָקטאָר מיינער...

***

ווען קאַרל האָט געהאַט אַ פרייען אָוונט, איז ער ביי איר געווען דער בעסטער גאַסט. אַלע מאָל אָנגעגרייט פון דעם שענסטן און בעסטן, און ווען ער האָט שוין אויפגעהערט צו שפּילן, איז ער אַרויפגעקומען צו די בערלינערס יעדן שבת פאַרנאַכט. ליזאַ האָט שבת ניט געטאָרט פאַרלאָזן דאָס הויז און אַזוי ווי מר. בערלינער איז פריער פון אַלעמען געווען אין שול, און נאָך מנחה און מעריב געבליבן פאַר הבדלה, און באַדאַרפט מחדש זיין די לבנה, זייענדיק אַלעמאָל דער לעצטער צו פאַרלאָזן די שול, איז ביז ער איז אַהיים געקומען איז שוין געווען גוט שפּעט. קאַרלען און ליזאַן האָט ער אַלעמאָל שוין געטראָפן ביי דער פּיאַנאָ, ווייל זי האָט אים שוין לאַנג געזאָגט, אַז קאַרל קומט אויף איר צו העלפן מיט אידישע לידער, וואָס זי וויל צוערשט איר אַ קוש געגעבן, אָבער דאָס מאָל האָט ער מאָדנע געקוקט קאָנען ווען זי שפּילט אויף דער פּיאַנאָ, האָט בערלינער, ווי אַלע מאָל, אויף קאַרלען ביז ער האָט אים שטרענג געפרעגט:

— דו ביסט שוין לאַנג דאָ?

— ניין, ערשט אַריינגעקומען.

— פון הויז?

— ניין, פון מיין שוועסטער.

— דיין שוועסטער וואוינט ווייט פון דאַנען?

— ניין, מ'קאָן גיין.

— קומט דיר אויך אַ גוטע וואָך.

— גוטע וואָך, גוט יאָר.

איצט ערשט האָט ער זיי ביידן אָנגעקוקט און באַלד זיך אויסגעדרייט, שנעל פאַררויכערט אַ ציגאַר, און באַלד אַוועק אין אַנדערן צימער. קאַרל האָט אים נאָכגעקוקט, פרעגנדיק זייער שטיל:

— וואָס איז מיט אים היינט?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט, ער וויל וויסן אויב דו ביסט געפאָרן שבת.

— ליזאַ, מיר געפעלן ניט זיינע פראַגן...

— אינגאַנצן קיין נאַר איז ער אויך ניט.

— דאַכט מיר, אַז איך בין זייער פאַרזיכטיק.

— ער וועט געוויס באַלד פאַרגעסן. זאָג מיר, וואָס זאָל איך אַרויפנעמען צו דער טיי?

— וואָס דו ווילסט.

ווען בערלינער איז צוריקגעקומען האָט ער שוין געטראָפן קאַרלען זיצן ביים קליינעם טישל, און ליזאַ האָט גערעדט אין טעלעפאָן. האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט ביז ער האָט אים געפרעגט:

— וואָס זאָל זיין?

— וואָס מיינסטו?

— פינאַקל אָדער...

ליזאַ איז פאַרטיק געוואָרן מיטן טעלעפאָן, האָט זי צו זיי געזאָגט:

— איר פאַרברענגט, איך גיי עפּעס אַרויפברענגען.

ווען זי איז אַוועק, האָבן זיי געשפּילט ביז בערלינער האָט געוואונען די ערשטע פּאַרטיע. האָט ער שמייכלענדיק פאַרצויגן דאָס שטיקל ציגאַר, וואָס ער האָט נאָך געהאַט. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט די קאָרטן און צו אים געזאָגט:

— דו ווייסט מיך פאַרשטיין, קאַרל, דער ליבער גאָט שטראָפט מיך פאַר דער ליזאַ. יאַ, יאַ, דאָס איז באַשטימט.

— פאַרוואָס גלויבסטו אַזוי?

— פאַרוואָס, נו, יאָ, איך מוז דאָך גלויבן. פרייטאָג מוז איך זעלבסט צינדן ליכט, זי קומט דאָך ניט אין צייט אַהיים; שבת רעדט זי אויף דעם טעלעפאָן, און וויסן זאָלסטו, אַז דער ליבער גאָט ווייסט דאָס אַלץ, איז דאָך קיין וואונדער וואָרום איך קראַנק בין. שוין לאַנג האָב איך געוואָלט מיט דיר רעדן. יאַ, איצט גלויב איך איז די בעסטע צייט. די ליזאַ איז דאָך צום בעקער געגאַנגען.

— זיכער...

— זיכער, זיכער, עס גיבט קיין פראַגע, דאָס מעגסטו נאָך אַמאָל זאָגן. יאָ, מוז מען קומען ווען איך וויל, דו פאַרשטייסט?

— ניין, איך פאַרשטיי ניט.

— וואָרום ניט? איינס איז באַשטימט, אַז שבת איז אויסגעשלאָסן...

ער האָט גערעדט מיט פייער, און זיינע אויגן זיינען אויפגעלאָפן ווערנדיק שטאַרק רויט, ווי דאָס בלוט איז אים אַריין אין קאָפּ. קאַרל האָט אים אָנגעקוקט, טראַכטנדיק וואָס קען ער אים איצט זאָגן. ער וועט בעסער שווייגן און אים לאָזן אַרויסזאָגן וואָס ער וויל. האָט ער ווידער פאַרצויגן דאָס שטיקל ציגאַר, כמעט האַלטנדיק דאָס פייער שוין אין מויל. איז ער דאָך געוואָרן אַביסל מילדער און צוגעגעבן:

— נו, יאָ, כ'וויים דאָך, אַז דו קומסט פון דיין שוועסטער.

— געוויס...

— געוויס זאָג איך דאָך, אָבער ווי אַזוי קומסטו צו דיין שוועסטער? ווען? און דאָס איז נאָך ניט אַלעס, די הויפּט־זאַך קומט.

קאַרל האָט שוין מער אויף אים ניט געקוקט. ער איז איצט געווען פאַרנומען מיט דער קומענדער פראַגע, און וואָס מיינט ער מיט דער הויפּט־זאַך? — האָט ער געטראַכט. בערלינער האָט אַרויסגעבלאָזן דעם רויך ניט אַראָפּנעמענדיק זיינע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. איצט האָט קאַרל געפילט, ווי ער שטעכט אים דורך מיט זיין בליק. ס'איז אים געוואָרן וואַרעם און ער האָט געפילט ווי אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט אים. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— יאָ, איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט. דאָס איז די הויפּט־זאַך! דו דאַרפסט פאַרשטיין, קאַרל, אַז דער ליבער גאָט איז מיט מיר, און ער האָט מיר גוטע אויגן געגעבן.

— איצט קומט עס! — האָט קאַרל געטראַכט, — אָבער וואָס האָט ער אַזוינס געקענט זען אָדער באַמערקן? שווייגן וועט זיין די בעסטע זאַך, אָבער פאַרוואָס נעמט דאָס איר אַזוי לאַנג? פאַרוואָס קומט זי ניט אַרויף? בערלינער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל ציגאַר, זאָגנדיק:

— איצט קומט אַ סיגאַרעט, דאַן וועל איך דיר זאָגן וואָס איך מיין ספּעציעל דיך מיט מיין באַמערקונג, ווען דו ווילסט מיין גאַסט זיין. ווילסטו?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע...

— דאָס איז אַ גוטע פראַגע. יאָ, איצט קומט די הויפּט־זאַך, ווען

דו ביי מיין טיש זיצסט, ווען דו אין מיין הויז קומסט.

קאַרל האָט אים איצט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויס־שרייען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל:

— זאָג שוין וואָס דו ווילסט. — ער האָט זיך אָבער גענומען גענוג צייט ביז ער האָט ענדלעך אַרויסגעזאָגט:

באַלד איז ליזאַ אַריינגעקומען, און אַוועק אין קיך.

— דו מוזט טראָגן אַ יאַרמעלקע...

דוד דענק אין ראָלן פון פאַרשידענע פּיעסן



1

2



3



4



5

6



7

8



9

1. נפתלי הערץ לעווין, „דער פּרעמדער״, פון יעקב גאָרדין.
2. יאָסעלע, „די עגונה״, פון י. זאַלאָטאַרעפסקי.
3. יחיאל, „דער לעצטער״, פון פּרץ הירשביין.
4. באָריס בראָזאָף, „דאַרף מען האָבן קינדער ?״, פון וויליאַם סיגאַל.
5. דער מענעדזשער, „זיין ערשטע נאַכט״, פון לואיס פריימאַן.
6. דער דיכטער, „זיין פאַרלוירענע ליבע״, פון משה נאַסאַטיר.
7. דאָקטאָר אַסטערמאַק, אין „דער פאָטער״, פון א. סטרינבערג.
8. נייטן לעווין, „פאַמיליען גליק״, פון אברהם בלום.
9. פּיצי שמש, „דער ישיבה־בחור״, פון י. זאַלאָטאַרעפסקי.

דער „אוטשאָני יעוורעי"

(זכרונות)

אַ פּילפּאַביקער אינטעלעקטועלער און שעפערישער מענטש: דראַמאַטורג, אַקטיאָר, טעאַטער־„מענעדזשער", סופלאָר, הייסער אידישיסט, גוטער העברייער, קענער פון שפּראַכן, — האָט ער זייער ליב געהאַט דאָס אידישע טעאַטער, דעם אידישן אַקטיאָר, זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר די „יונגע". זיי אַלע מאָל פּראָטעזשירט. אָט־די אַלע מעלות האָט פאַרמאָגט משה שאָר.

איך האָב משה שאָרן געקאָנט פון שיקאַגאָ, ווען ער איז דאָרטן געווען באַשעפטיקט אין „עמפּייער" טעאַטער; אַ סך מאָל אים געטראָפן אין פרינטערס רעסטאָראַן, וואו אַקטיאָרן פלעגן זיך צונויפקומען, אָבער דערקאָנט האָב איך משה שאָרן, ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק, און פלעג זיך מיט אים כמעט אַ יעדן טאָג טרעפן אין דער „ראָיאַל"־קאַפע.

איין בייטאָג זיינען מיר, אַ גרופּע אַקטיאָרן, געזעסן מיט משה שאָרן אין „ראָיאַל" און מ'האָט דערציילט וועגן די פאַרשיידענע „בולבעס", וואָס געוויסע אַקטיאָרן מאַכן אויף דער בינע, וואָס פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נייס.

איינער האָט דערציילט, ווי אַן אַקטיאָר האָט געשפּילט דעם „משולח" אין „דבוק", און האָט געדאַרפט זאָגן: „אין דער כלה איז אריין אַ דבוק", האָט ער געזאָגט: „אין דער כלה איז אַריין אַ ליכטל".

— ווען מיר האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָט אַ צווייטער דערציילט, ווי דער זעלבער אַקטיאָר האָט געשפּילט אין אַ פּיעסע אַ טאַטן, און האָט געדאַרפט זאָגן: „איך בין אַ טאַטע פון פינף דערוואַקסענע קינדער", האָט ער געזאָגט: „איך בין אַ טאַטע פון פינף באַוואָקסענע פינגער".

— ווי באַלד אַזוי, — האָט משה שאָר געזאָגט, — וועל איך

איך דערציילן עטוואָס וועגן דעם זעלבן אַקטיאָר. ס׳איז אים איין מאָל אויסגעקומען שפּילן אין אַ פילם אַ „גלח״, וואו ביים אַריינגיין אין קלויסטער, האָט ער אַ קוש געטאָן דאָס לייסטל פון דער טיר, מיינענדיק, אַז ס׳איז די מזוזה.

אַלע האָבן געלאַכט, און איך האָב רחמנות געהאַט אויף דעם אַקטיאָר. הערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע פּאַסירונ־גען אין טעאַטער, וועגן די שוועריקייטן פון אַרייננטרעטן אין דער יוניאָן; וועגן צולאָזן יונגע, נייע אַקטיאָרן. דאָ האָב איך אַ זאָג געטאָן: „ווי אַזוי קומט מען צו, אַז מען לאָזט דאָך ניט. אי, ווען איך האָב אַזאַ געלעגנהייט ?!״ משה שאָר האָט באַמערקט מיין זאָרג, און ווען ער איז אַוועק, האָט ער, ווי אין געמורמל, מיר עפּעס געזאָגט, איך בין אָבער געווען פאַרנומען מיט מיין טראַכטן, איך האָב אים פאַרהערט.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען ביי מיר אַנגעקלאַפּט אין טיר. ווער קען דאָס זיין? — האָב איך געטראַכט. באַלד האָט זיך דערהערט נאָך אַ קלאַפּ, דאָס מאָל אַביסל שטאַרקער, האָב איך באַלד אויפ־געמאַכט די טיר, הערזען מר. שאָר, האָב איך אים געבעטן אַריינ־קומען, און אַזוי שנעל ווי ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער מיך, אָן שום הקדמות, אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט פריי, דענקל?

— פאַר ווען, מר. שאָר?

— פאַר דעם זונטיק. איך האָב אַ פּאָר פאַרשטעלונגען, פיר איך אויף...

— געוויס אייערע אַ פּיעסע.

— האָט איר ניט געטראָפן! — ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. — דאָס מאָל פון אַ גוטן שרייבער, איך האַלט ביים אויפפירן „תחית המתים״, פון לעוו טאָלסטאָי.

— אין וועלכן טעאַטער?

— מ׳קינלי סקווער טעאַטער.

— מיט וועמען?

— ס׳איז דען דאָ אַ בעסערע „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ״, ווי סאַראַ אַדלער?

— זיכער ניט. איז ווער דען פעלט אייך, מר. שאָר?
— נ י ע ק ל ו ד אָ ו ו.

איך בין געבליבן שטיין צעטומלט: ערשטנס, אַזאַ גאַסט; צווייטנס, זיין פאַרלאַנג: צו שפּילן „ניעקלודאָוו" מיט דער גרעסטער „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ", — סאַראַ אַדלער! איז דאָס אַ חלום? מיט איין מאָל אַזוי פיל... ווי איז דאָס מעגלעך?

משה שאָר האָט עפּעס אויף מיר דערקאָנט, האָט ער מיט אַ ליבלעכן שמייכל מיך געפרעגט:

— וואָס טראַכט איר, דענק?
— איך זאָל שפּילן ניעקלודאָוו?
— פאַר וואָס ניט?
— מר. שאָר, איך בין דאָך ניט קיין געשפּילטער.
— האָט איר איצט די געלעגנהייט.
— איר האָט פאַרגעסן, אַז מאָרגן איז שוין פרייטיק.
— איז וואָס?
— וואָס רעדט איר, מר. שאָר?
— ווי לאַנג דאַרף איך נעמען אויסצולערנען אַ ראָלע?
— אַזאַ ראָלע דאַרף נעמען אַמווייניקסטנס...
— פאַר אַזוי לאַנג, דענק, איז ניטאָ קיין צייט; דעם זונטאָג דאַרף מען שפּילן, און איר מוזט דאָס מאַכן; דערפאַר האָט איר דריי פולע נעכט און צוויי טעג פראָבע. וואָס קוקט איר מיך אָן? אדרבה, ווייזט מיר, אַ וועלכער אַקטיאָר וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ ראָלע?
— זיכער ניט, אָבער...
— קיין אַקטיאָר וועט זיך ניט אָפּשרעקן פאַר אַזאַ זאַך... ווי איך זע אייך, דענק, זענט איר דער נאַטירלעכער ניעקלודאָוו... איר דאַרפט נאָר קאָנען די „פּראָזע", דאָס לערנט מען אויס! ביי אייך דאַרף דאָס ניט נעמען לאַנג. אַזאַ געלעגנהייט מאַכט זיך ניט אַ יעדן טאָג? — צו שפּילן אין ניו-יאָרק, און מיט וועמען? — מיט דער גרעסטער, מיט סאַראַ אַדלער! דענק, איך בין אייך אַ פריינט... איך האָב אייך אפילו געבראַכט דעם טעקסט.

אויב איך בין פריער געווען אַביסל צעטומלט, האָב איך שוין איצט אינגאַנצן ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר... איך

טאַר אים ניט אָפּזאָגן, און צוליב דער קורצער צייט, איז מיר שווער דאָס אָנצונעמען. ס'האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און דאָ ווארט ער אויף אַן ענטפער, האָב איך שנעל געפרעגט:

— וואו איז די ראַלע?

— דאָ האָט איר די גאַנצע פּיעסע, און זייט אין דער פרי ביי גראַפּערן; קלייבט דאָרט אוים וואָס איר דאַרפט; דער שניידער

סארא אַדלער

וועט שוין ברענגען די זאַכן, — ער האָט זיך אויפגעהויבן, — פּראָבע וועט זיין מאָרגן אין טעאַטער.

— איין מינוט, מר. שאַר, די צייט איז טאַקע קורץ, און איך וועל זיך דאַרפן גוט אָנשטרענגען, האָב איך אייך געוואָלט פרעגן...

— איך ווייס, וואָס איר ווילט מיך פרעגן, מוזט איר דאָס איי־בערלאָזן צו מיר. משה שאַר האָט נאָך קיינעם ניט באַעוולהט.

שוואַרצע קאַפּע איז געווען מיין עסק, און געשלאָפן בין איך מיט

דער ראָלע; מיין מוח איז געווען פאַרנומען מיט איין סצענע, באַלד אין ערשטן אַקט.

ס'האַנדלט זיך דאָרט, ווי ניעקלודאָוו דאַרף אַרומנעמען קאַטיו־שאַן, איר צופירן צום פענצטער, עס אויפמאַכן, און ראָמאַנטיש פאַר איר מאָלן די שיינע נאַטור: די לאָנקעס, דעם פרישן גרינעם גראָז, דעם וואַסער אין טייך, און זי דאַרף באַגייסטערט ווערן, און זיך צעזינגען אין רוסיש:

„וויכאַזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו" (איך גיי אַרויס אין וועג אַליין שפּאַצירן). פון הינטער די קוליסן באַדאַרף מען איר רופן, אַריינ־פאַלנדיק אין דער מוזיק: „ק אַ ט י ו ש אַ!"...

באַלד ביי דער ערשטער פּראָבע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין זייער אַ וויכטיקע סצענע פאַר סאַראַ אַדלער, ווייל מיר האָבן אַ סך געאַרבעט אויף זער סצענע, און בייס לערנען די ראָלע, האָב איך מיך אויף דער סצענע אָפּגעשטעלט; דעם אמת געזאָגט, האָב איך געוואָלט געפעלן סאַראַ אַדלער. איך האָב דאָס גוט אין זינען געהאַט: אויב אַ דיפּלאָמע — וויל איך דאָס קריגן פון דעם ס ט אַ ר.

אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט, האָב איך שוין אין גאַרדעראָב־צימער געטראָפן; האָב איך צעלייגט מיין שמינק, און זיך גענומען גרימירן. פאַרטיק געוואָרן, האָב איך דורכן שפּיגל באַמערקט, ווי אַלע מאָל האָט מען אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, און מ'האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר. ס'האָט מיך אַביסל נערווירט, נאָר אַזוי ווי איך בין געווען דער איינציקער ניט־יוניאָן־מאַן, האָב איך געמוזט שווייגן, אפילו ניט געוואָלט וויסן. ווען איך אינטערעסיר, טראַכטנדיק: איך בין דאָך ניט איך, דאָ זיצט „ניעקלודאָוו", און אויף אַ פּרינץ, מעג מען כאַפּן אַ קוק.

אַזוי שנעל ווי איך האָב דערהערט דעם אויפשפּיל פון אָרקעס־טער, האָב איך מיך אָנגעטאָן, אַרויף אויף דער בינע, זיכער געמאַכט דורך וועלכער טיר איך קום אַריין, דורך וועלכער איך גיי אָפּ, אויך באַטראַכט דאָס פענצטער, געמאַכט זיכער, אַז עס וועט זיך עפענען אין צייט, אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, האָב איך געוואַרט ביז צו מיין אויפטריט.

גלעקער קלינגען, פּויערים ליגן אויף דער ערד, צלמען זיך, און זאָגן: „האָספּאַדי פּאָמילוי, האָספּאַדי פּאָמילוי“...

ביז עס קומט צו מיין רעפּליק, טרעט איך אויף, דער עולם זשומעט, ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ בינשטאָק. מוז איך וואַרטן, ביז זיי האָבן זיך איינגעשטילט; איך הויב אָן צו ריידן, ביז עס ווערט אַ טומל הינטער דער בינע: סאַראַ אַדלער לאָזט זיך הערן איידער זי קומט אַרויף; מ'נעמט איר אויף זייער גרויס, ס'איז כמעט אַ שטורעם אין טעאַטער. ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט, גייען מיר ווייטער אָן מיט דער האַנדלונג, ביז עס קומט צו דער באַרימטער סצענע.

איך נעם איר זייער פּאַרזיכטיק אַרום, און רעדנדיק, פיר איך צו, איך עפן אויף דאָס פענצטער; ס'איז אַ שיינער זומער־טאָג; די זון איז צעשפּרייט איבערן גאַנצן האָריזאָנט; מיר שטייען דאָרט ביידע איינגעטונקען אין אַ ים פון גאָלדענע שטראַלן; איך מאָל פאַר איר, אין ווערטער, דאָס שיינע בילד און ווען איך ווער פּאַטעטיק, ווערט זי שטאַרק באַגייסטערט און צעזינגט זיך: „אַך, זאַטשעם עטאַ נאַטש“...

אַ פאַרשטיינערטער בין איך געבליבן הינטער די ברענענדיקע „ספּאָטס“, אין די שווערע קליידער, און אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב ניט געפילט דעם קאַלטן שווייס, וואָס האָט מיך באַגאָסן; פאַר אַ סעקונדע איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן; ווען איך בין צו־זיך געקומען, האָב איך געטראַכט: וואָס וועט איצטער זיין? ווי אַזוי וועט מען אַרויסקריכן פון דער „בולבע“? ערשט הינטער די קוליסן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער סופלער האָט אונדז אַראָפּגעשיקט. ווי אַזוי מיר זיינען אַראָפּ פון דער בינע — איז נאָך ביז היינט פאַר מיר ניט קלאָר.

אויך די „בולבע“, האָבן „פיש־עסערס“ צוגעשריבן דעם אַקטיאָר; פאַר אַ סטאַר — האָט דאָס ניט געפּאַסט...

נאָכן שפּילן בין איך אַריין אין דער קאַפעטעריע, וועלכע איז געווען ניט ווייט פון טעאַטער, ניט ווייל איך האָב געוואָלט עסן, נאָר כדי אָפּרוען אַ ווײַלע. און נאָך איידער איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, איז דאָרט געוואָרן אַ טומל: סאַראַ אַדלער איז אַריינגעקו־

מען! מ'האָט איר באַלד אַרומגערינגלט, כמעט אַלע האָבן איר גע־וואָלט באַדינען; אַזוי שנעל, אָבער, ווי זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך פון אַלעמען אַרויסגעדרייט, און איז צוגעקומען צו מיין טיש.

— ניעקלודאָוו, וואָס עסט איר עפּעס גוטס?

— כמעט גאָרניט; ווען איך בין מיד, קאָן איך ניט עסן.

אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, איז צוגעלאָפן אַ מאַן, און מיט גרויס רעספּעקט, זיך ביי איר געבעטן:

— וואָס קאָן איך אייך צוברענגען, מאַדאַם אַדלער?

— וואָס איר ווילט, אַבי עס זאָל זיין גוט.

ווען דער מאַן איז אַוועק, דאָב איך דערפילט איר וואַרעמען בליק אויף זיך; דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באָאָבאַכטן אינטערעסאַנטע שפּורן פון איר אַמאָליקער שיינקייט; זי וואָט דאָס אפשר באַמערקט, האָט זי באַלד צו מיר געזאָגט:

— איך האָב היינט געשפּילט מיטן איינגסטן „ניעקלודאָוו".

— אין דער פּיעסע האָב איך אייך געזען מיט אייער מאַן; ער איז געווען גוט אין דער ראָלע.

— יאָ, אַביסל צו־אַלט.

— מ'זאָגט, אַז מאָרים מאָסקאָוויטש איז אויך געווען גוט.

— גוט זיינען אַלע געווען, ווען איר האָט אַזוי פיל פּראָבן, מיט אַזוי פיל צייט צו לערנען, זייט איר ניעקלודאָוו, ווייל אַזוי דאַרף אויסזען אַ פּרינץ.

— אַ שיינעם דאַנק אייך.

— איך זאָג דאָס ניט פאַר קיין קאָמפּלימענט; איך האָב זיך אַלע מאָל פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי דאַרף אויסזען ניעקליודאָוו: יונג — דאָס וואָס איר זייט; שיין, דאָס ווייסט איר דאָך, און איבער־טריבן נישט; איר זייט פּרינץ ניעקליודאָוו, אָבער ווי קומט עס, וואָס איך האָב אייך קיינמאָל ניט געזען.

דער מאַן האָט איר עפּעס צוגעבראַכט, האָט זי דאָס באַטראַכט, אים געדאַנקט, זאָגנדיק: „זאָל זיין דאָס". ער איז אַוועק אַ גליק־לעכער, האָב איך נאָך אַלץ אויף איר קוקנדיק שטיל געזאָגט: . .

— איר מיינט שפּילן? מען לאָזט ניט.

— וואָס מיינט איר?

— איך בין נאָך ניט אין דער יוניאָן.

— פאַר וואָס נעמען זיי אייך ניט אַריין, זיי האָבן דאָרט בעסערע פון אייך?

— אפשר יאָ.

— וואָס זיי האָבן, איז שוין פאַרזשאָווערט. אַ סך פון זיי האָבן שוין אַזאַ טעם ווי דאָס עסן: אַלט און ניט דערקאָכט; איר זייט ניט שלעכט; אַזעלכע ווי איר דאַרפן זיי דאָרט, איר האָט דאָס היינט באַוויזן.

— פאַר בעסער האָב איך קיין צייט ניט געהאַט.

— איך ווייס, אונטער די אומשטענדן, ווי זאָגט מען, כאַפּ-לאַפּ, זייט איר געווען זייער גוט.

איך האָב געפילט, ווי אירע וואַרעמע ווערטער האָבן מיך אַביסל דערהויבן, עכטער פאַרגעניגן אַזוי לאַנג ווי עס האָט אָנגעהאַלטן; דאָך האָב איך אַביסל געצווייפלט, ווייל די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען דאָרט געזעסן און גערעדט, האָט זי געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ אויף „ניין“.

אין אָוונט איז די פאַרשטעלונג שוין געווען אַ סך בעסער. איך האָב שוין אפילו צייט געהאַט צו באַמערקן, ווי אַזוי משה שאַר, דער גאַליציאַנער, האָט געשפילט זייער גוט דעם גוי. ער האָט גערעדט אַ גוטן נאַטירלעכן רוסיש. פון דער לעצטער פאַרשטעלונג בין איך אַוועק זייער צופרידן.

***

צו יענער צייט, איז דאָס געווען פאַר מיר אַ גרויסע דערגרייכונג. דאָך האָבן נאָך אַ סך געצווייפלט אין מיין ביסל אָנערקענונג. דאַ איז ווידער געקומען משה שאַר, און האָט זיי איבערצייגט מיט דעם וואָס ער האָט מיך, פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן, אַנגאַזשירט אין זיין פאָלי טעאַטער אין באַלטימאָר, וועלכער איז דעם סעזאָן געווען דער גרעסטער דערפאָלג. וואָס דאָס האָט פאַרשטאַרקט אונדזער פריינטשאַפט פאַר לאַנגע יאָרן. משה שאַרס ריין-מענטשלעכע האַנדלונג, האָט מיך טיף גערירט, און איך בין צו אים צוגעבונדן געוואָרן פאַרן גאַנצן לעבן.

די צייטונג אָבער, איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, טעאַטערס האָבן גענומען אַוועקפאַלן; די פּראָווינץ איז ליידיק געוואָרן; עס האָט משה שאָרן אָנגעהויבן גיין מיטן פוטער אַראָפּ. אָפּט, האָט ער זיך באַדאַרפט שטאַרק ראַנגלען מיט זיין יוניאָן. זיינע טענות זיינען געווען גערעכטע, דאָך האָט זיין שרייען „איך מוז מאַכן אַ לעבן", אים ווייניק געהאָלפן. מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, ווען איך האָב געזען ווי ער רעדט צו טויבע אויערן... אָבער איך האָב ניט אויפגעגעבן די האָפענונג ביז עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנ־הייט: איך האָב אים געהאָלפן ווערן דער סופלאָר אין בראָנקס אַרט־טעאַטער.

און אַט זיצן מיר ביידע אויף דער קליינער בינע, ס'איז נאָך פרי, ס'איז נאָך קיינער ניטאָ, משה שאָר קוקט אַריין אין אַ צייטונג, איך — אין אַ נייער ראָלע. איך פרעג אים:

— וואָס הערט זיך, משה?

— וואָס ווילט איר הערן? אַט זע איך אין דער צייטונג, ווי אַלע האָבן „סוקסעס".

— וואָס מיינט איר?

— ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איר, מיט וואָס פאַר אַ פאַרנעם איך האָב אפילו אויף דער פּראָווינץ אויפגעעפנט אַ טעאַטער. און ווער פון די „גרויסע" האָט פאַר מיר ניט געשפּילט? פונדעסטוועגן, אויב עס איז ניט געווען קיין פּיעסע, האָט ניט געקאָנט זיין קיין „סוקסעס". דאָ האָבן אַלע „סוקסעס"־פּיעסן. שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַר וואָס קומט ניט דער עולם? איז עס דערפאַר, ווייל וואָס זיי פירן אויף איז אַ „סוקסעס", נאָך איידער דער עולם האָט דאָס געזען? פאַר מיין צייט געדענק איך, ווער דער סטאַר איז ניט געווען, האָט די פּ י ע ס ע צו ערשט באַדאַרפט געפעלן ווערן דעם עולם, אויב ניט, האָט מען באַלד די ערשטע נאַכט אַראָפּגענומען, און מ'האָט געזוכט אַ פּיעסע, וואָס זאָל געפעלן. איז דען אַ וואונדער, וואָס עס ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער, און עס וועט מוזן אונטערגיין.

— אמת, איך געדענק אַ צייט, ווען מ'האָט געמיינט, אַז איר האָט דערגרייכט דעם זיבעטן הימל.

— ווייסט איר פאַר וואָס ס'איז גאָרניט געוואָרן, ווייל איך

האָב שוין ניט געהאַט וואָס צו שפּילן, און מיט וועמען צו שפּילן; פון אַלץ איז גאָרניט געוואָרן.

— פאַרוואָס גאָרניט?

— יאָ, ווען די גרויסע האָבן געשפּילט מיינע פּיעסן, דאָס, אָבער, איז געווען אַמאָל, מיין פריינט; ווען דוד קעסלער האָט געשפּילט מיין „ערשטע ליבע"; ווען מאַלווינאַ לאָבעל האָט געשפּילט מיינע „פרעמדע פייגל"; ווען סאַראַ אַדלער — מיין „טויט־שטראָף", אָדער בערטאַ קאַליש — „אין מיטן וועג". אפילו נאָך דאַן, ווען אהרן לעבעדעוו האָט געשפּילט „די רומענישע התונה", איז נאָך געווען פאַר וועמען צו שפּילן; אָבער וואָס האָבן מיר איצט? ווי זאָגט מען? — „פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ", דער סוף פון דער גאָלדענער עפּאָכע איז געקומען; פון דעם וואָס מיר האָבן אַזוי פיל יאָרן געבויט, גייט אונטער. אַ שאָד, מיין פריינט, וואָס איר האָט אַוועקגעגעבן אַזאַ שיין יונג לעבן, און — פאַר וואָס? איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד: איך, משה שאָר, דער איד, שרייב איצט אַ ווערק אין ענגליש.

ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָב איך געזען ווי דאָס טוט אים וויי; ער האָט דאָס שוין לאַנג געזען קומען; און חוץ זיינע פּערזענלעכע אַנטוישונגען, האָט ער דערפון שטאַרק געליטן; פאַר אים איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ; ער איז קראַנק געוואָרן; דאָס ענגלישע ווערק האָט ער קיינמאָל ניט פאַרענדיקט, אפשר צוליב דעם, וואָס ער, דער גרויסער אידישיסט, האָט אויף דער עלטער זיך געמוזט אָפּקערן פון דעם, וואָס עס איז אים געווען אַזוי ליב און טייער; איז ער אַן אַנטוישטער אַוועק פון דער וועלט. וואָס פאַר אַ פאַרלוסט מיר האָבן אין אים געהאַט! עס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרויסער מענטש, אַ וואַרעמער איד און אַ טעאַטראַל וואָס האָט אַזוי פיל צוגעטראָגן דעם אידישן טעאַטער.

אַ מענטש איז ניט קיין מלאך...

סוף חודש מאַי, פון דעם יאָר 1932, פרייטאָג פאַרנאַכט, איז אין שיקאַגאָ אַריינגעקומען די באַן, פונקט אין צייט, נאָר די טוער-אַקטער-טרופּע, וואָס זי האָט דאָ אַריינגעבראַכט, פאַר זיי, איז געווען שפּעט, היערפאַר האָבן זיי באַדאַרפט, גלייך פון דער סטאַנציע, צו ערשט לויפן אין טעאַטער, פריער אַלץ פאַרזאָרגן, פאַר דער אָונט פאַרשטעלונג, און דערנאָך ערשט מיט איינאָרדענען זיך אַ צימער.

אין פּאַרק-האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם לאָוענדעל טעאַטער, זיינען שוין פאַר דער טרופּע געווען באַשטעלט צימערן, האָט לאַנג ניט גענומען, און אַלע זיינען געווען פאַרזאָרגט. צו יענער צייט, איז נאָך ניט געווען אַזוי שווער צו קריגן צימערן, און די אידן זיינען נאָך געגאַנגען אין אידישן טעאַטער, אויב מ'האָט נאָר געשפּילט עפּעס רעכטס.

מישאַ גאָלדפאַרב האָט שנעל אָוועקגעשטעלט זיינע וואַליזעס, האָט זיך אָפּגעפרישט מיט קאַלט וואַסער, ווייל ס'איז געווען אַביסל צו וואַרעם, און אַזוי שנעל ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן, איז ער אַוועק אין אַ רעסטאָראַן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, איז שוין פאַר אים צייט געווען צו גיין אין טעאַטער.

שיקאַגאָ איז פאַר מישאַן ניט געווען פרעמד. אין דער שטאָט האָט ער אַמאָל געשפּילט עטלעכע יאָר, און פאַר דער צייט, זיך גע-שאַפן אַ סך פריינט. איצט ווען ער איז געקומען, האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט דאָ לאַנג ניט זיין, נאָר איין וואָך. דערפאַר האָט ער נאָך דער פאַרשטעלונג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַביסל מיד, ניט נאָר פון דעם שפּילן, נאָר פון אַ גאַנצן טאָג פאָרן, און פון דעם אייליעניש, צו זיין פאַרטיק אין צייט, צו דער פאַרשטעלונג גע-פּלאַנט צו גיין פרי שלאָפן.

אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט אַראָפּגענומען דעם שמינק פון זיין פּנים, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, ווי ער זעט אויס, האָט ער באַ-שלאָסן, אַז עס איז נאָך פרי, און מען דאַרף אַריינכאַפּן, וויפל ער קען.

און אַז ער וועט אַרײַן אין קאַפע, איז ער געווען זיכער, אויב ניט אַלעמען, אָבער אַ פּאָר פֿרײַנט, וועט ער דאָרט טרעפֿן.

שיקאַגאָ האָט אויך אַ ראָיאַל־קאַפע, און ס'איז ניט ווייט פֿון טעאַטער, דאַרף מען אַרײַנגיין אויף אַ פּאָר מינוט. געטראַכט און געטאָן.

מישאַ און חיים, אַ קאָלעגע־שוישפּילער, מיט וועלכן ער האָט די גאַנצע צײַט זיך געטיילט מיט דער „דרעסינג־רום", און געווען גוטע פֿרײַנט, זײַנען באַלד נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, אַוועק אין דער ראָיאַל־קאַפע.

דאָרט האָבן זיי געטראָפֿן אַ פּאָר פֿון מישאַס פֿרײַנט און באַקאַנטע, מיט וועלכע מישאַ האָט זיך וואַרעם באַגריסט, און דערנאָך אַלעמען פֿאָרגעשטעלט פֿאַר היימען. און טאַקע באַלד זײַנען אַלע צוזאַמען געזעסן בײַ אַ טיש, און בײַ אַ טעפּעלע קאַווע, גערעדט פֿון פֿאַרשידענע זאַכן. ווען מישאַ האָט זיך געכאַפּט, ווי שפּעט ס'איז שוין, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, און צו אַלעמען געזאָגט:

גייענדיק אַהער, האָב איך אין זינען געהאַט, אַז שפּעט קען איך דאָ היינט ניט פֿאַרברענגען, נאָר טרעפֿנדיק דאָ אַזעלכע גוטע פֿרײַנט, האָב איך פֿאַרגעסן, ווי מיד איך בין, און געוואָלט מיט אײַך וואָס לענגער זײַן, אָבער די צײַט דערלויבט מיר ניט. פֿאַרגעסט ניט, אַז מאָרגן האָבן מיר צוויי פֿאָרשטעלונגען, מוזט איר מיר אַלע מוחל זײַן, פֿאַר מיר איז שוין שפּעט. איך וויל בלויז אַ קוק טאָן, אין דער קאַבאַרעי, גייען מיר אַהיים.

אונטן, אַ פּאָר טרעפּלעך אַרונטער פֿון דער ראָיאַל־קאַפע, איז אויך געווען אַ אידישער קאַבאַרעי. ווי אין אַלע אַזעלכע פּלעצער, איז אויך דאָרט געווען אַ „טשעק רום", וואו מ'האָט איבערגעלאָזט די „העטס און קאָוטס", וואו אַ פֿרוי, אָדער אַ מיידל, גיט אויף דעם אַכטונג, און דערפֿאַר קריגט זי אַ „טיפּ".

די וועלכע איז איצט דאָרט געשטאַנען, האָט צו מישאַן אויסגעזען ווי אַ שיינער מלאך, אין מענטשן־געשטאַלט: יונג, שיין, מיט אַ בלאָנדן געדיכטן קאָפּ האָר, אַן אויסגעטאָקטע פֿיגור, מיט אַ ווייס אײַדל פּנים, פֿולע ליידנשאַפֿטלעכע ליפּן, וועלכע האָבן אַביסל געגלאַנצט, און האָבן זיך געבעטן צו קושן; אַ גריכיש קליין נעזל מיט

גרויסע בלויע אויגן, וועלכע האָבן שטאַרק געפינקלט; אַ ווייסער אַלבאַסטישער האַלדז, מיט שיינע פאָרמיקע בריסטן, וועלכע האָבן געררייצט, ווען ער האָט געקוקט אויף איר... ס'האָט זיך אים נאָר געדאַכט, אַז מיט איר בליק, פרעגט זי אים: וואָס ווילסטו דאָ? ער האָט באַלד דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין זיין פנים, און ס'האָט אים גענומען פאַרדריסן פאַרוואָס ער האָט ניט זיין „העט און קאָוט", מיט זיך, נאָר ווען זי האָט גענומען שמייכלען צו אים, און ער האָט דערזען אירע פערלדיקע ציין, האָט ער געמאַכט אַ שפּאַן, און זיך גענומען פאַרענטפערן:

— ווען איך וויים, אַז דו אַרבעטסט דאָ, וואָלט איך מיין „העט און קאָוט" ניט איבערגעלאָזן דאָרט.

— „דער איז אָלוועיס עי נעקסט טאַים".

— אַ פרעמדער ווייסט ניט.

— זיכער ניט. „אַ פרעמדער?" פון וואַנען?

— ניו־יאָרק. איך בין דאָ אין לאָוועןדעל טעאַטער.

— אַן „עקטאָר"?

— יאָ, מישאַ איז מיין נאָמען.

— „לילי איז מיין נעים".

— ס'פּאַסט דיר זייער, דער שיינער נאָמען.

— אַ דאַנק. אַן אַקטיאָר דערקענט מען באַלד.

אַזוי שנעל ווי מענטשן זיינען צוגעקומען, אַרויסנעמען זייערע קליידער, און זי האָט זיך אַוועקגעדרייט, איז מישאַ אַריין אין קאַבאַרעי. ער האָט דאָרט ניט געטראָפן זיינע באַקאַנטע, איז ער באַלד אַרויס, און פאַרבייגייענדיק איר, האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט:

— „גוד נאַיט, לילי.

— „גוד נאַיט, מישאַ".

חיים, זיין פריינט, האָט געוואַרט ביז מישאַ איז צוגעקומען, האָבן זיי אַלעמען געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", און האָבן פאַרלאָזן דעם ראָיאַל־קאַפע. ערשט ווען זיי זיינען שוין געווען ביים קאָרנער קראָפאָרד עוועניו און רוזוועלט ראָוד, האָט חיים געזאַגט צו מישאַן:

— האָסט דאָ אַ סך פריינט.

— יאָ, אין דער שטאָט בין איך ניט קיין פרעמדער.

— און א פּאָר פון זיי, זיינען אינטערעסאַנטע מענטשן.

— דערפאַר זיינען זיי מיינע פריינט.

— יאָ, מישאַ, האָסט מיך איבערצייגט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך זע, אַז דו ביסט אַן אינטערעסאַנטער בחור. זיי האָבן זייער אַ גוטע מיינונג וועגן דיר.

— אפשר דערפאַר, ווייל איך בין אַ גאַסט?

— דאָס וועל איך ניט זאָגן. צו האָבן אַ גוטע מיינונג פון אַ פריינט, דאַרף מען ניט נאָר זיין אַ גאַסט, נאָר טאַקע עפּעס אין זיך פאַרמאָגן, ס'זאָל זיין וואָס אָפּצושאַצן.

— וואָס זיי שאַצן אין מיר, ווייס איך ניט.

— זאָג דאָס ניט, מישאַ, דו האָסט אַ סך גוטע מעלות, דיך דאַרף מען קענען, נעמט ניט לאַנג אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ מענטש דו ביסט.

— איך דאַנק דיר פאַר דער מיינונג, וואָס דו האָסט וועגן מיר.

— איך מיין דאָס.

אין דער לאָבי פון האָטעל, וואו זיי האָבן געוואַרט אויף דעם עלעוועיטאָר, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— איך פאַרשטיי אויך, אַז דו ביסט היינט פון עפּעס זייער באַגייסטערט.

— וועגן דעם, מיין פריינט, וועלן מיר רעדן מאָרגן.

אַ שלעכטער וועטער, איז קיין מאָל ניט געווען גוט פאַרן טעאַטער, איבערהויפּט פאַרן אידישן טעאַטער. דערפאַר האָט מישאַ, ווען ער האָט שבת אין דער פרי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און געזען ווי עס רעגנט, האָט ער געטראַכט, ס'וועט שוין זיין אַ תירוץ, פאַר ניט קומען אין טעאַטער אַריין. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַ סך בעסער, ווי ער האָט געטראַכט, ווייל ס'איז געווען „דעקאָרעישאַן דעי", און צוליב דעם רעגן האָט מען ניט געקענט אַרויספאָרן, האָט מען דורכן טאָג אַריינגענומען 26 הונדערט דאָלער „קעש" ביי דער קאַסע. דאָס, האָבן „חניפה'שניקעס" געזאָגט, אַז דער „סטאַר" האָט דאָס „געבראַכט", — אַזוי האָט מען גערעדט אין די „דרעסינג-רומס".

מישאַ און חיים האָבן זיך אָנגעטאָן אין דער זעלבער „דרעסינג-

רום". און אַזוי ווי ס'איז געווען אַ וואַרעמער טאָג, איז די טיר גע־ווען אָפן. און ווען דער בינע־פאַרוואַלטער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער הויך באַמערקט, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איך בין זיכער, ווען ס'רעגנט ניט, וואָלטן מיר געשפּילט פאַר אַ סך מער.

חיים האָט אין דער צייט, גנביש פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, פרעגנדיק מישאַן אין דער שטיל:

— האָסט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט?

— ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַ טויבער האָט דאָס געקענט הערן.

— איז דאָס דיין מיינונג?

— בויג זיך אָן אַביסל, וועל איך דיר זאָגן. מיין מיינונג איז, ווען ס'איז שיין, וואָלטן מענטשן היינט אַרויסגעפאָרן. פאַרגעס ניט, אַז ס'איז „דעקאָרעישאָן דעי", און מיר וואָלטן אפילו ניט געשפּילט פאַר האַלב פון היינטיקן עולם.

— איך גלויב, אַז דו ביסט גערעכט. יאָ, דו פאַרשטייסט מער פון די, וואָס זוכן זיך אונטערצושמייכלען.

— דאָס, מיין פריינט, האָב איך קיין מאָל ניט פּראַקטיצירט.

— איך ווייס דאָס, ער איז דאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער אונטער־שמייכלער. יאָ, וואָס האָסטו נעכטן געמיינט, אַז מיר וועלן דאָס היינט איבעררעדן?

— ווי איך זע, האָסטו ניט פאַרגעסן.

— פאַרגעסן? ווי קען איך? איך האָב דאָס באַמערקט.

— וואָס? — האָט מישאַ זיך אויפגעהערט גרימירן, און אים אָנגעקוקט.

— און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איינע, דאָרט נעכטן, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דיר. אויב יאָ — דאַרפסטו זיך צואיילן. ווייסט דאָך, אַז לאַנג וועלן מיר דאָ ניט זיין.

— אַ גאַנצע וואָך, — האָט ער געשמייכלט.

— זי איז אַ שיינע. ווי איך האָב באַמערקט, געפעלסטו איר.

— דאָס וועל איך פּרובירן היינט אויסגעפינען.

— איין מינוט, באַלד קומט מיין „רעפּליק", איך דאַרף שוין גיין

די לאָבי איז שוין געווען פינצטער, בלויז דאָס קליינע לעמפּל פון באָקס־אָפיס האָט נאָך געגעבן אַביסל ליכט פאַר די וועלכע האָבן נאָך באַדאַרפט אַרויסקומען פון טעאַטער. אין דער לאָבי איז שוין כמעט קיינער ניט געווען, נאָר אין אַ ווינקל, לעבן דער גלעזערנער טיר, דורך וועלכער מ׳איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, איז געשטאַנען אַ מאַן און אַרויסגעקוקט, און די פרוי וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט געקוקט צו דער טיר, דורך וועלכער מישאַ און חיים זיינען איצט אַרויסגעקומען. און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער גלעזערנער טיר, און געוואָלט אַרויסגיין, האָט דער מאַן זיי געפרעגט:

— ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטן אויף דיר?

מישאַ האָט זיך אויסגעדרייט, און דערקענענדיק ווער דאָס איז, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען:

— רובינשטיין... איר זענט געווען אין טעאַטער?

— דערפאַר וואַרטן מיר דאָך.

ער האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף חיימען. מישאַ האָט דאָס באַלד באַמערקט און געזאָגט:

— זייט באַקאַנט, מר. און מרס. רובינשטיין, און דאָס איז מיין פריינט חיים. אָט דאָס זיינען די מענטשן פון וועמען איך האָב דיר אַזוי פיל דערציילט. וואָס מאַכן די שיינע צוויי טעכטער, מרס. רובינשטיין?

— זיי זיינען שוין גרעסער פון מיר.

— וואַרט נאָר, וואַרט! וואָס האָסטו דאָס גערעדט?

— ניט דאָ, קומט אַריין אין ראָיאַל...

— דו מיינסט, אַז צוליב דעם האָבן מיר געוואַרט?

— וואָס מיינסטו?

— נעם דיין פריינט, און מיר פאָרן צו אונדז אַהיים.

אין דער שיינער געגנט פון דער נאָרט סאַיד, אין שיקאַגאָ, האָבן די רובינשטיינס געהאַט זייער אַ שיינע היים. מיט דעם אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט געטריבן, האָט אינגאַנצן גענומען אַ פופצן מינוט. פאָרנדיק האָט זיך רובינשטיין דערמאָנט, און געזאָגט צו מישאַן:

— געדענקסטו, מישאַ, ווען מיר האָבן צוזאַמען באַלאַנגט צו דעם „גאָרדין דראַמאַטיק קלוב"?

— ווער קען דאָס דען פאַרגעסן?

— געדענקסטו אויך, ווי מיר האָבן געשטרעבט און געחלומט, צו ווערן גרויסע קינסטלער?

— יאָ, געחלומט! אָבער צו ווערן אַ גרויסער קינסטלער, — דאָס איז שוין אַ גאַנץ זאַך. ס׳נעמט אַביסעלע צו לאַנג דאָס צו דערגרייכן.

— פונדעסטוועגן האָסטו פאָרט עפּעס וואָס דערגרייכט.

— און וואָס פעלט דיר?

— איך באַקלאָג זיך ניט. נאָר ווען איך קום זיך צוזאַמען מיט די אַמאָליקע פריינט, גיט עס אַ טיאַבקע. ווייסט דאָך ווי עס איז: אַמאָל פאַרבענקט זיך נאָך דעם פאַרגאַנגענעם, ווען מ׳איז אַרומגעגאַנגען און געחלומט פון אַ שיינער צוקונפט.

— קען איך דיר פאַרזיכערן, אַז דיין צוקונפט איז אַ סך אַ בעסערע פון מיינער, און אפילו פון מיין פריינט חיים אויך. וואָס האָבן מיר? אונדזער לעבן איז דאָך נאָר דאָ, ווען דער פאָרהאַנג איז אַרויף, אָבער אַזוי שנעל ווי דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ, זיינען מיר באַלד פאַרגעסענע מענטשן. מיר ווערן איינגעוויקלט אין דער פינצטערניש, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. און וואָס האָבן מיר דערפון? אָט פאָרן מיר אַרום שוין אַזוי פיל וואָכן. ווער קוקט זיך אום אויף אונדז? ווען איך האָב ניט דאָ אַזעלכע פריינט ווי איר, וואָלט ווידער געווען פון טעאַטער אין רעסטאָראַן, און דערנאָך אין האָטעל אַריין. ווי לאַנג קען מען קוקן אויף די פיר ווענט? קענסטו דאָס אָנרופן אַ לעבן?

ס׳איז נאָך דער מענטש ניט געבוירן געוואָרן, וואָס זאָל זיין צופרידן מיט זיין פאַך, ווי גוט ס׳זאָל אים ניט גיין, — האָט די מרס. רובינשטיין געזאָגט.

— יאָ, מיינע פריינט! מיר שפּילן אַ מינוט, און עקזיסטירן דאַרף מען אַ גאַנצן טאָג.

— דערפאַר ביסטו דאָך אַ קינסטלער!

— דו מיינסט, אַ שקלאַף פון פאָלק.

ביי די רובינשטיינס אין הויז האָבן זיך ביידע געפילט ווי ביי זיך אין דער היים: אַזוי פריינטלעך, און מיט אַזאַ ליבער וואַרעמקייט. האָט מען זיי דאָרט אויפגענומען. און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיק

געוואָרן מיט די אַלע גוטע עסנס וואָס מ׳האָט דאָרט צוגעגרייט, זיינען זיי בײדע אַרײנגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, וואָס האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ מוזעאום, אויסגעמעבלירט מיט טייערע אַנטיקן. אין דעם מילד־באַלויכטן צימער האָבן זיי געטראָטן אויף אַ קאָסטבאַרן „קאַרפעט״. דאָרט האָט חיים געזאָגט מישאַן:

— אָט אַזוי וואוינען אַקטיאָרן.

— יאָ, זיי דאַרפן — פון וואָס?

— ביסט אויך גערעכט.

חיים האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דעם קאַרפעט, און געבליבן ליגן אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַן איבעריקן טרונק. מישאַ האָט אים אָנגעקוקט, און וועלנדיק וויסן אויב ער איז ניכטער, האָט ער אים געפרעגט:

— און ווי געפעלט דיר זיין פרוי מיט די צוויי טעכטער, זיינען זיי ניט קיין אמתע קראַסאַוויצעס?

— מיינסט אַלע דריי. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, ווען זיי שטייען אַלע דריי צוזאַמען, איז שווער צו דערקענען, וועלכע פון זיי איז די מאַמע.

ער האָט גענומען זינגען פאַרחלומטע ראָמאַנסן, זיינען די איבעריקע אַריינגעקומען, און אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט אַן אומפאַרגעסלעכן אָוונט.

ווען מישאַ און חיים זיינען געשטאַנען אין דער לאָבי פון האָטעל, און געוואַרט אויף דעם עלעוועיטאָר, ער זאָל זיי אַרויפנעמען, איז שוין כמעט געווען פאַרטאָג. האָט מישאַ געזאָגט:

— ווי לאַנג עס נעמט אים אַרונטערצוקומען.

— לענגער ווי ס׳האָט אונדז גענומען אַהיים צו קומען.

און פון אַזוי וויט.

— ס׳איז אָבער געווען אַ פאַרגעניגן דאָרט צו זיין.

— יאָ, אָבער אַלע גוטע זאַכן מוזן זיך דאָך ענדיקן, וואָס פאַר אַ חיים דאָס איז!

— און וואָס פאַר אַ פאַמיליע. איך מוז צוגעבן, אַז זיי זיינען וואונדערבאַרע מענטשן. די מאַמע מיט די צוויי טעכטער, קען איך גאָרניט פאַרגעסן.

— וואָס טוט ער.

— אַ מאַנופעקטשורער. פון וואָס ? — ווייס איך ניט. חיים, ווילסט וויסן דעם אמת, ווען איך האָב געקוקט אויף זיי האָב איך גאָר אין זינען געהאַט...

— די נעבעטיקע פון דער ראַיאָל.

— יאָ.

— אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען.

דער עלעוועיטאָר האָט זיך אויפגעמאַכט און זיי זיינען אַריין.

פון וואָס מישאַ האָט זונטיק אינדערפרי געטראַכט, האָט ער דאָס אין אָוונט געמוזט אויפגעבן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די צוויי פאַרשטעלונגען, ער איז געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט געמוזט אַהיים גיין, דערפאַר, אָבער, איז ער מאָנטיק געווען אינגאַנצן אויס־גערוט, אַ נייער מענטש.

אַזוי ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרענדיקן די וואָך מיט אַ ליטעראַרישער פּיעסע, האָט ער צוערשט באַדאַרפט זיין 11 אַזייגער אין טעאַטער, צו פּראָבע, אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז פאַרטיק גע־וואָרן, איז ער באַלד אַוועק אין דער ראַיאָל.

אַרום דריי אַזייגער בייטאָג, איז די ראַיאָל כמעט ליידיק. האָט מישאַ געקענט פאַרנעמען וועלכן טיש ער האָט געוואָלט. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך צוערשט אַרומגעדרייט, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער זוכט וועמען, ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, פונקט אינמיטן פון רעסטאָראַן. באַלד איז צוגעקומען אַ קעל־נער, גענומען דעם „אָרדער", און אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק, איז לילי אַריינגעקומען. זי האָט אויף אים געקוקט, ער האָט געשמייכלט צו איר, און ווען זי איז צוגעקומען צו זיין טיש, האָט זי שטיל געזאָגט:

— העלאָ, סטרענדזשער".

— העלאָ, דאַרלינג. יאָ, איך בין אַ פרעמדער. צוויי טעג דאָ ניט געווען.

— אַזוי פאַרנומען?

— יאָ. שבת האָבן פריינט אויף מיר געוואַרט און האָבן מיך גענומען צו זיך אַהיים, אין דער נאָרט סאַיד. ווען איך בין אַהיים גע־קומען, איז שוין דאָ געווען פאַרמאַכט.

— אַזוי שפּעט ?

— יאָ. און נעכטן, נאָכן שפּילן, בין איך שוין געווען אַזוי מיד, אַז איך האָב געמוזט גיין אַהיים.

— קאָן מען דיך ניט זען ?

— זעסט מיך איצט.

— פאַר היינט, איז שוין צו שפּעט. איך האָב געזאָגט, אַז איך קום אַהיים.

— ווען איך ווייס, קאָנסט אפשר אָפּרופן, און זאָגן אַז דו ביסט פאַרנומען ?

— איך קען ניט. אויב דו ווילסט מאָרגן ?

— ווען ?

— אין דער זעלבער צייט. איך וועל דאָ וואַרטן.

— אָלרייט. בלייבט עס אַזוי.

זי האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט, און אַזוי שנעל ווי זי איז אַוועק, האָט דער קעלנער צוגעבראַכט אים דאָס עסן, אָבער מײשאַ האָט איצט מער געטראַכט ווי געגעסן, און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, איז ער אַוועק אין האָטעל.

נאָך אַלץ טראַכטנדיק, וואָס מאָרגן וועט זיין, ווען ער וועט זיך טרעפן מיט לילין, זייענדיק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער ניט באַמערקט ווען ער איז אַרויס פון עלעוועיטאָר, איז אים אַנטקעגנגעקומען די שוואַרץ-חנ׳עוודיקע אַרבעטער-מיידל, און האָט זייער פריינטלעך געשמייכלט צו אים. ער איז איר פאַרבייגעגאַנגען, אָבער זיך באַלד געכאַפּט, זייענדיק אַ דזשענטלמען, האָט ער איר צוריקגעענטפערט מיט אַ שמייכל, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, ביז ער איז געווען ביי דער טיר פון זיין צימער. ווען ער האָט אויפגעשלאָסן, און געוואָלט אַריינגיין, האָט ער באַמערקט, ווי זי האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם רייצנדיקן שמייכל, און האָט באַלד געענטפערט אויף זיין בליק:

— „פאָר פאַיף דאָלאַרס אַל קאַם אין".

האָט ער שנעל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, מורא האָבנדיק, אפשר וועט זי אַרונטערלאָזן פון דעם פּרייז, ווייל אין אַזאַ מאָמענט מעג מען טראַכטן פון אַלצדינג. עס קען אַלץ פאַסירן...

לילי איז שוין געווען פארטיק צו פארלאזן די ראיאל, ווען מישא האט געענדיקט טרינקען זיין קאפע. ווי פינקטלעך זי איז, האט ער געטראכט, ווען ער האט איר געזען ארויסקומען פון דער זייטיקער טיר, און פארבייגייענדיק זיין טיש, האט זי געמאכט א קליינע פאוזע און זייער שטיל צו אים געזאגט:

— איך וועל ווארטן אויפן קארנער קראופארד.

וועלנדיק געווינען אביסל צייט, האט ער זיך צוערשט ארומ־געקוקט, כאטש ס'איז דארט קיינער ניט געווען. ער האט זיך גע־נומען צייט, צו זען ווי שפעט ס'איז, ביז ער האט זיך לאנגזאם אויפ־געהויבן, באצאלט דעם טשעק, און איז אוועק וואו ער האט איר בא־דארפט טרעפן. צוקומענדיק צום באשטימטן פלאץ האט ער איר באלד געפרעגט:

— וואו גייען מיר?

— וואו דו ווילסט.

— וואו איך וויל?

— יא.

— אין „דער לופ" פארן וועט פאר מיר זיין צו שפעט.

— ווער וויל פארן?

— אבער דא שטיין איז אויך ניט קיין פלאן.

— זיכער ניט. דא קען מען מיך באמערקן.

— איז וואס שטייען מיר? קום!

לאנגזאם זיינען זיי געגאנגען, און פאר אן אויסגעצויגענער ווילע ניט גערעדט. מישא האט מורא געהאט צו זאגן וואס ער האט גע־וואלט. ניט וועלנדיק מאכן קיין שלעכטן איינדרוק ביי זייער ערשטער באגעגעניש, האט ער געפילט ווי דאס בלוט קומט אים אין פנים אריין. ווען זיי זיינען שטיין געבליבן לעבן פארק האטעל, האט ער שטיל באמערקט:

— דא וואוין איך.

זי האט א קורצן שמייכל געטאן, קוקנדיק אויף אים מיט אזא ליבלעכן בליק, אז ס'האט אים צוגעגעבן מוט צו זאגן:

— כ'מיין, אויב ניט ווערן געשטערט פון קיינעם, איז דא... וואוין איך.

האָב איך דאָך געזאָגט וואו דו ווילסט.

אַרויסקומענדיק פון עלעוועיטאָר, האָט די שוואַרץ־חנ׳עוודיקע אַרבעטער־מיידל זיי באַגעגנט, אָבער שוין מיט אַ גאַנץ אַנדערן שמייכל. ס׳איז אין דעם געווען אַ געמיש פון ליידנשאַפט און איי־פערזוכט, ניט אַראָפּנעמענדיק פון זיי איר שפּיזיקן בליק, ביז זיי זיינען אַריין אין זיין צימער.

לילי האָט צוערשט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר זייטן. ער האָט איר געהאָלפן מיטן אויסטאָן דעם מאַנטל, און ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם קאָוטש, האָט זי געוואַרט ביז מישאַ איז צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

ער האָט געזאָגט:

— האָסט מיך געלאָזן לאַנג וואַרטן.

— וואָס מיינסטו?

— דיך צו האָבן דאָ.

— לאַנג?

— פון דעם מינוט, וואָס איך האָב דיך געזען.

— פון יענער מינוט, מעגסטו שוין וויסן, האָב אַדי איך אַנדערש געפילט. ס׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן ביי מיר אין האַרצן, ווי נאָר דו האָסט אַנגעשטעלט דיינע צוויי שיינע בלויע אויגן אויף מיר. זאָגן דיר דעם אמת, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי, „יו בעד באָי״, ווייל איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זען, ביסטו ניט אַריינגעקומען. ווייסטו, אַז איך האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל דיך שוין מער ניט זען?

— ווייבאַלד אַזוי, מיין טייערע, ווייסטו ניט ווי איך האָב געפילט.

— קענסט מיר איצט זאָגן ווי אַזוי?

— דיך אַרומצונעמען, אָט אַזוי...

ס׳איז אים שטאַרק געפעלן איר באַנעמען זיך צו אים, אַזוי פריינט־לעך, מיט אַזוי פיל ליבע, אַז ער האָט געמוזט טראַכטן זי האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זי איז אַרויפגעקומען, דאָך האָט ער ניט געוואָגט, ביז זי האָט שטיל געפרעגט:

— וואו שלאָפסטו?

— וואָס מיינסטו?

— האסטו גאר ניט קיין בעט?

ער האט זיך אויפגעהויבן, אויפגעמאכט א טיר פון וואנען ס'איז ארויסגעקומען א מוירפי־בעט, האט ער, שמייכלענדיק, געזאגט צו איר:

— אט־דא שלאף איך.

— וויבאלד אזוי? — טא וואס שטייסטו?...

מיטוואך אוונט איז דאס טעאטער געווען איבערגעפאקט מיט מענטשן. צו דער פיעסע האט זיך דער עולם א לאז געטאן, ניט נאר א גרויסער עולם, נאר טאקע א בעסערער עולם, דערפאר זיינען אלע געווען יום־טובדיק געשטימט, און די פארשטעלונג, „דער פאטער" פון סטרינדבערג, איז געווען א קאלאסאלער דערפאלג. צענדליקער מאל איז דער פארהאנג געגאנגען ארויף און אראפ, און ווען ער איז שוין געווען אינגאנצן אראפ, האבן זיך נאך אלץ געהערט די אפלאדיסמענטן. אבער מ'האט זיך געמוזט שנעל איינפאקן, ווייל ס'האט געווארט א באנקעט פארן „סטאר" מיט דער „קאמפאני". פארגעקומען איז דאס אין דעם „ראיאל". איז מישא איצט געשטאנען אין דער ריי, וועלנדיק זיין דער לעצטער איר צו געבן זיין מאנטל, אזוי ארום האט ער געהאט א געלעגנהייט איר צו זאגן:

— וועסט היינט ארבעטן שפעט? — איך וועל באלד ארויסקומען.

דארט וואו דער קאבארעי איז געווען, איז געשטאנען א לאנגע ריי גרויסע טישן, און פאר דער קאמפאניע — א ספעציעלער גרויסער טיש, פונקט אין מיטן. האט זיך מישא אוועקגעזעצט אזוי, אז ער האט אלעמען געקענט זען. ס'איז אבער שוין געווען שפעט, דערפאר איז אלץ געגאנגען אין א שנעלער טעמפא. מישאן האט זיך נאר געדאכט, אז מ'וויל דא אריינכאפן: ווער דעם סאפער, און ווער — א „ספיטש".

שלום, דער „אייביקער" באנקעטן־מאכער און „שטענדיקער" צערעמאניע־מייסטער, האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבן, אוועקגערוקט דאס בענקל פון הינטער זיך, האט דאס געמיינט, אז ס'מוז ווערן שטיל, און דאס זשומען ווי אין א בינענשטאק האט באדארפט אויפהערן, אזוי שנעל ווי ער וועט אויפמאכן דאס מויל. אבער די ערשטע

וואָס זיינען געוואָרן פריטשמעליעט. און זיינען, ווי דערשראָקענע, גע־בליבן אויסגעצויגן אויף די טישן, זיינען געווען די לעפל־גאָפל־מע־סערס. ער האָט געמוזט וואַרטן פאַר די קעלנער, ווייל זייער יוניאָן האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא... שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן.

— פריינט, געסט און פאַרערער פון דעם בעסערן אידישן טע־אַטער! שרעקט אייך ניט, ווייל איך וועל קיין סך ניט רעדן. מיר האָבן דאָ אַזעלכע גרויסע רעדנער, וואָס קענען אין קורצן מער זאָגן ווי איך זאָל דאָ רעדן אַ גאַנצע נאַכט. ס׳מוז דאָך אָבער פאָרט זיין איינער, וואָס זאָל אָנפירן מיטן היינטיקן יום־טוב. קיין סך קענען היינט ניט רעדן, ווייל די צייט דערלויבט אונדז ניט ווי נאָר אַ פּאָר, און אויך זיי דאַרפן זיך פאַסן קורץ ווי מעגלעך. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז ס׳איז שפּעט, און ווי זאָגט מען: „אַנשטענדיקע מענטשן שלאָפן שוין". דאַרף מען זיי ניט אויפוועקן. פאַרשטייט, מיינע ליבע רעדנער, אַז מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען נאָר פאַר אַ קורצער באַגריסונג. האָב איך איצט דעם גרויסן כבוד צו געבן דאָס ערשטע וואָרט צו דעם פריינט און קענער פון אידישן טעאַטער, דעם גרויסן קריטיקער, דאָקטאָר מ...

ס׳איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן איצט געקוקט אויף דעם דר. מ., וועלכער האָט זיך אויפגעשטעלט מאַכנדיק אַ לאַנגע פּאַוזע, צו דער זעלבער צייט זיך אַרומגעקוקט, אויב אַלע וואָס זיינען דאָרט קוקן אויף אים, ביז ער האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן רעדן, ניט קענענדיק אַרויסזאָגן שאַרף די „לאַמעד":

— מיר איז שוין ללאַנג ניט אויסגעקומען צו האָבן אַזאַ גע־ללעגנהייט צו זאָגן דאָס וואָס איך ווילל, דאָ אָבער איז פּאַסיק צו זאָגן, וואָס איך האָב שוין ללאַנג געוואָלט זאָגן...

מישאַ און חיים האָבן זיך איבערגעקוקט, ביז מישאַ האָט שטיל צו אים געזאָגט:

— אויב ער פאַרטשעפּעט זיך נאָך איין מאָל, בין איך באַלד פון יענער זייט טיר.

— ס׳פּאַסט ניט, מישאַ.

— ווער קען דען האָבן אַזוי פיל געדולד? מיר דאַכט זיך, אַז ביז ער וועט פאַרטיק ווערן, וועלן מיר דאָ דאַרפן בלייבן כאָטש אויף נאָך אַ וואָך.

— דו וואַרטסט בעסער ביז ער וועט ענדיקן.

— אויב וואַרטן, האָב איך אַ בעסער פּלאַן.

ער האָט זיך אומבאַמערקט אַרויסגערוקט. ווען לילי האָט אים געזען אַרויסקומען, האָט זי געפרעגט:

— שוין נאָך אַלעמען?

— ווייס איך וואָס! ווי עס זעט אויס, הויבט זיך ערשט אָן. איך וועל אויף דיר וואַרטן אין רעסטאָראַן.

— איך מוז דאָ זיין ביז אַלע וועלן אַרויסנעמען זייערע קליידער.

— כ׳ווייס. דאָרט אָבער קען איך ניט זיין, גיב מיר אַרויס מיין מאַנטל.

— וועסט גאָר ניט וואַרטן פאַר דער קאָמפּאַניע?

— איך וועל וואַרטן נאָר פאַר דיר.

ס׳איז שוין געווען נאָך דריי אַזייגער, ווען לילי איז פאַרטיק געוואָרן. ווען זי איז אַרויסגעקומען, האָבן זיי פאַרלאָזן די ראַיאָל מיט אַנדערע מענטשן, האָט מען זיי ניט באַמערקט אַרויסגיין בוזאַמען. צוקומענדיק צום קאָרנער קראָופאָרד, האָבן זיי דאָרט געטראָפן איינעם פון דער קאָמפּאַניע, זיינען זיי שוין זאַלבעדריט געגאַנגען, נאָכדעם ווי מישאַ האָט איר פאַרגעשטעלט פאַר דעם קאָלעגע ראָבין. גייענדיק האָט ער איר געפרעגט:

— דו וואוינסט ווייט פון דאַנען?

— ס׳קאָן מיר איצט נעמען אַ צוויי שעה ביז איך וועל אַהיים קומען.

— אַזוי ווייט? — האָט רובין געפרעגט, באַטראַכטנדיק זי, דערנאָך, קוקנדיק אויף מישאַן, האָט ער נאָך צוגעגעבן: — און דו קענסט גאָרניט טאָן?

— איך וועל איר דען לאָזן פאָרן אַזוי שפּעט?

— וואָס רעדסטו? — זי דאַרף דאָך שלאָפן.

— אויב זי וויל, קען זי זיין מיין גאַסט.

— ביי דיר? „עני טאַים", — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט.

ראָבין האָט אויפגעמאַכט זיינע אויגן, און ביידן מיט אַ ביטערן שמייכל באַטראַכט, ניט גלויבנדיק וואָס זי האָט געזאָגט. ווען זיי זיינען שטיין געבליבן לעבן האָטעל, האָט ער שטיל געפרעגט:

— זי מיינט דאָס?

— יאָ, זי מיינט דאָס, — האָט לילי, שמייכלענדיק, צוגעגעבן.

— איך וואָלט דאָס ניט געקענט, — האָט ראָבין שטיל געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל ביי מיר קומט מיין לאהלע פריער פאַר אַלעמען.

— איך האָב דאָך ניט קיין לאהלע. איצט האָב איך אַ לילי.

— לילי? — האָט ער געשיימכלט.

אין דער צייט זיינען די אַנדערע פון דער קאָמפּאַניע פאַרבייגע־גאַנגען און אַריין אין האָטעל. דער איינציקער וואָס האָט זיך אָפּגע־שטעלט איז געווען דער „סטאַר" פון דער קאָמפּאַניע. זייענדיק אַליין אַ גרויסער ראָמאַנטיקער און אַ פאַרערער פון בלאָנדע פרויען האָט ער איר צוערשט באַטראַכט און געזאָגט צו ראָבינען:

— ווי געפעלט דאָס אייך? איך בין דער סטאַר, און ער קריגט די סחורה.

— וואָס באַקלאָגט איר זיך, אייער פאַרגעניגן איז באַנקעטן, און מיין פאַרגעניגן איז זי.

— און אַ שיינע דערצו.

— טענקיו', — האָט זי שמייכלענדיק צו אים געזאָגט.

— אפשר וואָלטן מיר זיך געביטן?

— איך בין זיכער, אַז איר מיינט דאָס ניט. איר זאָגט דאָס דער־פאַר, ווייל ס'איז שוין נאָך אַלעמען. וואָס האָבן די ווערט די „ספּי־טשעס" וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן היינט אין אייער כבוד־וועגן?

— ער רייצט זיך נאָך מיט מיר, אפשר ווייסט זי ניט ווער ס'האָט געשפּילט דעם פאָטער?

— זי גייט ניט מיטן פאָטער, — האָט לילי לאַכנדיק געזאָגט.

— פאַרוואָס גייסטו מיט אים? — האָט ער איר געפרעגט.

— ווייל ער געפעלט מיר.

— דאָס איז עס, זי האָט אים פאַרדינט.

— ווייל ער איז דער שענסטער אין אייער קאָמפּאַניע.

— זי האָט מיך שוין באַליידיקט אויך. קומט, ראָבין, אויב איך בין ניט שיין, גיי איך שוין שלאָפן אַליין. האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

— האָט אויך ניט קיין שלעכטע, — האָט מישאַ, לאַכנדיק, גע־ענטפערט.

זיי האָבן געוואַרט ביז אַלע זיינען פאַרשוואונדן פון דער לאָבי. ערשט איצט זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין עלעוועיטאָר, און אַרויפ־געפאָרן. מישאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ביז ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זיי זיינען אַריין אין צימער.

אַרויסקומענדיק פון באָד־צימער, האָט מישאַ איר געטראָפן ליגן אַ פאַרטראַכטע אויפן בעט, און ווען ער האָט באַמערקט ווי איר שיינער ווייסער פּוס איז באַדעקט מיט ברוין־און־בלויע פלעקן, האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט:

— וואָס? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, און זיך אויפגעזעצט.

— וואָס איז דאָס?

— האָסט דאָס נעכטן ניט געהאַט, — אָנווייזנדיק אויף דעם פוס.

— אָ, דאָס... איך בין אַ שלעכט מיידל.

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— מיין טאַטע, דערפאַר ווייל איך קום שפּעט אַהיים.

— אַלע מאָל?

— פאַר נעכטן, אַזוי ווי איך בין אַהיים געקומען, האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו מיר און זאָ וואָס ער האָט געטאָן, איך זאָל גלייך פון דער אַרבעט אַהיים קומען, וואָס בין איך אַ „בייבי"?

— איך וואָלט וועלן וויסן וואָס וועט מאָרגן זיין?

— ביסט אַזאַ גוטער! ווייסט, ווען ניט מיין מאַמע, וואָלט איך שוין לאַנג אַוועק פון דער היים. כ'ווייס אָבער וואָס ער וועט איר טאָן, קען איך ניט. „אַי לאַוו מאַי מאַדהער". ווייסט, מישאַ, ווי אַנדערש ס'וואָלט געווען, ווען איך קען דיך איידער...

— איידער וואָס, לילי?

— איידער, צו וואָס רעדן, ס'איז שוין לאַנג טויט, און כאַפּן צו־ריק איז אוממעגלעך. קום בעסער אַהער צו מיר. אין דיין קעגנוואַרט פאַרגעס איך אין אַלץ, און אין אַלעמען. אָט אַזוי! איך וויל זיין מיט דיר, נאָך דעם אַרט מיך שוין ניט וואָס ער וועט טאָן צו מיר. און אפשר איז ער גערעכט, איך בין דאָך אָבער ניט מער ווי אַ מענטש, און דו וועסט באַלד אַוועקפאָרן.

— יאָ, פרייטיק אין דער פרי, דערפאַר וויל איך דיך מאָרגן נע־מען אין דער „לופּ" און מיט דיר פאַרברענגען אַ פאָר שעה.

— דו ווייסט.

— וואָס?

— ביסט אַ זיסער בחור...

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מישאַ איז אויפגעשטאַנען שפּעט, האָט ער אָבער אַלע מאָל געהאַלטן וואָרט, און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך איצט שטאַרק געאײַלט צו זײַן אין צײַט, ווי ער האָט זיך באַשטעלט מיט לילין צו טרעפן. ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער ראָיאַל, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ פּאָר אַלטע פריינט, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט ביי אַ קאַר, האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט און צו־געשטאַנען צו אים, אַ ווער זאָל מיט זיי נעמען אַ „ראַיד" אין זייער אויטאָמאָביל. ער האָט קיין תירוץ ניט געקענט געפינען פאַר זיי, און האָט ניט ווילנדיק געמוזט אַריין צוזאַמען מיט זיי אין דער קאַר.

נאָך אַ פּאָר שעה אַרומפאָרן, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט איז שוין לילי געווען אַוועק. האָט דאָס אים שטאַרק פאַרדראָסן און איצט, בלייבנדיק אַליין, האָט ער זיך דאָס ניט געקענט פאַרגעבן. אַ לאַנגע צייט האָט ער פון איר געטראַכט, צוגעבנדיק:

— זי האָט דאָס זיכער ניט פאַרדינט. ס'איז ניט אָנשטענדיק און ניט מענטשלעך קעגן איר אַזוי צו האַנדלען. אפילו זיך ניט גע־זעגנט מיט איר. זי האָט אַ רעכט צו טראַכטן פון אים וואָס זי וויל, און אפילו צוגעבן, אַז איר טאַטע איז גערעכט.

אַ מענטש איז ניט קיין מלאך.

די פרייע מוזע

אין 1913 איז פאר דער אידישער יוגנט אין אמעריקע אלץ גע־ וועז פארשלאסן הינטער טויזנט שלעסער. כמעט אלע יוניאנס האבן אוועקגעשטעלט אן אייזערנע וואנט פאר א נייעם יונגן טאלאנט; אן אקטיאר, אדער שרייבער איז געווען פארמשפט נאך איידער ער האט געקענט ווייזן וואס ער קען. פון אריינגענומען צו ווערן אלס מיטגליד — איז קיין פראגע ניט געווען.

צו יענער צייט, האט א גרופע יונגע שרייבער באשלאסן ארויס־ צוגעבן א זשורנאל פאר יונגע שרייבער; מ׳דארף זיי נאר צולאזן — און פאר אזא זשורנאל. וואס זאל פאר דער יוגנט האבן אן אפענע טיר, מיטן נאמען „די פרייע מוזע”.

ווען דאס איז באשלאסן געווארן, האב איך שוין דאן „באלאנגט” צום „טהאליע יוגנט דראמאטיק קלוב”. יצחק האראוויץ און דר. סארגין, די ארויסגעבער פון דעם זשורנאל, זיינען געווען מיינע חברים. יצחק האראוויץ האט זיך שוין געדרוקט אין „פארווערטס”. אונטער מאריס ראזענפעלדס לידער זיינען דערשינען זיינע, נאר מיט א סך א קלענערער שריפט — האט דאס אים טאקע שטארק פארדראסן. און דערפאר, קען זיין, איז ביי אים געשאפן געווארן דער געדאנק ארויסצוגעבן א יוגנט־זשורנאל.

גייען מיר אמאל אויף א שפאציר איבער דער צווייטער עוועניו. און האראוויץ זאגט צו מיר:

— דו ווייסט, דוד, מיר האבן דיך אריינגערעכנט אין דער „קא־ מיטע” !

ניט ווויסנדיק וועגן וואס עס האנדלט זיך, האב איך אנגעקוקט און געפרעגט:

— וואס פאר א קאמיטע, מעג איך וויסן ?

— ווען דו וועסט מיך אויסהערן, וועסטו וויסן !

— הער איך.

— דעם זשורנאַל, וואָס מיר קלייבן זיך אַרויסגעבן — ווייסטו דערפון?

— יאָ.

— ער איז שוין אין דרוק!

— זאָל זיין מיט גליק!

— יאָ, דאָס דאַרפן מיר טאַקע האָבן, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — אָבער איצט מוז מען האָבן געלט! דערפאַר מאַכן מיר אַ קאָנצערט, וועלכער מוז פאַרקומען דעם פרייטיק ווען דער זשורנאַל וועט אַרויסקומען. די „קאָמיטע" דאַרף צוזאַמענשטעלן דעם פּראָגראַם און, פאַרשטייסט דאָך, אַז דער אָוונט מוז דורכגעפירט ווערן ווי עס פּאַסט פאַר די „פרייע מוזע". און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז דו ביסט איינער פון אונדזערע — נאָך אויף אַ צווייטן געביט, דו שטרעבסט דאָך צום בעסערן טעאַטער און פאַר דיר איז אויך שווער, איז אַז דו וועסט אונדז העלפן...

— אָן הקדמות, זאָג וואָס דאַרף איך טאָן?

— קיין סך איז שוין ניט פאַרבליבן. דעם „מאַנהעטן לייסעאום" האָבן מיר שוין, — ווייסט דאָך, ער געפינט זיך אויף דער פערטער גאַס, — און דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" וועט דורכפירן אַן איינאַקטער פון זייער רעפּערטואַר. איצט בלייבט פאַר אונדז, דעם קאָמיטעט, צו קריגן אַ גוטע „אַטראַקציע". פאַרשטייסט דאָך, וואָס איך מיין: אַן אַטראַקציע, וואָס זאָל ברענגען דעם עולם אין זאַל — און אפילו דאָס האָב איך שוין.

— אויב דו האָסט שוין אַלעס, איז וואָס דאַרפסטו אַ „קאָמיטעט"?

— ס'רעדט זיך אַזוי, איך האָב עס אין מיינע געדאַנקען, מ'דאַרף זיי אָבער צוערשט קריגן.

— יאָ, וועמען?

— וועסט ניט לאַכן, איך האָב אין זינען שוין גאָר אַ גרויסע אַטראַקציע, און איך בין זיכער, דוד, אַז מיר וועלן זיי קריגן, ווייל ס'איז פאַר אַ גוטן צוועק, דערפאַר בין איך אַזוי זיכער.

— פאַרוואָס זאָל איך לאַכן? אָבער וועמען מיינסטו, האַראָוויץ?

— וועמען איך מיין? — די צוויי נייע פּרימאַדאָנעס, וואָס טאָמאַשעפסקי האָט ערשט ניט לאַנג אַריבערגעבראַכט!

— מיינסט דאָך ניט די...

— יאָ, זיי מיין איך, די גורעוויטש מיט דער נעראָסלאַווסקי!

— און מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז דו וועסט זיי קריגן?

— פאַר דעם צוועק וואָס מיר זיינען אויסן, וועט מען אונדז ניט אָפּזאָגן.

באריס טאָמאַשעווסקי

— און ווער וועט גיין זיי איינצולאַדן?

— וואָס מיינסטו ווער? — דער קאָמיטעט!

— האָראָוויץ, דו מיינסט...

— יאָ, מיר ביידע!

איך בין געבליבן שטיין און אים אָנגעקוקט... דערנאָך האָט

ער מיך געפרעגט שמייכלענדיק:
— וואָס ביסטו שטיין געבליבן?
— דו מיינסט, אַז מיר...
— יאָ, מיר ביידע, זאָג מיר ניט, אַז דו האָסט מורא?
— ווער רעדט פון מורא?
— פאַרוואָס־זשע ביסטו שטיין געבליבן?
— מיר, אַ קאָמיטעט, וואָס דאַרף גיין צו מר. טאָמאַשעפסקין?
— יאָ, מיר!
— האָב איך מורא, אַז אונדזער גיין וועט זיין אומזיסט!
— פאַרוואָס?
— ווייל ער וועט זיי ניט לאָזן גיין!
— און איך זאָג, אַז יאָ!
— מיט וואָס, האַראָוויץ, ביסטו אַזוי זיכער?
— ווילסט זיך איבערצייגן? קום, וועסטו זען!
זיינען מיר אַוועק צום נעשאָנאַל טעאַטער. אַריינקומענדיק אין דער לאָבי פון טעאַטער, איז האַראָוויץ צוגעגאַנגען צום „באַקס־אָפיס" און געפרעגט ביים קאַסירער:
— קענען מיר זען מר. טאָמאַשעפסקי?
דער קאַסירער, וועלכער איז געווען פאַרנומען ציילנדיק געלט, האָט אויפגעהויבן די אויגן און אונדז ביידן אָנגעקוקט מיט אַ בליק, ווי מ'וואָלט געזאָגט: ווער זענט איר? און וואָס דאַרפט איר טאָ־מאַשעפסקין? און ניט לאַנג טאַקע האָט ער געטראַכט און באַלד געזאָגט:
— ניין!
האָבן מיר זיך ביידע איבערגעקוקט. האַראָוויץ איז אַביסל רויט געוואָרן און איך האָב געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף דעם קאַסירער — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט: אפשר אַ בענעפיט? און טאַקע באַלד האָט ער געזאָגט:
— ער איז ניטאָ.
— ווען קען מען אים טרעפן?
— ניט פריער ווי דאָנערשטיק! — און ער האָט ווייטער גע־ציילט.

— זאָל זיין דאַנערשטיק, — האָבן מיר צוגעשטימט.

— אָבער איידער מיר מאַכן אַן „אַפּאָינטמענט" פאַר מר. טאָמאַ־שעפּסקין, מוזן מיר וויסן פאַר וועמען?

— געוויס, מיר זיינען אַ קאָמיטעט פון יונגע שרייבער, מוזן מיר אים זען וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, דערפאַר איז איעדער טאָג פאַר אונדז זייער וויכטיק. ווען מיר וואָלטן אים געקענט זען וואָס פריער...

— פאַר דאָנערשטיק איז אוממעגלעך.

מיר האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט און דערנאָך אַרויסקומענ־דיק אין דרויסן, האָב איך האָראָוויצן געפרעגט:

— נו, ווי מיינסטו, מיר וועלן אים זען?

— און נאָך ווי זען! דוד, איך בין אַזוי זיכער, אַז איך וואָלט געוואָלט, אַז מאָרגן זאָל שוין זיין דאָנערשטיק.

ווידער זיינען מיר אויף דער עוועניו, און איך זאָג צו האָראָוויצן:

— איידער מיר גייען צו טאָמאַשעפּסקין, אפשר וואָלטן מיר זיך גוט באַרעכנט?

— וואָס איז דאָ צו רעכענען: אַ זשורנאַל גיבן מיר אַרויס, אַ קאָנצערט אַראַנזשירן מיר, געלט דאַרפן מיר — איז דאָס דער איינ־ציקער וועג ווי אַזוי צו שאַפן געלט: געבן דעם עולם אַ גוטע פּראָג־ראַם — און קען דען זיין אַ בעסערע פּראָגראַם, ווי צו האָבן די ערשט־אַריבערגעקומענע צוויי פּרימאַדאָנעס פון טאָמאַשעפּסקיס טעאַטער?

— איך זאָג ניט, אַז ניין, ווען מיר וואָלטן זיי נאָר געקראָגן!

— איך בין מער ווי זיכער. וועסט זען, זיי וועלן ברענגען אַ געפּאַקטן זאַל!

— אויב ער וועט זיי דערלויבן?

— דאָס וועלן מיר דאָנערשטיק זען.

מיר זיינען דאָנערשטיק ביידע געשטאַנען אין דער לאָבי פון טעאַטער און געוואַרט מ'זאָל אונדז לאָזן וויסן, ווען מיר קענען זען מר. טאָמאַשעפּסקין, אָבער האָראָוויץ האָט ניט געהאַט קיין געדולד, האָט ער ביי דעם קאַסירער געפרעגט:

— וואו איז מר. טאָמאַשעפּסקי?

— ביי זיך אין אָפיס.

— ווי לאַנג ?...

— ביז מ׳וועט אייך לאָזן וויסן ווען איר קענט אים זען.

— די פראַגע איז...

— יאָ, יאָ, איר וועט אים באַלד זען.

אַ שמייכל׳ענדיקער איז האַראָוויץ צוגעקומען און צו מיר שטיל געזאָגט:

— מיר וועלן אים באַלד זען!

אין דער צייט איז פון טעאַטער אַרויסגעקומען אַ דאַרער, הויכער, טונקעלער מאַן און געפרעגט ביים קאַסירער:

— ווער וויל זען מר. טאָמאַשעפסקין?

— מיר! — האָבן מיר ביידע געענטפערט, אויסכאַפנדיק די ווערטער פון קאַסירער.

דער מאַן האָט אונדז באַטראַכט, און מיט אַ שאַרפן בליק אָפּגעמאָסטן אונדז פון קאָפּ ביז די פיס, און מיט אַ האַלבן שמייכל צו אונדז געזאָגט:

— קומט!

מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען וואו ער האָט אונדז געפירט: צוערשט אין טעאַטער, וואו ס׳איז געווען פינסטער, דערנאָך אויף דער בינע; דאָרט האָט ער געוויזן וואו מיר זאָלן גיין אויף דעם ערשטן „פלאָר״. מיר זיינען אַרויף מיט די אייזערנע טרעפּלעך. וואָס האָבן געפירט אין זייער אָפיס, די טיר איז געווען אָפן, און באָרים טאָמאַשעווסקי איז געזעסן ביי אַ שרייב-טיש, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם „שייד״, אַ סך פּאַפּיר מיט שרייבגעצייג און אַ באָקס ציגאַרן. ער האָט עפּעס געשריבן — זיינען מיר געבליבן שטיין ביי דער טיר. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אויפגעהויבן זיין שיינעם קאָפּ און געזאָגט:

— קומט אַריין, מיינע יונגע הערן!

ווען מיר זיינען אַריין, האָב איך באַמערקט אין הינטער-גרונט אַ גרויסן לעדערנעם „קאָוטש״, מיט צוויי שטולן פון דעם זעלבן קאָליר, און ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ קליינע „פייער-קאַסע״, אָן וועלכער איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט. האַראָוויץ איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, אַזוי-אַרום איז מיר אויסגעקומען צו שטיין פּונקט

אַנטקעגן דעם גרויסן באַרים טאָמאַשעפסקי. זיין פּערזענלעכקייט האָט מיך אַביסל איבערראַשט. איך האָב ניט געקענט אָפּרייסן מיינע אויגן פון אַזאַ שיינעם מאַן. זיין מאַיעסטעטישע האַלטונג האָט אויך מיר געמאַכט אַ רעספּעקטפולן איינדרוק. דאַכט מיר, אַז איך האָב אויף דעם מאָמענט פאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען. אָבער האַראַווין האָט דאָס באַלד באַמערקט און שנעל איבערגעריסן דאָס שטילקייט, וואָס האָט פאַר אַ פּאָר סעקונדן אָנגעהאַלטן, זאָגנדיק:

— מר. טאָמאַשעפסקי, מיר זיינען אַ קאָמיטעט, מיר זיינען געקומען צו אייך וועגן זייער אַ וויכטיקן צוועק. אויב איר ווייסט ניט, וועל איך אייך אין אַ פּאָר ווערטער דערקלערן: מיר זיינען אַ גרופּע יונגע שריפטשטעלער, מיר זיינען אייך זיכער, אַז אייך זיינען באַקאַנט די שוועריקייטן פון די יונגע טאַלענטן, וועלכע מ׳לאָזט אין ערגעץ ניט צו, נו, זיינען מיר געצוואונגען אַליין עפּעס צו טאָן. מיר קלייבן זיך אַרויסגעבן אַ זשורנאַל.

— אַ נייעם זשורנאַל?

— יאָ, מר. טאָמאַשעפסקי, כדי אַיעדער פון אונדז, יונגע שרייבער זאָלן קענען דרוקן וואָס מיר שרייבן.

טאָמאַשעווסקי האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר, אים באַטראַכט, און גענומען אים וויקלען צווישן די פינגער, פון וועלכע ס׳האָבן אַרונטערגעבלישטשעט די דימענטן, דערנאָך האָט ער פאַררויכערט, ברייט עפענענדיק זיינע גרויסע אויגן, און ווידער אַמאָל אונדז אָנגעקוקט. ער האָט זיכער פון עפּעס געטראַכט און ווען ער האָט אַרויסגעבלאָזן דעם רויך, האָט ער געזאָגט:

—אָ, יאָ, איך פאַרשטיי!

— נו, איר ווייסט דאָך, אַז אַרויסגעבן אַ זשורנאַל איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן.

— נאַטירלעך.

— דאַרף מען האָבן געלט.

— דאָס איז באַשטימט.

— יאָ, מר. טאָמאַשעפסקי, און איר מעגט אויך וויסן, אַז מיר האָבן די שטיצע פון דער יוגנט, גלויבן מיר אָבער, אַז אייער שטיצע וועט זיין אַמוויכטיקסטן!

ווען האראוויץ איז פארטיק געווארן, האט טאמאשעפסקי פאר־צויגן זיין גראבן ציגאר און נעמענדיק זיך צו דער קעשענע האט ער געפרעגט:

— וויפל, מיינע הערן?

— ניט נאך געלט זיינען מיר צו אייך געקומען, מר. טאמא־שעפסקי! — האב איך אויסגעכאפט ביי הארוויצן. ער האט א שמייכל געטאן, און די האנט איז געבליבן שטעקן אין דער קעשענע, פרעגנדיק:

— ניט קיין געלט?

— ניין! — האבן מירביידע געענטפערט און הארוויץ האט נאך צוגעגעבן מיט א פריינטלעכן שמייכל:

— ניין, מר. טאמאשעפסקי, ניט נאך קיין געלט זיינען מיר צו אייך געקומען, נאר וועגן עפעס אנדערש!

— עפעס אנדערש?

— יא, עפעס וואס מ'ען פאר קיין געלט ניט קריגן!

— און וואס, מיינע הערן, איז דאס?

— דער קאנצערט וואס מיר וועלן האבן וועט פארקומען דעם זעלבן טאג, ווען דער ערשטער נומער „פרייע מוזע" וועט דערשיינען, זיינען מיר אייך געקומען בעטן איר זאלט דערלויבן אייערע צוויי נייע פרימאדאנעס, זיי זאלן דעם אונט אויפטרעטן ביי אונדזער קאנצערט!

טאמאשעפסקי האט זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג, ווי ער איז געזעסן, און זייער פריינטלעך געשמייכלט, ביז ער האט גע־זאגט ציענדיק איעדעס ווארט באזונדער:

— מיינע הערן, זאל אייך זיין מיט גליק!

— מיר וועלן דאס דארפן, מר. טאמאשעפסקי, א שיינעם דאנק אייך!

— מאכט גרויס דערפאלג!

— אזוי האפן מיר!

— מיינע פרימאדאנעס וועלן דארט זיין!

— א הארציקן דאנק!

— פארגעסט ניט און לאזט וויסן, וואו דער קאנצערט וועט פאר־קומען.

— מיר וועלן ניט פארגעסן, גוד-ביי!

אזוי שנעל ווי דער גליקלעכער קאמיטעט איז ארויס פון טע־אטער, האט הארוויץ, א צופרידענער, צו מיר באמערקט:

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט?

— ביסט א חכם, ווייל איך בין מיט דיר געגאנגען!

— דאס איז גוט! האסט דאך מורא געהאט...

— מורא געהאט, אז ער זאל אונדז ניט אפזאגן.

— וואס ס'זאל שוין ניט זיין, מיר האבן א גרויסע אטראקציע!

איצט האבן מיר זיך א נעם געטאן צו דער ארבעט. אין עטלעכע וואכן ארום זיינען מיר פארטיק געווארן, אבער דעם פרייטיק פון דעם קאנצערט בין איך געזעסן אזוי פארנומען מיט אלעם צוגרייטן, אז איך האב קיינעם ניט באמערקט. אין אוונט איז דער מאנהעטן לייסעאום געווען געפאקט מיט מענטשן און מיר זיינען אלע געווען איבערגליקלעך, ווייל אלץ איז געלונגען!

די אידישע אקטיארן יוניאן האט זיך געפונען אויף 108 צווייטע עוועניו, דריי „בלאק״ פון דעם מאנהעטן לייסעאום, אבער די צווייטע פרימאדאנעס זיינען געווען אזוי גרין, אז זיי האבן אליין ניט געוואוסט וואו צו גיין. און אזוי שנעל ווי זיי זיינען פארטיק געווארן מיטן זינגען האב איך זיי צוגעפירט צו דער יוניאן. ווען איך בין צוריקגעקומען האב איך שוין געטראפן דעם „פראגרעסיוו דראמא־טיק קלוב״ שפילן דעם איין-אקטער. בין איך שנעל ארויף אויף דער בינע און זיך אוועקגעשטעלט הינטער די קוליסן, זען ווי מען שפילט. אוועקגיין פון דארט האב איך שוין ניט געקענט, ווייל די וועלכע האט דארט געשפילט די הויפט-ראל איז מיר שטארק געפעלן געווארן. האב איך באלד מיט די אויגן געזוכט מיין פריינט הארוויץ, ווייל ער האט אלעמען געקענט, כ'האב געוואלט אויסגע־פינען, ווער זי איז. ענדלעך האב איך אים דערזען און האב אים שטיל צוגערופן און אים געפרעגט:

— זאג מיר, יצחק, ווער איז די וועלכע שפילט דארט?

ער האט מיך פארוואונדערט אנגעקוקט. האט דאס מיך נאך מער נייגעריק געמאכט, ביז ער האט שמייכלענדיק געזאגט:

— דו ווייסט ניט?

— ניין!

— ווייסט ניט ווער דאָס איז?

— ניין, איך ווייס ניט ווער דאָס איז, קומט מיר עפּעס דערפאַר?

— וויבאַלד אַזוי, וועסטו זי קענען אַזוי שנעל ווי זי וועט פאַרטיק ווערן און דאָס וועט זיין דיין שטראָף!

אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק פון מיר האָט זיך דער פאָרהאַנג אַראָפּגעלאָזט, דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און דאָס האָט מיך נאָך מער פאַראינטערעסירט. בין איך אים נאָכגעגאַנגען זוכן און האָב אים געטראָפן מיט דר. סאַרגינען שטיין אין אַ ווינקל, האַלטנדיק אַן אָפענעם זשורנאַל, „די פרייע מוזע", און ביידע האָבן געשמייכלט, ווען מאַרק האָרענשטיין (ער איז דאַן געווען אין אַמעריקע), האָט זייער געלויבט איינינקע זאַכן אין דער „פרייע מוזע", און אַז זיי האָבן מיך געזען צוקומען, האָט האָראָוויץ באַלד געזאָגט:

— באַקאַנט אייך, איינער פון אונדזערע און טאַקע אייערער אַ טיפּ!

— וואָס מיינט איר? — האָט האָרענשטיין געפרעגט.

— ניט לאַנג צוריק האָט ער זייער פיין דורכגעפירט אייערן אַן איינאַקטער.

— וואָס איז דאָס געווען, דוד?

— „דאָס אייביקע ליד"!

— אַזוי, זייער פיין, וואָס האָט איר געשפּילט?

— דוד.

— האָט איר געמוזט זיין גוט אין דער ראָל, ווייל איר זעט דאָס אויס. יאָ, ווי אָנגעמאָסטן פאַר אייך!

— אַז ער איז געווען גוט, האָבן אַ סך מיר געזאָגט, — האָט האָראָוויץ געזאָגט צו מאַרק האָרענשטיין, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַרשיידענע מענטשן הינטער דער בינע, זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונדז און ס'איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. באַלד איז די קאַשינסקי צוגעקומען באַגריסן מאַרק האָרענשטיין, האָט מיך האָראָוויץ פאַר איר פאָרגעשטעלט. ער האָט אויף זיינעם שטייגער צו איר געזאָגט:

— באַקאַנט זיך אויך מיט מיין פריינט. דוד, דאָס איז דאָראַ!

— זייער אָנגענעם ! — האָט זי שנעל געזאָגט, — איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן, ווייל איך דאַרף אַראָפּנעמען דעם שמינק — איך וועל באַלד זיין מיט אייך.

זי איז אַוועק, איבערלאָזנדיק אַ זיסן שמייכל. איך האָב איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז פאַרשוואונדן און מאַרק האָרענשטיין האָט דאָס באַמערקט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן ווען איך האָב מיך אויסגעדרייט צו אים.

אין זאַל איז געוואָרן פינצטער, די מענטשן זיינען אַוועק, די פריינט זיינען אַוועק, די יוגנט איז אַוועק מיט דער „פרייע מוזע" און אַביסל שפּעטער בין איך אַוועק מיט דאָראַן.

אויף איסט בראָדוועי, אַרונטערצוגיין אַ פּאָר טרעפּלעך אין אַ קעלער, האָט זיך געפונען דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב". זיינען מיר דאָרט אַרונטערגעגאַנגען. דאָראַ האָט מיך פאַר אַלעמען וואָס זיינען דאָרט געווען פאָרגעשטעלט און ביי אַ גלאָז טיי האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט. דאָ האָב איך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט איר בעסער צו באַטראַכטן און איך מוז צוגעבן, אַז זי איז מיר געפעלן געווען. בין איך טאַקע די גאַנצע צייט געזעסן און געקוקט אויף איר. שפּעטער, איידער מיר האָבן פאַרלאָזן דעם קלוב, האָט שלמה עדעלהייט, וועלכער איז דאַן געווען דער פירער דאָרט, מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— איך בין זיכער, אַז ער איז שוין אונדזערער. ווי איך האָב באַמערקט, געפעלט אים עפּעס דאָ.

איך האָב דאָראַן גענומען אַהיים. ביים הויז האָט זי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן, און ווען איך האָב איר פאַרלאָזט, בין איך געווען זיכער, אַז די יוגנט האָט איר „פרייע מוזע", אָבער איך, דער „קאָמיטעט-מאַן", וועלכער האָט געהאָלפן זייער אַ סך זיי זאָלן קריגן די פרייהייט, האָב מיין אייגענע פ ר י י ה י י ט פ אַ ר ל ו י ר ן..

עדווין א. רעלקין

דער גרויס־שוואַרץ־ברייטער קאַפּעליוש איז אַלע מאָל געווען ביי אים אויפן שפּיץ קאָפּ, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטעקט אַ געדיכטע טשופּרינע האָר, און האָט פאַרשטעלט זיין אָנגעברענטן שטערן (פון דער זון), מיט געדיכטע איבערגעוואַקסענע ברעמען, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט פון הינטער די קיילעכדיקע טונקעלע רעמ־



לעך, וועלכע האָבן תמיד געזאָטלט אויף זיין נאָז, און פון די קלאָרע ווייסע גלעזער האָבן צוויי שאַרפע ברוינע קלוגע אויגן אַרויסגעבליצט.

דער בלויער קאָסטיום, וואָס ער האָט אַלע מאָל געטראָגן, האָט פאַרמאָגט אַן איבערשטע קעשענע אין רעקל — דאָס איז געווען זיין „אָפיס". וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט, האָט ער אַריינגעשטופּט

אין דער קעשענע. אַ סך וויכטיקע אַקטיאָרן זיינען דאָרט געווען פאַרצייכנט; די גרעסטע „סטאַרס" האָט ער געהאַט אין דער קעשענע...

ער האָט פאַרמאָגט אַ פייערדיקן אימפעט און פאַנטאַסטישע איינפאַלן. דערמיט האָט ער צוגעבראַכט צום טעאַטער מער ווי אַלע מענעדזשערס צוזאַמענגענומען. אָפט האָט ער באַשעפטיקט די גאַנצע „פּראָפעסיע", ניט נאָר די יוניאָן־מיטגלידער, אויך אַ סך פון די „ניט־צוגעלאָזטע". ער האָט אַזוי לאַנג געטומלט, ביז ער האָט אויסגעטומלט אַ שטענדיקן „קאַרוסעל" פון קאָמפּאַניס, וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן איבער אַלע גרויסע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

ער איז געווען דאָס „טעאַטער אַליין"... אַלעמען האָט ער געקאָנט, און די „פּראָפעסיע" האָט אים געקאָנט. נאָך איידער דער סעזאָן האָט זיך געשטעלט, האָט ער שוין געוואוסט ווער עס וועט זיין פאַרנומען, און ווער עס וועט בלייבן אין דרויסן. און אויף די האָט ער שוין געהאַלטן אַן אויג, ווייל ער האָט אַלע מאָל געוואָלט באַשעפטיקן וואָס מער; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף באַשעפטיקן וואָס מער יונגע טאַלאַנטן. ער האָט אָפט געזאָגט:

„טעאַטער איז ווי אַ גאָרטן. תמיד דאַרף דאָרט בליען. נייע טאַלאַנטן זיינען ווי פרישע בלומען. ווער האָט ניט ליב קיין פרישע בלומען? אַז מען וויל אַז דאָס טעאַטער זאָל עקזיסטירן, דאַרף מען אַריינעמען פרישע כוחות; אָן זיי וועט דאָס טעאַטער אונטערגיין".

ווער האָט נאָך אַזוי גוט געוואוסט וואו אַ טיר עפנט זיך אויף בראָדוועי ווי ער? ווער פון אונדז וואָלט אפילו געוואַגט צו טראַכטן פון שפילן אין אַ בראָדוועיער „פּראָדאָקשאָן", ווען ניט דער גרויסער טעאַטער־טומלער עדוין א. רעלקין וואו ער איז געווען אַ תושב אין אַיעדן אָפיס דאָרט, פּונקט ווי אין אידישן טעאַטער.

***

אין 1922 האָט אויף בראָדוועי זיך שטאַרק געטומלט מיט נייע אויפפירונגען פון שעקספירס פּיעסן. דזשאַן באַרימאָר האָט געשפּילט

„האמלעט", און דעיוויד בעלאסקאָ האָט אויפגעפירט אַ האלבן מיליאָן דאָלער „פראָדאַקשאָן" „דער קויפמאַן פון ווענעדיק", מיט דעיוויד וואָרפיעלד אַלס „שיילאָק". צו יענער צייט האָט דער גרויס אימפּרעסאַריאָ מאָררים געסט אָרונטערגעבראַכט דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער. אויך אויף דער אידישער בראָדוועי (אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די צווייטע עוועניו), זיינען אַלע טעאַטער געווען פאַרנומען מיט נייע אויפפירונגען, נאָר מיטן אַלטן „ שטאָק". די „יונגע" האָט מען ניט צוגעלאָזן אפילו אויף קיין רפואה.

די וואָס זיינען געזעסן אין דער „קאַפע ראָיאַל", זיינען געווען פאַררכענט פאַר די „צוקונפטיקע קינסטלער". עס איז נאָר געווען אַ פראַגע: ווער עס וועט קריגן פריער די געלעגענהייט צו קענען צוקומען צום טעאַטער.

איין מאָל, ווען איך בין דאָרט געווען, איז רעלקין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דעם באַרימטן „גאַרדען", שטאַרק פאַרטיפט. און — ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אַרום דער „קאַפע ראָיאַל", האָט זיך זיין מויל אויף קיין איין מינוט אפילו ניט פאַרמאַכט. אַזוי שנעל ווי איך האָב מיך אָוועקגעזעצט, איז צו מיר צוגעקומען איינער פון זיינע אַדיוטאַנטן (ער האָט געהאַט אַ סך פון זיי), און מיך שטיל געפרעגט:

— שוין פאַרנומען, דענק?

— פאַר וואָס?

— איך האָב עפּעס פאַר דיר.

— אין אידיש?

— ניין, אויף בראָדוועי. אויב מ'וועט דיך אָננעמען, קאַנסטו האָבן אַ גוטן סעזאָן. דו ווייסט וואו דער בעלאַסקאָ טעאַטער איז?

— געוויס ווייס איך, אין דער 44טער גאַס און זעקסטע עוועניו.

— אויב דו ווילסט, דאַרפסטו דאָרט מאָרגן זיין.

— ווי שפּעט?

— 11 אינדערפרי.

— וועל איך דאָרט זיין.

אין דער לאָבי פון בעלאַסקאָ טעאַטער האָב איך געטראָפן מאַיק ווילענסקי, פיניע שערמאַן, יעקב בערגרין, עמאַנועל הוירש און משה

שטראַסבערג. מיר זײַנען אַלע געשטאַנען און געוואַרט ביז אַ מאַן איז צוגעקומען, האָט אונדז גוט באַטראַכט, אָפּגעמאָסטן איעדן פֿון אונדז פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. ביז ער האָט געפֿרעגט:

— זײַנען שוין אַלע דאָ?

— „יעס!“ — האָט מאַיק ווילענסקי זיך אַרויסגעשטעלט. איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז אויך זײַן אײנער פֿון רעלקינס אַדיוטאַנטן, כאָטש ער איז אַ יוניאָן־מיטגליד.

— פֿאַלער מי“, — אָנווײַזנדיק אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן זיך געדרייט ביז מיר זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען, אַדורכגייענדיק פֿאַרשיידענע טירן, ביז צו זײַער אַ גרויסער טיר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שלאָס. ער האָט זײַער שטיל איר אויפֿגעמאַכט, און אונדז אַלעמען אַרײַנגע־לאָזן. אַזאַ פֿאַנטאַסטיש צימער האָב איך נאָך ביז יענעם טאָג ניט געזען. נאָר אַנטיקן האָבן זיך דאָרט געפֿונען. איין ווינקל האָט מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. דאָרט איז געשטאַנען ניט קיין גרויסער טיש, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעוואָרפֿן שרײַב־פּאַפּיר, אַ סך בײַ־כער, אַנדערע קלייניקייטן. הינטער דעם טיש איז געשטאַנען אַ קײַ־לעכדיקער דרעי־שטול, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אין בלויע פּאַדזשאַ־מעס אַ שיינער מאַן מיט אַ ווײַסן צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, מיט אַ ליכ־טיק־ראָזעווען פּנים, אַ געמיש פֿון בלוט און מילך. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּען, און קוקנדיק אויף אונדז מיט ליב־לעכע וואַרעמע אויגן, האָט ער קינדעריש געשמייכלט. דאָס איז געווען ד ע י ו ו י ד ב ע ל אַ ס ק אָ.

אין צווייטן ווינקל, פּונקט אַנטקעגן, איז געשטאַנען אַ גרויסער אַנטיק־שטול, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ קליין דאַר מענטשעלע, מיט אַ גרויען קאָפּ קורצע האָר, פֿאַרקעמט אויף אַ זײַט, שיין אָנגע־טאָן. זײַנע אויגן זײַנען געווען אַראָפּגעלאָזט. ווען ער האָט געקוקט אין אונדזער זײַט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער קוקט אויף אונדז אַביסל פֿאַראַכטיקט. בעלאַסקאָ האָט אים גערופֿן: „דהי לידער אָוו די אַמעריקען סטעידזש“ — דאָס איז געווען ד ע י ו ו י ד וו אָ ר פֿ י ע ל ד.

דער וואָס האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט, איז געווען דער בינע־פֿאַר־וואַלטער בעלאַסקאָס רעכטע האַנט. מיט אים האָבן זיי זיך געסודעט,

נאָך דעם וואָס זיי האָבן אונדז גוט באַטראַכט. דאָס איז געווען בוירק סיימאָן.

זיי, דריי, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קורצע קאָנפערענץ, ווידעראַמאָל אונדז גוט באַטראַכט, נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, באַקוקט פון אַלע זייטן, ביז בוירק סיימאָן האָט איעדן געשטעלט די פאָלגנדיקע פראַגן:

— וואו האָט איר געשפּילט? מיט וועמען האָט איר געשפּילט? ווי לאַנג אין פאַך?

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט נאָך איעדן ענטפער, וואָס מיר האָבן געגעבן. בוירק סיימאָן האָט געשמייכלט. ער האָט געווים פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן אַ שיין ביסל איבערגעטריבן. נאָר ער האָט געזאָגט:

— „דזשענטעלמען, מאָרגן 10 אינדערפרי איז פּראָבע אין בעלאַסקאָ טעאַטער. אַי וויש יו לאַק".

געקומען אין טעאַטער בין איך פרי. שטייענדיק אין דער לאָבי, האָב איך געזען קומען מענטשן פון אַלע זייטן; לאַנגע, קורצע, גראָבע, דינע; פאַרשיידענע פּרויען. אַזוי פיל מענטשן אויף איין בינע, האָב איך נאָך ניט געזען. דאָ וועל איך עפּעס לערנען, האָב איך געטראַכט. עס האָט לאַנג ניט גענומען, איז מיר דאָ אַלץ געווען געפעלן. נאָר ניט די ראָלע, ווייל ס'איז אין איר ניט געווען קיין איין וואָרט אפילו. נאָר די דערפאַרונג וואָס איך קאָן דאָ קריגן. אַזוי האָבן אַלע געטראַכט, אָבער קיינער האָט גאָרניט געזאָגט.

אַ פּאָר טעג האָט גענומען ביז איך האָב מיך אָריענטירט, אין דעם וואָרט „גאָווערנאָר". „אָט גייט דער גאָווערנאָר", „באַלד קומט דער גאָווערנאָר", „מע וואַרט אויף דעם גאָווערנאָר". האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער גאָווערנאָר מיטן טעאַטער? ביז איך בין איין מאָל געשטאַנען און באַוואונדערט ווי אַזוי דעיוויד בעלאַסקאָ האָט זיך מיט איעדן באַזונדער אָפּגעגעבן, זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קלענסטן דעטאַל, איז צו מיר צוגעקומען בוירק סיימאָן, און צו מיר געזאָגט:

— שוין אַריבער אַ וואָך, ווי דער גאָווערנאָר מאַכט מיט איז פּראָבע, און ס'קומט גאָרניט אַרויס.

— ס'איז גאָרניט אַזוי שווער...
— זיכער ניט, אַיעדער אַקטיאָר וואָלט דאָס שוין לאַנג געמאַכט.
— ער זעט אָבער אויס די ראָל...
— יאָ, אָבער שפּילן, בין איך זיכער, וועט אַן אַנדערער.

איך האָב אים אָנגעקוקט, און פאַרשטאַנען ווער דער גאָווערנאָר איז, ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיין בליק, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— „יו וויל בי סורפּרייזד".

***

דאָס זיינען די צוויי טיפּן, וואָס איך האָב געשפּילט אין שיילאָק מיט דעיוויד וואָרפיעלד.

מיין גוט מאַכן אין דער סצענע איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט מיך פאַרזאָרגט מיט נאָך דריי סצענעס. אויף די פאַנטאַזיען־סצענעס האָב איך מער געאַרבעט, ווי אויף אויסצולערנען די גרעסטע ראָלע.

מ'האָט פאַר מיר געמאַכט אַ פּאָר גאָלדענע שיך, האָב איך זיי געמוזט אַהיים נעמען, כדי זיי איינצוברעכן, ווייל זיי האָבן אויסגעזען צו־ניי, אַזוי־אַרום איז מיר באַשערט געווען צו טראָגן גאָלדענע שטעק־שיך...

דער אַרויספאָר איז נישט נאָר געווען אינטערעסאַנט, נאָר פאַנטאַסטיש: אַ ספּעציעלער באַן פון צען וואַגאָנען. מיט דעם נאָמען „דעיוויד וואָרפיעלד ספּעשעל", האָט אויף אונדז געוואַרט אין אַיעדער

שטאָט, ביז מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן שפּילן.

אין די ערשטע צוויי שטעט זיינען די טעאַטערס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָריענטאַלישן יאַריד. פאַרשיידענע מענטשן; אַן אַ שיער קליידער; קאָלירן וואָס האָבן פאַרבלענדעט די אויגן; מ׳האָט זיך געשושקעט אין פאַרשיידענע שפּראַכן, און דאָך האָט מען זיך דאָ פאַרשטאַנען... יאָ, ס׳איז דאָ געווען וואָס צו לערנען. מ׳האָט אַזאַ דערפאַרונג פאַר קיין געלט ניט געקאָנט קריגן. איך האָב דאָס געקראָגן, אַדאַנק דעם גרויסן טומלער — עדווין אַ. רעלקין.

זעקס וואָכן האָט אָנגעהאַלטן דער טור. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, האָבן מיר געשפּילט אין דעם לייסעאום טעאַטער, אויף דער 45טער גאַס און 6טער עוועניו, ניו־יאָרק.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם ערשטן אויפדערנאַכט, אין ניו־יאָרק. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט מיט די ניו־יאָרקער „פיר הונדערט". און מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט ווען איך האָב באַדאַרפט אַרויסגיין אויף דער בינע, ניט אַזוי פאַרן גרויסן עולם. נאָר פאַר איין אַקטיאָר, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען: דער „נשר־הגדול", יעקב פּ. אַדלער.

ניט איין מאָל, ווען איך בין אַרונטערגעקומען פון גאַרדעראָב הינטער דער בינע, איז מיר אַנטקעגנגעקומען מר. וואַרפיעלד, מיך אָפּגעשטעלט, און געפרעגט:

— דייוויד, וואָס פאַר אַ „טריקס" קענסטו מאַכן?

— „טריקס"?

— יעס, ווען איך האָב געשפּילט אין „בורלעסק", האָב איך געקאָנט מאַכן זייער אַ סך „טריקס". ווילסט, וועל איך דיר ווייזן.

ער האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט אַ פּעקל קאָרטן, און מיר געוויזן וואָס פאַר אַ קונצן ער פלעגט מאַכן. איך האָב געלאַכט, טראַכטנדיק, איז ד אָ ס דער גרויסער קינסטלער, וועמען איך האָב אַזוי פיל מאָל באַוואונדערט? און ווי ער וואָלט דאָס דערקענט אויף מיר, האָט ער אַ קורצן שמייכל געטאָן, און שטיל צו מיר געזאָגט:

— ס׳איז ניט מער וואָס עס איז געווען. „דעם מוזיק מייסטער" האָב איך געשפּילט אַכצן יאָר. ווייסט, דייוויד, אַ סך מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל די ראָל קיינמאָל ניט אויפהערן צו שפּילן.

היינט וואָס פאַר אַ געשעפטן! יעדע נאַכט איז געווען אויספאַר־קויפט!

— און דאָ איז דען ניט געפּאַקט?

— „סאָ וואַט״? ווייסט, דייוויד, שעה׳ן לאַנג זיינען מענטשן געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ פּאָר „טיקעטס״. יעס, ניט איין מאָל האָט מען געבראַכט קאַווע מיט „סענדוויטשעס״ — מען זאָל זיך אָנ־וואַרעמען. אַזעלכע לאַנגע רייען זיינען געווען.

ווי אַ צעבאַלעוועט קינד, האָט ער זיך פאַר מיר באַרימט. איך האָב געוואוסט, אַז ער זאָגט דעם אמת, ווייל ניט לאַנג צוריק בין איך מיט מיין פריינט מוני וויזענפריינד געשטאַנען אין דער ריי אַ לאַנגע צייט, ביז מיר האָבן געקאָנט צוקומען צום „באָקס אָפיס״ פאַר צוויי בילעטן אויף דער גאַלעריע. און ווי מיר האָבן אים באַ־וואונדערט: דאָס איז געווען אין שיקאַגע, אין יאָר 1917. פון דאַן אָן, בין איך געוואָרן זיין חסיד. וואו איך האָב אים געטראָפן שפּילן, בין איך געלאָפן אים זען: אין „אָקשענער״, אין „רעטוירן אויף פּי־טער גרים״ און איצט — אין „שיילאָק״. עפּעס, האָב איך פאַרשטאַ־נען, פאַרדריסט אים, און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּ־צורײדן פונעם האַרצן:

— ווייסט, דייוויד, אויף דער ראָל האָב איך געאַרבעט פופצן יאָר.

— קומען אייך טאַקע זען אַלע גרויסע.

— וואָס מיינסטו?

— אָט איז נעכטן געווען רודאָלף וואַלענטינאָ.

— ווער איז ער? „נאָ עקטאָר״.

— ווער, מר. וואַרפיעלד, איז יאָ אַ גוטער אַקטיאָר?

— „די ראַשענס״. יאָ, דייוויד, זיי זיינען גוטע אַקטיאָרן. דעם קומענדיקן דאָנערשטיק ביי־טאָג, וועט דאָ זיין גאַנץ מאָסקווע.

עדווין רעלקין, האָט קיינמאָל ניט גערעדט אין טעלעפאָן, נאָר געשריען אַזוי הויך, אַז מ׳האָט אים געקאָנט הערן איבער דער גאַנצער „קאַפע ראָיאַל״. ווייל ער האָט אַלץ געמאַכט גרויס, ביי אים איז קיינמאָל ניט געווען קיין קליינע איינגאַמע. אַז מ׳האָט אים געזאָגט: „אין שיקאַגע האָט מען איינגענומען אַכט הונדערט

דאָלער", איז ביי אים געוואָרן אַכצן הונדערט דאָלער. ער האָט אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן טעאַטער, געמאַכט ג ר ע ס ע ר ווי עס איז געווען.

בין איך איין מאָל אַריינגעקומען אין דער „קאַפע ראָיאַל", פּונקט ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דעם טעלעפאָן-ביידל. האָט ער צו מיר אַ שמייכלענדיקער געזאָגט:

— „דו יו נאָו, דענק, די גאָווערנאָר לייקס יו", און דעם דאַנער־שטיק וועט איר האָבן גרויסע געסט.

— יאָ, איך בין שוין פאַרטיק מיט מיינע מאָנאָלאָגן.

— „נעווער מיינד מאָנאָלאָגס", דער מאָסקווער קונסט-טעאַטער פאַרשטייט זיך גאָט אויף „עקשאָן".

דאָס איז מיר באַלד אַריין אין דער נאָז. רײדן פאַר זיי מיינט ניט אַלץ, מען דאַרף ש פּ י ל ן פאַר זיי, און ג ו ט שפּילן. האָב איך טאַקע געפּילט מאָדנע, ווען איך בין יענעם טאָג געקומען אין טעאַטער. איך האָב פאַר קיין זאַך ניט געהאַט קיין געדולד; איך בין געוואָרן אומגעדולדיק אַזוי שנעל ווי איך האָב גענומען אַ שטיקל שמינק אין דער האַנט. וועלנדיק באַהאַלטן מיין גרויסע מורא פאַר די אַנדערע, האָב איך אַלץ געמאַכט שנעל, און פון איילעניש קומט קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויס. זיך אָפּגעבנדיק מער מיטן גרים, האָב איך פאַרפעלט מיט די קליידער; איך האָב פאַרביטן די יוצרות.

דער פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט. נאָך דער ביי־טאָגיקער פאָרשטעלונג, זיינען אַלע געבליבן אויף דער בינע, און מאָררים געסט האָט אַרויפגעפירט די קינסטלער: סטאַניסלאַווסקי, מאַדאַם טשעכאָווע, קאַטשאַלאָוו, מאָסקווין, און אַלע אַנדערע פון זייער טרופּע. דער טומל איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אפילו ניט געקאָנט כאַפּן די נעמען פון די אַנדערע. אַ סך האָב איך דער־קענט פון דער בינע. כמעט זייער גאַנצן רעפּערטואַר האָב איך גע־זען. אויך איז מיט זיי געווען באַלעיעף, פון דער „שאָווסורי". עס איז געוואָרן אַ געמיש פון שפּראַכן. מאָררים געסט האָט אַיעדן פאַר־טייטשט פון רוסיש אויף ענגליש, און פאַרקערט. קאַטשאַלאָוו האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאַר מערי עלים, און מיט איר גערעדט אין דייטש. מיר איז אויסגעקומען צו שטיין נעבן באַלעיעפן, האָב איך

געמאַכט אַ באַמערקונג אין רוסיש. האָט ער זיך מיט מיר אַרומ־געכאַפּט, און גלייך מיך פאַר אַלעמען פאָרגעשטעלט. איך האָב דער־פילט אַן אינערלעכע וואַרעמקייט. דאָס פּנים האָט זיך ביי מיר צע־פלאַמט, ווען ער האָט צו אַלעמען געזאָגט:

— „עטאָ נאַשי ראָסייסקי טשעלאָוועק" — דאָס איז אונדזער אַ רוסישער מענטש.

ווייזט אויס, אַז איך האָב זיך שטאַרק געוויטלט, ווייל אַלע האָבן געלאַכט. אין אָט דער צייט האָט מען גענומען בילדער. דאָ האָב איך מיך געכאַפּט, אַז איך טראָג ניט די ריכטיקע שיך, פאַר דעם קאָסטיום וואָס איך האָב אין לעצטן בילד געטראָגן. בין איך שנעל אַרויפגעלאָפן אין גאַרדעראָב־צימער, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די קליידער, האָבן איך אַריינגעקוקט אין שפּיגל, און צו זיך געמורמלט:

— אַ גרויסן דאַנק קומט רעלקינען. אָן אים וואָלט איך דאָ קיינ־מאָל ניט געווען, זיך קיינמאָל ניט באַקאַנט מיט אַזעלכע גרויסע קינסטלער.

ווען עדווין רעלקין האָט אויפגעהערט טומלען, איז דאָס גאַנצע טעאַטער געוואָרן שטיל. מיט זיין טויט איז אַלץ וואָס עס האָט גע־האַט צו טאָן מיטן טעאַטער אָפּגעשטאַרבן. ניטאָ מער דער פּראָפּע־סיאָנעלער טומלער, איז ניטאָ מער דאָס גוטע בליענדיקע אידיש טעאַטער.

דרײַ דאָלער

צמח פינקלשטיין איז נאָך פּראָבע געבליבן זיצן פאַרטראַכט. כמעט אַלע זײַנע שוין געװען אַװעק פון טעאַטער, נאָר דער סופ־לאָר איז נאָך געבליבן, און פאַרמאַכנדיק דעם טעקסט, האָט ער אים געפרעגט:

— מאָרגן איז פּראָבע אין דער זעלבער צײַט?

ניט קריגנדיק פון אים קיין ענטפער, אַזוי שנעל, האָט ער װי־דערהאַלט די פראַגע, נאָך צוגעבנדיק:

— אַ יאָ, מר. פינקלשטיין?

צמח האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צו באַשטעטיקן דעם סופלאָרס פראַגע, װײַל ער, צמח, האָט איצט גאָר געטראַכט פון עפּעס אַנדערש:

— צו װאָס האָט ער דאָס אין גאַנצן באַדאַרפט? ער האָט דאָך יאָ געקענט זײַן „אַנגאַזשירט" אין אַ ניו־יאָרקער טעאַטער, און זײַן פאַרזאָרגט אַ גאַנצן סעזאָן מיט פּרנסה? פאַרװאָס האָט ער אַװעק־געװאָרפן ברױט, און איז געפאָרן זוכן ברעקלעך? דאָ איז שוין ניט געװען קיין פראַגע פון דער שװערער אַרבעט און גרױסע פאַראַנט־װאָרטלעכקײט, נאָר מ'האָט נאָך טענות צו אים: פאַרװאָס דער עולם קומט ניט? פאַרװאָס זײ קענען קײן לעבן ניט מאַכן? געטאָן האָט ער דאָס דערפאַר, װײַל ער איז נאָך יונג, מיט אַ סך אַמביציע און װילן און איז באַרעכטיקט עפּעס צו דערגרײכן. אָבער, װי ס'זעט אויס, װעט ער אין דער שטאָט ניט קענען דאָס באַװײַזן. אפילו זײַן שװערע אַרבעט, פאַר די קלײנע פאַרדינסטן, האָבן אים ניט געקענט אָפּשטעלן פון פּרואװן אַדורכצוברעכן די אײַזערנע װאַנט פון דעם עקשנותדיקן עולם. מיט אַלע זײַנע כּוחות האָט ער געװאָלט בײַ זײ געװינען אַביסעלע אַנערקענונג, אָבער, װי ס'האָט אויסגעזען, איז ער צוריק געשטױסן געװאָרן פון זײַנע קאָלעגן שױשפּילער.

װען ער האָט אױפגעמאַכט זײַנע שײנע אױגן, און זיך אַרומ־

געקוקט, איז שוין קײנער ניט געװען, אפילו דער סופלער, װאָס האָט אַלע מאָל געװאַרט אויף אים, װיסנדיק, אַז ער װעט דערפאַר קריגן אַ גוטן ציגאַר. איז שוין אויך ניט געװען, האָט ער זיך אויפגעהויבן, גענומען די פּיעסע און פאַרלאָזט די האַלב־טונקעלע בינע, נאָך אַלץ טראַכטנדיק: — װי אַזוי מאַכט מען אַ לעבן?

שפרה, אַ קלײנינקע, דאַרע, מיט אַ װײַס פּנים װי שנײ, און אַ געדיכטן קאָפּ ברױנע האָר, מיט צװײ גרױסע קאַרשן־ברױנע פינקל־דיקע אויגן איז געזעסן אין דער קאַסע פון טעאַטער, װאו צמח איז איצט געװען דירעקטאָר. זי האָט געהאַלטן אַ פּען אין דער האַנט, און געמאַכט נומערן אויף די בילעטן, װעלכע זײַנען שפּעטער פאַר־קויפט געװאָרן צו די, װעלכע זײַנען געקומען אין טעאַטער.

די קאַסע האָט זיך געפונען אין דער לאָבי, און יעדער אײנער האָט איר געמוזט פאַרבײגײן. דער אײנציקער װאָס האָט איר נאָך ניט באַמערקט די גאַנצע צײַט איז געװען צמח. ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס זי איז געזעסן אויף אַ הויכגעמאַכט בענקל, האָט מען איר קוים אַרויסגעזען.

װען צמח איז אַרויסגעקומען אין דער לאָבי, איז ער געבליבן שטײן, אַרויסנעמענדיק אַ ציגאַר, װעלכער ער האָט נאָך געבראַכט מיט זיך פון ניו־יאָרק, טראַכטנדיק, װען דאָס שאַכטל װעט זיך ענ־דיקן, קען מען זײ דאָ ניט קריגן. אַזוי שנעל װי ער האָט פאַררױ־כערט, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער קאַסע, און דורך דעם פענצטער, זי צום ערשטן מאָל דערזען.

זי איז געזעסן אײַנגעבויגן, און שטאַרק געװען פאַרטיפט אין איר אַרבעט. דערפילנדיק זײַן בליק אויף זיך, האָט זי לאַנגזאַם אויפ־געהויבן אירע פינקלענדיקע אויגן, אים אָנגעקוקט און װײַטער גע־אַרבעט.

ער האָט געזען אין איר אַ דערװאַקסן קינד, און זעענדיק װאָס זי מאַכט דאָרט, האָט ער באַשלאָסן איר צו פרעגן:

— דאָס דאַרף מען טאָן איעדן טאָג?

ערשט איצט האָט זי אויפגעהויבן איר קאָפּ, אים באַטראַכט, ביז זי האָט שמײכלענדיק געענטפערט:

— יאָ, אַלע טאָג.

— איז דאָס ניט לאַנגווייליק?

— יאָ, זייער, אָבער מ׳דאַרף מאַכן אַ לעבן.

— יאָ, מ׳דאַרף, מאַכסטו?

זי האָט אָוועקגעלייגט די פען, אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ סיגאַרעט, און איידער זי האָט פאַררויכערט, האָט זי שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס אַזוי אויפגערעגט?

ער האָט געשוויגן. ווען זי האָט פאַררויכערט, האָט דאָס צו אים אויסגעזען זייער קאָמיש. אָנשטאָט לאַכן, האָט ער פאַרצויגן זיין ציגאַר, און אַביסל פאַרדריסלעך געזאָגט:

— דאָ דאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזן, ניט צו ווערן אויפגערעגט. דאָס אַלץ צו פאַרגעסן, פיל איך ווי זיך אָנשיכורן.

— אַזוי פיל איך אויך.

— דו טרינקסט?

— אַמאָל. ס׳איז, דאַכט זיך, ניט מער ווי שטיקלעך פאַפיר, דאָך ווער איך אַ סך מאָל אויפגערעגט, און וואָלט געוואָלט, פונקט ווי איר איצט, זיך גוט אָנשיכורן און פאַרגעסן אין אַלץ, און אין אַלעמען.

— אין אַלעמען?

— יאָ, נאָך אין אַנדערע זאַכן...

צמח האָט זי ערשט איצט גוט באַטראַכט. זי האָט זיך גענומען אַביסל רויטלען, איז זי אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל, און צו איר שטיל געזאָגט:

— איצט האָסטו אַ גוטע געלעגנהייט.

— יאָ, אָבער ווי קען איך?

— פאַרוואָס קענסטו ניט?

— אויף וועמען לאָזט מען איבער דעם „באָקס אָפיס״?

— ביזסט גערעכט, איז ווען?...

— ס׳וועט שוין זיין שפּעט.

— וואָס מיינסטו?

— איך וועט ניט פאַרטיק פריער ווי זעקס אַזייגער.

— ווייבאַלד אַזוי, האָב איך נאָך פּלעשלעך, וועלכע איך האָב נאָר ניט אויפגעמאַכט, וועל איך אַהיים גיין. פאַרט׳טייסט, איך וואַרט. עס ווילט זיך אַמאָל פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען.

אירע גרויסע אויגן האָבן געגלאָנצט נאָך שטאַרקער פֿינקלען, און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער איר גאַנצן פּנים, און ווערנדיק נאָך רויטער, האָט זי שטיל געזאָגט:

— היינט שפּילט מען דאָך ניט.

און נאָך איידער צמח האָט געקענט איבערקלערן, וואָס זי האָט געמיינט, האָט ער איר באַלד געענטפֿערט:

— ניין.

זי האָט שמייכלענדיק אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז אַוועק.

אַזוי שנעל ווי צמח איז געווען אין דרויסן, האָט ער באַלד פֿאַרגעסן, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין דער לאָבי, און שנעל אַריבער־גייענדיק די גאַס, האָט ער זיך פֿאַרנומען לינקס, און איז דורך אַ גרויסן פּאַרק אַוועק אַהיים. דורך דער גאַנצער צייט, האָט ער אויף קיין איין מינוט ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן:

— וואָס וועט זיין?

ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו זיין אין אַ געדריקטער שטימונג, האָט ער נאָר געוואָלט שרייבן. שוין לאַנג ווי ער אַרבעט אויף אַ נייער פּיעסע, אָבער זי לאָזט זיך ניט ענדיקן. ס'איז אים אַדורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק:

— אפשר קען דאָס אים ראַטעווען?

צמח איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש, און איז געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי דער טאָג איז אַוועק. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט דאַן, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ זייער לייכטער קלאַפּ אין זיין טיר. ער האָט אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ, און, אַוועקלייגנדיק די פּעדער, האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט:

— ווער קאָן דאָס זיין?

ווען ער האָט אויפֿגעמאַכט די טיר, און איר דערזען, האָט ער זיך דערמאָנט, און געוואָרן איבערראַשט פֿון איר איצטיקן אויסזען. ער האָט שמייכלענדיק צו איר געזאָגט:

— וואָס שטייסטו? קום אַריין.

פֿאַר אים איז איצט געשטאַנען אַ שיינע, קליינע דאַמע מיט אַ ליבן שמייכל אויף איר קליין פּנים, וועלכעס האָט איצט אויסגעזען

אַ סך שענער, און נאָך בליענדער ווי ער האָט איר היינט ביימאָג גע־זען זיצן אין „באָקס אָפיס". ער האָט איר אָנגעוויזן וואו זיך אוועק־צוזעצן, און שטיל באַמערקט:

— ווי אַנדערש דו זעסט אויס!

— זי איז אַריבערגעגאַנגען וואו ער האָט איר אָנגעוויזן, זאָגנדיק:

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר וועט זיך וואונדערן. איך האָב דאָס אָבער געמוזט טאָן, אַנדערש, גלייב איך, וואָלט מען מיך דאָ ניט אַריינגעלאָזט.

— האָסט געהאַט שוועריקייטן, אַרויפצוקומען?

— ניין, זיי האָבן מיך אָבער גוט באַטראַכט, איידער איך בין אַריין אין „עלעוועיטאָר".

— אַזוי שטרענג זיינען זיי?

— אַזוי איז אין איעדן האָטעל.

— אפשר דערפאַר ווייל ס'איז אין אָוונט?

— אפשר, — און צו אַ מאַן...

ער האָט גענומען שמייכלען, זיך דערמאָנענדיק, וואָס ער האָט מיט איר היינט ביימאָג גערעדט, און קוקנדיק אויף איר, האָט ער שטיל געזאָגט:

— דערפאַר האָסטו זיך אַזוי שיין אויסגעפוצט?

— יאָ, איך אַ פראָסטן דאָנערשטיק, געמאַכט אַ יום־טוב.

— און דאָס וועלן מיר האָבן.

מיט די ווערטער איז ער אַריבערגעגאַנגען און אַרויסגענומען אַ פלעשל שנאַפּס, עס אויפגעמאַכט און אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך. אין דער צייט האָט שפרה פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און קוקנדיק אויף אים, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך האָב פאַר אייך נאָך אַ סופּרייז.

— איין מינוט, צוערשט וועלן מיר, — ער האָט איר דערלאַנגט אַ גלעזל, — יאָ, וואָס?

— אַז איך בין שוין לאַנג ניט מער קיין קינד.

צמח האָט אין דעם מאָמענט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. האָט ער איר אָנגעקוקט, מיינענדיק, אפשר איז דאָס גלעזל צו קליין? האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך זע דאָס אפשר אויס זיצנדיק אין „באָקס אָפּיס", ווייל די אַרבעט דאָרט פּאַסט אפשר פאַר אַ קינד, אָבער איך בין דאָס שוין לאַנג ניט. די פּאָר שעה וואָס איך בין דאָרט, מאַכט ניט אויס ווי אַזוי איך בין אָנגעטאָן, אָדער ווי איך זע דאָרט אויס. ווער זעט מיך דאָרט?

— פון היינט אָן, וועל איך דיך זען.

— און ביז היינט, האָט איר ניט געוואוסט, אַז איך בין דאָ?

— חעם אמת געזאָגט: ניין! אין דער פרי, ווען איך בין גע־קומען צו פּראָבע, איז נאָך אין „באָקס אָפּיס" קיינער ניט געווען...

— איך קום ערשט צוועלף אַזייגער.

— און נאָך פּראָבע, בין איך אַלע מאָל געווען פאַרנומען, איעדן טאָג מיט עפּעס אַנדערש. ווייסט דאָך, אין אַ טעאַטער איז דאָ זייער אַ סך צו פאַרזאָרגן, אפילו ווען דער עולם קומט ניט. כדי צו פאַר־געסן, וועלן מיר נעמען צוביסלעך.

נאָכן דריטן גלעזל, האָט זי גענומען לאַכן, דערנאָך האָט זי שטיל געמורמלט:

— איך וואָלט אפשר איצט גליקלעכער געווען, ווען איך בין אַ קינד.

— וואָלסטו דאָך דאָ ניט געווען...

— אויך אמת...

— און ניט געטרונקען נאָך אַביסעלע.

— מער וויל איך ניט.

— ניין?

— איך מוז נאָך אַהיים גיין.

— אַזוי פרי?

— איך מיין ניט איצט, ווען איך וועל אַהיים גיין, זאָל מען ניט דערקענען, אַז איך האָב געטרונקען.

זי האָט זיך פאַרטראַכט. ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָט זי זיך גענומען רויטלען, ביז זי האָט ווידער פאַררויכערט אַ סיגאַ־רעט, און אַרויסבלאָזנדיק דעם רויך, האָט זי, מיט געמאַכטן שמייכל, געזאָגט:

— איך בין שוין געווען פאַרהייראַט, געהאַט אַ קינד.

אַ ווײַלע איז זי שטיל געבליבן. צמח האָט באַמערקט, ווי זי וויל עפּעס אַרויסזאָגן, און קען ניט, האָט זי אַ ביסל אויפגעמאַנט דאָס מזיל, ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אין דער צײַט האָט זי געקוקט אויף דער טיר, ווי זי וואָלט געזען ווען אַרײַנקומען, און אַ פּאָר גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אויף אירע פאַרפלאַמטע רויטע באַקן, וועלכע האָבן איצט אויסגעזען, ווי ערשט אַראָפּגערײַסענע עפּל. מיט דער האַנט האָט זי פאַרווישט די טרערן, און באַמערקנדיק ווי ער קוקט אויף איר, האָט זי אַ קורצן שמייכל געטאָן, און שטיל געזאָגט:

— „דאַנקט מײַנד מי", זי איז געווען זייער אַ שיין קינד.

— ג ע ו ע ן?

— יאָ, געווען, זי איז מער ניטאָ. ווי ס'וואָלט נעכטן געווען. אַ קורצע צײַט נאָך איר געבורט, בין איך געווען זייער גליקלעך. לאַנג אָבער האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן.

— ס'ווערט אינטערעסאַנט!

ער האָט אַוועקגעשטעלט די גלעזלעך, און זיך אַוועקגעזעצט פּונקט אַקעגן איר און האָט איר געפרעגט:

— און וואָס איז ווײַטער געשען?

— ס'איז געווען אַ שיינער זומער טאָג. די טיר פון מײַן הויז איז געווען אָפן. איך בין געווען פאַרנומען אין קיך, ווײַל ער האָט באַדאַרפט באַלד אַהיים קומען פון דער אַרבעט, און מײַן קינד איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. און ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז זי איז ניט אין הויז, און געגומען לויפן זען וואו זי איז, איז שוין געווען צו שפּעט. דער טומל פון דרויסן האָט מיך אַרויסגעבראַכט, אָבער ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב פאַר מיר דערזען דעם מלאך־המות אין געשטאַלט פון אַ „טראַק־דרײַווער", ער האָט מײַן קינד אַרײַנגעבראַכט אַ צעדריקטע פון זײַן שווערן „טראַק".

זי האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, האָט פאַרצויגן דעם סיגאַרעט, און אַרויסבלאָזנדיק דעם רויך, האָט זי ווײַטער גערעדט:

— נאָכן אומגליק האָב איך שוין מיט מײַן מאַן ניט געקענט זײַן. ער האָט מיך באַשולדיקט אין מײַן קינדס טויט. ער איז מיר

אַזוי הערגאַנגענען די יאָרן, אַז איך האָב שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און אים איבערגעלאָזט, אַביסל שפּעטער איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, און — ווי אין וואַסער אַריין.

נאָך אַ שווערן זיפץ, האָט זי אויסגעלאָשן דעם סיגאַרעט, און זיך אַ דריי געטאָן אויף דעם בענקל, און האָט ווייטער גערעדט:

— ניט הערנדיק פון אים אַ ייער לאַנגע צייט, אויך ניט וויסנדיק וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָב איך אַרויסבאַקומען אַ גט. אַזוי־אַרום בין איך באַפרייט געוואָרן, און געבליבן אַליין.

צמח איז ניט געווען קיין טרינקער. די שנאַפּס אין הויז איז געווען אַ מתנה פון אַ פריינט. נאָר דאָס, וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען די עטלעכע וואָכן, און וואָס זי האָט דאָ דערציילט, האָט אים גע־מוטיקט צו נעמען אַן איבעריקן טרונק. ער איז ניט געווען שיכור, און זיצנדיק האָט ער דאָס אפילו ניט געפילט. ער האָט געקוקט אויף איר, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— אַזוי, אַזוי! דאַכט זיך, אַ קליינינקע, און שוין אַדורכגעגאַנגען אַזאַ שווערע פאַרגאַנגענהייט? אָבער ווער זאָגט, אַז דו ביסט אַליין? מיט מיר, מיין טייערע, איז מען ניט אַליין, און אַז מ׳וויל פילן גוט, דאַרף מען נעמען נאָך אַביסעלע. אָבער צווינגען וועל איך דיך ניט. איך פאַרשטיי ווי דו פילסט, דערפאַר, וואָלט נאָך אַ קליין ביסעלע דיך אויפגעמונטערט.

— ניין, כ׳וויים אויך, אַז עס וועט קיינמאָל ניט צוריקקומען, וואָס ס׳איז אַוועק, און דאָס לעבן באַדאַרף אָנגיין, דערפאַר מוז איך זיין מונטער, און איך בין עס. אַזוי שנעל ווי איך רעד מיר אַרונטער פון האַרצן, פיל איך שוין בעסער.

זי האָט באַמערקט די אָנגעשריבענע זייטלעך, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפן אויף דעם טיש, האָט זי, ברייט אויפמאַכנדיק אירע אויגן, געפרעגט:

— איר שרייבט?

— ווען ס׳פאַלט מיר עפּעס איין.

— וואָס?

— ווען איך האָב צייט, פּרוביר איך אָנשרייבן אַ פּיעסע.

— און איך האָב געמיינט...

— אַז איך קען בלויז שפּילן טעאַטער. מעגסטו וויסן, אַז איך שרייַב אַמאָל אויך. פון דעם, וואָס דו האָסט מיר ערשט דערציילט, קען מען אויך אָנשרייבן אַ... אָבער איך וועל דאָס ניט טאָן. ווייסט פאַרוואָס? ווייל דער שרייבער ז. ליבין האָט שוין די טעמע באַהאַנדלט, אין אַן איינאַקטער מיטן נאָמען „דער מאָטאָרמאַן". די טראַגעדיע איז, דאַכט מיר, נאָך שטאַרקער, ווייל דער אייגענער טאַטע פאָרט איבער זיין קינד, אויך אַ מיידעלע. וואָס איז? פאַרוואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— ערשט איצט זע איך, וואָס פאַר אַ שיינע בלויע אויגן איר האָט.

— איין מינוט. די טיר האָב איך ניט פאַרשלאָסן. מ'קען קיינמאָל ניט וויסן, ווער ס'קען אַריינפאַלן.

— פאַרוואָס איז מיר מיט איין מאָל אַזוי היים געוואָרן?

— די טיר איז שוין פאַרשלאָסן.

זי האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך גענומען אַביסל רויטלען. ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט, איז זי געשטאַנען אַקעגן אים אַזוי, אַז ער האָט ווייטער ניט געקענט גיין. זי האָט אים אַרומגענומען, און זייער שטיל געזאָגט:

— איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט.

— אָט בין איך.

—איך בין אויך דאָ.

— פאַר וועמען?

— נאָר פאַר דיר...

די געשעפטן אין טעאַטער האָבן זיך ניט פאַרבעסערט, און דערפאַר איז זונטיק געווען אַ גרויסע פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן? שפּילן די זעלבע פּיעסע נאָך אַ וואָך, אָדער אַוועקשטעלן אַ נייע פּיעסע? דאָס „מענעדזשמענט" האָט געפאָדערט אַ נייע פּיעסע. די טענה איז געווען, אַז מ'דאַרף ניט פאַריאָגן די מענטשן וואָס קומען אין טעאַטער. די טרופּע, ווידער, האָט געוואָלט שפּילן די זעלבע פּיעסע. איר טענה איז געווען: אויב מיר פאַרדינען ניט גענוג, פאַרוואָס זאָלן מיר אַרבעטן אַזוי שווער? מיר מאַכן דאָך סיי ווי ניט קיין לעבן.

ביידע צדדים זיינען געווען גערעכט, און צמח, וועלכער האָט גע־טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ביידע צדדים, ער האָט אַלע־מען באַדאַרפט צופרידנשטעלן. ווי ס'האָט זיך, אָבער, אַרויסגעוויזן, איז די קאַסע געווען שטאַרקער פון אַלע מיינונגען, געוויזן, אַז מ'מוז שטעלן אַ נייע פיעסע, כדי צו פאַרזיכערן די אויסגאַבן.

אָבער די פראַגע איז: וואו נעמט מען אַ גוטע פיעסע?

דאָס האָט צמחן גענומען שטאַרק נערווירן. ער האָט צוליב דעם געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, און ס'האָט גענומען זייער לאַנג, ביז ער איז איינגעשלאָפן, פונקט אין אַזאַ פרימאָרגן, האָט אים שפרה אי־בערראַשט.

ער איז ערשט איינגעשלאָפן, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ זייער לייכטער קלאַפ אין זיין טיר. אַ האַלב־פאַרשלאָפענער האָט ער זיך אויפגעכאַפט, און אויפגעמאַכט די טיר. זי איז געשטאַנען און גע־שמייכלט צו אים, און אַריינקומענדיק, האָט זי געזאָגט:

— אַ יאָ איך האָב דיך איבערראַשט?

— שוין מיט דעם אַליין, וואָס דו האָסט מיך אויפגעוועקט.

— איך קום פון „ביוטי פאַרלאָר". ניט ווייט פון דאַנען. זעסט מיינע האָר זיינען נאָך נאַס.

— דערפאַר ביסטו אַרויפגעקומען זיי אויסטריקענען?

זי האָט געשמייכלט, ווען זי האָט צו אים געזאָגט:

— דו מוזסט זיין פאָרזיכטיק, ניט אָנרירן מיין קאָפ.

ער האָט איר אָנגעקוקט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט איצט אויס אַנדערש, האָט ער איר געפרעגט:

— אָבער אַזוי פרי...

— ווייל ס'איז פרי, וועט מיך קיינער ניט באַמערקן. פאַרשטיי, מיין ליבער, מיך קען מען דאָ. אויף דיר וועט קיינער גאָרניט זאָגן, דו ביסט אַ פרעמדער. איך, אָבער, בלייב דאָ, דערפאַר מוז איך זיין פאָרזיכטיק.

ס'איז געווען אַ קאַלטער פרימאָרגן, ווען צמח האָט פאַרלאָזן דעם האָטעל, און ווייל ס'איז נאָך געווען צו פרי, האָט ער באַשלאָסן צו גיין דורכן פאַרק אין טעאַטער.

דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט אים געבלאָזן אין די אויערן,

האָט אים ווי אָנגעזאָגט, אַז ס'איז די לעצטע פּיעסע, וואָס ער גייט איצט אויפפירן, און אַז די וואָך וועט זיך זיכער ענדיקן דער סעזאָן. פּלוצלינג האָט פאַר אים אויפגעבליצט די געשטאַלט פון שפרהן:

— דאַכט מיר, אַז איך האָב דאָ געמאַכט אַ טעות אין חשבון. דאָס קינד פאַרשטייט דאָך מער ווי אַ גרויסע. דערפאַרונג האָט זי זיכער מער... ער האָט זיך איצט דערמאָנט, ווען זי איז צו אים דאָס ערשטע מאָל געקומען, האָט ער איר, נאָך האַלבע נאַכט, געוואָלט נעמען פאַר קאַפע, האָט זי באַלד פאַר אים געהאַט אָן אָנגעגרייטן תירוץ, אַז זי דאַרף נאָך זען איר פעטער. „אַזוי שפּעט ביינאַכט?". האָט ער געטראַכט. און די אַנדערע פאַר מאָל וואָס זי איז אומגעריכט אַרויפגעקומען, איז געווען אין אַזאַ צייט, ווען ער האָט אפילו ניט געקענט אַרונטערגיין מיט איר.

טראַכטנדיק, האָט ער גאָרניט באַמערקט, אַז ער איז שוין נעבן טעאַטער, אָבער ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין דער לאָבי, איז נאָך קיינער ניט געווען, איז ער דערווייל אַריין אין אַ קאַפע „שאָפּ" זיך אָנוואַרעמען ביי אַ טעפעלע קאַפע. דאָרט האָט ער געטראָפן אַ פאָר פון דער קאָמפּאַניע, מיט וועלכע ער איז דערנאָך געגאַנגען צו פּראָבע.

אַריינקומענדיק אין טעאַטער, מיט דעם געפיל וואָס ער האָט געהאַט, און זעענדיק ווי אַזוי די טרופּע באַנעמט זיך צו דער נייער אויפפירונג, האָט דאָס אים ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט. ער זאָל זיך אפילו קענען פאַרטראַכטן. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז כמעט די גאַנצע טרופּע האָט דעם זעלבן געפיל וואָס ער, אַז דאָס איז זיכער די לעצטע וואָך, און דערפאַר האָבן זיי דאָס גענומען מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן דעם צוטרוי, זעענדיק, אַז די שפּיל איז שוין פאַרן טייוול.

דערפאַר איז די פּראָבע געווען זייער אַ שנעלע, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, זיינען זיך אַלע צעלאָפן. ער האָט גענומען די פּיעסע, און — אַ שטאַרק־פאַרביטערטער — איז ער אַרויס פון טעאַטער.

אַרויסקומענדיק אין דער לאָבי, איז ער צוליב איר שמייכל, וואָס זי האָט אים געגעבן, אַריין אין „באַקס־אָפיס", און נאָך איידער ער האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט זי צו אים געזאָגט:

— ס'איז געוואָרן גוט קאַלט אין דרויסן.
— יאָ, ס'איז שוין ווינטער.
— פאַר אַזאַ קעלט, איז נאָך צו פרי.
— פרי? ס'איז שוין נאָוועמבער.
— כ'האָב געמיינט צו זאָגן, פאַר מיר איז נאָך פרי.
— האָסט מורא וועסט פאַרפרוירן ווערן?
— אַלעס איז מעגלעך! — זי האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג.
— ניט אַזוי לאַנג, ווי איך בין נעבן דיר.

זי האָט אים איצט גוט באַטראַכט, אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט, און פאַררויכערט, דערנאָך האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ „קאָוט". וואָס איז געהאַנגען אין אַ ווינקל:

— דאָס איז מיין קאָוט, וואָס איך טראָג.
— זייער אַ לייכטער. האָסט ניט קיין אַנדערן?
— מיין ווינטער־קאָוט איז ביים שניידער.
— נעמט מען אים אַרויס.
— דאַרף מען דאָך האָבן מיט וואָס.

צמה האָט איר איצט אָנגעקוקט אַביסל פאַרדעכטיקט, און בעת מעשה געטראַכט: ווי איז דאָס מעגלעך? אַחוץ די אַקטיאָרן, קריגן דאָך אַלע באַצאָלט; זי מוז דאַרפן אַ סך געלט. אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפל זי דאַרף, האָט ער איר זייער פאַרזיכטיק געפרעגט:

— וויפל דאַרפסטו?
— דריי דאָלער, דאַרף איך וואַרטן ביז זונטיק.
— געווייס נאָך ניט פאַרטיק.
— שוין לאַנג פאַרטיק, עס פעלט מיר די דריי דאָלער, וועל איך דערווייל מוזן טראָגן דעם לייכטן קאָוט, און אפילו מיטן „סוועטער" וועל איך כאַפּן אַ גוטן ציטער, ווייל דאָס מיינט צו וואַרטן אַ גאַנצע וואָך.
— און ביז איצט, האָסטו ניט געקענט אַרויסנעמען דעם קאָוט?
— פון דעם וואָס איך פאַרדין דאָ, איז אפילו ניט גענוג אויסצוקומען די וואָך אויף דאָס נויטיקסטע וואָס איך דאַרף.
— ביזט אָפנהאַרציק, דערפאַר וועל איך דיך ניט לאָזן פאַרפרוירן ווערן. אָט האָסטו די דריי דאָלער.

זי האָט שמייכלענדיק גענומען דאָס געלט, און אַריינלייגנדיק אין איר טאַש, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אַ דאַנק.

— און איך האָב געמיינט...

— מ׳מוז דאָך מאַכן אַ לעבן...

צמח האָט זי מאָדנע אָנגעקוקט, אָבער זי האָט זיך שוין מער ניט געדרייטלט. זי האָט אַרויסגעבלאָזן דעם רויך מיט אַ זייטיק-גע־מאַכטן שמייכל ביז ער איז אַוועק

קלאַראַ יאָנג

א.

ווען איך האָב פאַרענדיקט שפּילן 22 וואָכן מיט דייוויד וואָר־פיעלד, איז מיר ווידער אויסגעקומען זיצן אין דער קאַפּעראַיאַל, און וואַרטן אויף אַ נס, וואָס האָט אין יענער צייט נאָך געקאָנט פּאַסירן.

קלאַראַ יאָנג

איינער פון די באַשיידענע טעאַטער־פּאַרוואַלטער, איז געווען אַ דאַר מיטלוואוקסיק מענטשעלע, מיט קליינע שמייכלענדיקע אויגע־לעך, תמיד אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטעקן; ער איז געווען דער פּאַרוואַל־

טער פון דער נוארקער „מעטראָפּאָליטאַן" טעאַטער — סעם ראָס.

איין מאָל, אַריינקומענדיק אין דער קאַפע, האָט ער מיך דאָרט געטראָפן, האָט ער מיך צוגערופן און געפרעגט:

— איר טוט עפּעס, דענק?

— דערווייל גאָרניט.

— זיצט, איך וויל מיט אייך רעדן. איר וואָלט געוואָלט אַרויספאָרן שפּילן?

— אין וועלכער שטאָט, מר. ראָס?

— דעטראָיט.

— מיט וועמען, מר. ראָס?

— איך שטעל צוזאַמען אַ טרופּע מיט קלאַראַ יאַנג.

— האָט איר שוין אַלעמען?

— כמעט, עס פעלט מיר נאָר אַ יונגערמאַן.

— האָט די יוניאָן אייך דערלויבט מיך צו נעמען?

— אַז איך וועל אייך אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט, וועט מען אייך לאָזן פאָרן.

— נעם איך דאָס אָן מיט פאַרגעניגן.

— אָט איז דער קאָנטראַקט און זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. מען וועט אייך שוין לאָזן וויסן, ווען עס וועט זיין אַ פאָרלעזונג, איך וועל אייך געוויס נאָך זען; איצט דאַרף איך צולויפן צו קלאַראַ יאַנג.

בלייבנדיק אַליין, האָב איך געהאַט אַ טאָפּלטן געפיל: ערשטנס וועל איך שפּילן מיט קלאַראַ יאַנג, וואָס פאַר מיר איז דאָס, צו יענער צייט, געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. און צווייטנס, בין איך געווען זיכער, אַז די טרופּע וועט זיין אַן ערשט-קלאַסיקע.

די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען אין יוניאָן סקווער האָטעל. ביי קלאַראַ יאַנג האָט אויף מיר געקוקט, האָב איך געפילט זייער מאָדנע: עליאָס ראָטשטיין, ראָזעטאַ ביאַלים. לואי היימאַן, אסתר גליקמאַן, שמואל אירים, יוסף ווײנשטאָק און דער סופלאָר אָסקאַר אָסטראָף. ווען קלאַראַ יאַנג האָט אויף מיר געקוקט, האָב אָדי געפילט זייער מאָדנע: זי האָט מיך דערמאָנט ווען איך האָב איר צום ערשטן מאָל געזען שפּילן אין קעסלער טעאַטער, אין דער פּיעסע „יעדער פרוי". שוין דאַן האָט זי אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך האָב איר פאַר

אַ לאַנגער צייט ניט געקאָנט פאַרגעסן... איצט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט ביי איר אין צימער, און זי האָט אָנגעשטעלט אירע צוויי בליץ-לאָמפּן אויף מיר, האָב איך באַלד דערפילט, ווי זי האָט מיך אַדורכגענומען. ווי צוויי טייערע, פייערדיקע בריליאַנטן האָבן אירע אויגן געפינקלט. איר קורץ נעזל האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט חן. איר כישופדיקער שמייכל האָט עפּעס אָנגערירט אין מיר, ווי מיך אַרומ־גענומען, אַז איך האָב אויף דעם מאָמענט פאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען. איך האָב זיך אָבער שנעל אויפגעכאַפּט, ווען דער סופלער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, מיר וועלן אָנהויבן לייענען.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן פונקט אַנטקעגן קלאַרא יאַנג. און ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט איר בליק, האָב איך דערפילט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַז אַדורכגעגאַנגען מיין קערפּער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, איך זאָל אַזוי פילן, זיצנ־דיק ביי אַ פאַרלעזונג פון אַ פּיעסע. ווען איך האָב זיך גענומען צו־קוקן צו איר שמייכל, האָב איך דערקענט, אַז אויך זי טראַכט פון עפּעס. אפשר דערפאַר איז מיר אין דעם זייער קאַלטן טאָג, מיט איין מאָל געוואָרן זייער היים.

ביים צעטיילן די ראָלן, בין איך געווען דער לעצטער. און ווען זי האָט מיר געגעבן די ראָל, האָב איך ערשט געהאַט אַ גוטע מעג־לעכקייט, איר בעסער צו באַטראַכטן. וואָס פאַר אַ ריין די פרוי האָט אין זיך געהאַט! דאַכט זיך, שוין אין די יאָרן, און פאַרמאָגט אַזאַ צוציאונגס-קראַפט. איך האָב געוואַרט, ביז זי האָט צו מיר געזאָגט:

— איך האָב זיין אין דער ראָלע אַזוי גוט, ווי שיין איר זענט, וועל איך האָבן אַ גוטן בוך; איר וועט דאַרפן אויסלערנען אַ דועט און אַ טריאָ, אָט־אַ־דאָ האָט איר די ליריקס. מר. ראָס וועט אַזוי גוט זיין, און באַשטעלן פאַר אייך דעם מוזיקער.

— ער וועט באַשטימט דאָ מאָרגן זיין, מיס יאַנג.

— וועט איר אויך דאָ זיין? — האָט זי מיך געפרעגט.

— געוויס, אַז מען דאַרף, וועל איך זיין.

— ער קומט אַהער, ווייל דעם דועט דאַרפט איר זינגען מיט מיר.

— און די טריאָ?

— וועלן מיר אַריינגעמען די רויטע (דאָס האָט זי געמיינט ראָ־זעטאַ ביאַלים).

פולע צוויי וואָכן האָבן מיר רעפּעטירט, און די גאַנצע צייט האָב איך קיינעם ניט באַמערקט, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין נייעם זשאַנער. די ראָל אַליין איז געווען זייער לייכט, נאָר די „לידיקס״, די מוזיק, דאָס זינגען, און דאָס טאַנצן! איך בין אומגעגאַנגען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז מ׳האָט ניט געקאָנט רעדן צו מיר; ס׳איז אַ מאָדנער געפיל, ווען מען וויל זיך אויסצייכענען אין אַ פרעמדן זשאַנער... דערצו, ווייסנדיק, אַז איך בין ניט קיין מיטגליד אין דער יוניאָן, דאַרף איך זיך פילן גליקלעך, וואָס מ׳לאָזט מיך בכלל שפילן...

אַריינקומענדיק אין דעטראָיט, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אין דעם זעלבן האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, ווען איך בין דאָ געווען מיט דער „שיילאָק״־טרופּע; זייענדיק ביי זיך אין צימער, איז מיין טיר געווען אָפן, ווען איך האָב גערעדט אויפן טעלעפאָן; פונקט צו דער צייט, איז מיס ביאַלים פאַרביי־געגאַנגען. זי האָט אין דעם האָטעל געהאַט אַ צימער מיט אַ תחר גליקמאַן, און הערנדיק צו וועמען איך רעד, האָט זי אָפּגעוואַרט ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן, דערנאָך האָט זי אויפגעמאַכט אַ פּאָר ברוינע פינקלדיקע אויגן, און מיט אַ שמייכל צו מיר געזאָגט:

— וואָס — ערשט אַריינגעקומען, און מען רופט שוין?! ווי באַלד אַזוי, „באַיעלע״, וועט מען מוזן אַכטונג געבן.

— און ווער וועלן דאָס זיין די אַכטונג־געבער?

— וואָס מיינסטו ווער? מיר ביידע זיינען נישט גענוג?

— איז ווער וועט אַכטונג געבן, אויף אונדז אַלע דריי?

זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, און איז אַוועק. מיר, אָבער, איז עס, ווי מ׳זאָגט, אַריין אין דער נאָז. אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך איינגעאָרדנט, האָב איך געטראָפן ביידע פרויען אין דער לאַבי, און מיר זיינען אַוועק עסן אין אַ אידישן רעסטאָראַן.

ב.

די ראָלע, די „לידיקס״, די מוזיק, אפילו די טענץ האָב איך גוט געקאָנט, דאָך האָב איך מיך געשראָקן. ווייסנדיק פון דערפאַרונג

ווען מ׳קאָן אַליין, און מ׳שרעקט זיך, פּאַסירט אַמאָל עפּעס... דאָך האָב איך מיך ניט געקאָנט באַהערשן. וואָס מיך האָט אַמשטאַרקסטן געמוטשעט, איז דאָס ניט וויסן, וואָס קלאַראַ יאַנג וועט טאָן אויף דער בינע. זי קאָן מיך אַמאָל וועלן איבעררעשן, איך זאָל אַפילו ניט וויסן, וואו איך בין אין דער וועלט, וואָס דאָס קאָן אַמאָל זיין מיין גרעסטער דורכפאַל, ניט דערפאַר ווייל זי וועט מיר וועלן אונ־טערשטעלן אַ פיסל, נאָר צוליב אַ שוואַכקייט, וואָס אַ סך „סטאַרס" האָבן — צו באַהאַלטן סודות ביזן שפּילן, וואָס פאַר אַ נייעם יונגן אַקטיאָר קאָן דאָס זיין דער גרעסטער אומגליק. איז דען אַ וואונדער, אַז ווען איך בין דעם אַנדערן טאָג געגאַנגען צום שובערטס מישיגען טעאַטער, צו דעם גענעראַל פּראָבע, האָב איך געהאַט אַביסל פיבער?!

אַריינקומענדיק אין דעם שיינעם גרויסן טעאַטער, האָב איך שוין דאָרט אַלעמען געטראָפן. יעדער איינער איז געווען פאַרנומען מיט זיין ראָלע; יעדער האָט זיך צוגעגרייט צו דער אָווענט־פאָרשטעלונג; דער אָרקעסטער האָט שוין גענומען אויספּרובירן זיינע אינסטרו־מענטן; בין איך באַלד אַרויף אויף דער בינע, און ווען עס איז גע־קומען צום דועט, איז קלאַראַ יאַנג אַרויסגעקומען פון איר גאַרדעראָב־צימער, און צו מיר געזאָגט:

— קום נאָר אַהער.

איך בין צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, מיך צוגעפירט ביז צו דער ראַמפּע פון דער בינע, און צום „לי־דער" געזאָגט: „דזשענטלמאַן, דער יונגערמאַן, שפּילט מיט מיר צום ערשטן מאָל. ווייל איך אייך בעטן, צו זיין פאָרזיכטיק און איב־האַלטן, און זאָל דיך ניט אַרן וואָס איך וועל טאָן: דערפאָלג ווייל איך אַז אַ ל ע זאָלן האָבן; זאָלסטו זיך גוט צוקוקן וואָס איך וועל טאָן, וועט דאָס פאַר דיר, ביים שפּילן, ניט זיין קיין כּיד".

ניט נאָר איז זי געווען אינטערעסאַנט אַלס פרוי, נאָר זי איז אויך געווען אַן עכטע „לײדי". קאָן מען אַזעלכער פיינט האָבן? — האָב איך געטראַכט. דערצו האָט זי צו אַלעמען אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינטשאַפט, אַז מען האָט איר ג ע מ ו ז ט ליב האָבן. איר טעאַטער־פאַרנעם איז ניט נאָר געווען גרויס, נאָר זייער אינטערע־סאַנט. ביי איר איז ניט געווען קיין פראַגע וו א ָ ס זי שפּילט, נאָר

ווי אזוי דאָס איז געשפּילט געוואָרן. אין דעם האָב איך דער־קענט די גרויסע קינסטלערין. אמת, איר פּערזענלעכקייט האָט אַ סך געהאָלפן צו איר הערפאָלג. זי איז געווען אַ וואולקאַן. זי האָט אונ־טערגעצונדן די בינע מיט איר שפּילן. זי האָט מיר אַזוי אונטערגע־שפּילט אין דעם דועט, וואָס איך האָב מיט איר געזונגען, אַז מען האָט אונדז וטלעכע מאָל אַרויסגערופן. דאָס האָט שוין געפירט דערצו, אַז די טריאָ איז געוואָרן אַ זיכערער „סוקסעס". צוליב די אַלע מעלות האָט מען מיך שוין פון איר ניט געקאָנט אָפּרייסן; אַפילו ווען איך האָב ניט באַדאַרפט זיין אויף דער בינע, בין איך געשטאַנען הינטער די קוליסן, און איר באַוואונדערט: ווי אַנדערש זי האָט אויס־געזען אונטערן שמינק, מיט און אָן די טעאַטער קאָסטיומען. איך בין זיך מודה, אַזוי לאַנג ווי איך האָב מיט איר געשפּילט, האָט מיך קיין פרוי ניט אינטערעסירט, ביז איין מאָל, ווען מיר זיינען ביים שפּילן געבליבן אַליין הינטער דער בינע, האָט זי מיך ערשט גוט באַ־טראַכט, ווי זי וואָלט מיך אָפּגעמאָסטן, אָדער געוואָלט עפּעס טיפערס דערגיין, דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ביז זי האָט מיט איר פאַרכישופנדיקן שמייכל צו מיר געזאָגט:

— דו וואָלסט געוואָלט האָבן אַ „דיימאָנד רינג"?

דאָס איז געקומען אַזוי פּלוצים, אַז איך האָב פשוט ניט פאַרשטאַנ־נען די איינפאַכע פראַגע. אירע דימענטיקע פייערדיקע אויגן האָבן אין דעם מאָמענט אַזוי געבלישטשעט, אַז איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשעמט בחור'ל, און ניט וויסנדיק וואָס איר צו ענטפערן, האָב איך צוריק געפרעגט:

— פאַרוואָס קומט מיר עפּעס אַ „דיימאָנד רינג"?

איר זיסער שמייכל איז געוואָרן גרעסער:

— איך קאָן אַ פרוי, וואָס וויל דיר געבן אַ „דיימאָנד רינג".

— מיר? פאַר וואָס? און ווער איז זי?

— פריער מוזטו מיר זאָגן, אויב דו ווילסט דעם „דיימאָנד רינג" מיינענדיק, אַז זי שפּאַסט מיט מיר, האָב איך שמייכלענדיק גע־פרעגט:

— ווי גרויס איז דער „דיימאָנד רינג"?

זי האָט געמאַכט אַ שפּאַן צו מיר, זיך ווידער אַרומגעקוקט, אָנ־

ווייזנדיק אויף איר פינגער:

— אַזוי גרויס איז גענוג פאַר דיר?

— און ווי גרויס איז די גאַנצע פרוי?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, ווי אַלט איז זי?

זי האָט אַביסל ברוגזלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווערנדיק אַביסל רויט הינטערן שמינק, און שנעל געזאָגט:

— גיין שוין, גיי, ביסט אַ „באָס".

— אפשר, אָבער „דער „באָס" וועט ניט גיין מיט קיין פרוי פאַר קיין „דיימאָנד רינג"; מיר, אַז אַ פרוי געפעלט, וויל איך פון איר גאָרניט.

זי האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן, און שטיל צוגעגעבן:

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט אַזוי האַנדלען. איך האָב דאָס דערקענט אין דיינע בלויע אויגן. איך דאַרף שוין אַרויפגיין, מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם...

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, האָט מר. ווײַנשטאָק, זייענדיק אויך דער בינע-פאַרוואַלטער, געלאָזט אַלעמען וויסן, אַז מאָרגן וועט זיין אַ פאַרלעזונג פון אַ נייער פיעסע.

אין דער צייט וואָס מ'האָט צעטיילט די ראָלן, איז געוואָרן אַ שטיקל טומל; עליאס ראַטשטיין האָט געפּאַטשט מיטן פויסט, האָט גערעדט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז איך, עליאס ראַטשטיין, בין דאָ דער „לידינגמאַן", און מיך, אַ דאַנקען גאָט, דאַרף מען ניט לערנען ווי צו שפּילן אַ סטודענט; איך האָב שוין אַזעלכע ראָלן געשפּילט מיט פערציק יאָר צוריק; איך ווייס ניט ווי אַזוי צו שפּילן אַ אינגל?

קלאַראַ יאַנג האָט אים באַטראַכט, און שטיל געזאָגט צו אים:

— מר. ראַטשטיין, קיינער לייקנט ניט, אַז איר זענט איינער פון די פיינסטע שוישפּילער, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי וואָלט איר איינגעטיילט די ראָלן?

— איך בין דאָ ניט צו טיילן קיין ראָלן. איך בין דאָ צו שפּילן, און נאָר די ראָל וואָס קומט מיר אַלס „ערשטער מאַן!" איך פאַרלאַנג פון אייך גאָרניט, נאָר מ י י ן ראָלע וויל איך.

— און ער, — אָנווייזנדיק אויף מיר, — זאָל שפּילן דעם חזן?

— מיך אינטערעסירט ניט, וואָס אַ צווייטער, אָדער אַ דריטער שוישפּילער וויל שפּילן, איך רעד נאָר פאַר עליאַס ראַטשטיין.

— ער מעג שוין שפּילן אַ פּראָפעסאָר! — האָט לואי הײמאַן שטיל געזאָגט.

— דער חזן דאַרף שפּילן אַן עלטערער אַקטיאָר, — האָט ווײַנשטאָק אונטערגעמומקעט.

קלאַראַ יאַנג האָט זיך גענומען דרייען אויף אַלע זייטן, אַ פּאָר מאָל אַלעמען באַטראַכט, ביז זי האָט באַשלאָסן:

— זאָל זיין ווי איר ווילט. אפשר פאַרשטייט איר בעסער. דענק ווי באַלד אַזוי, וועט איר שוין שפּילן דעם חזן.

אַלע האָבן געקוקט אויף מיר. ווייזט אויס, אַז עס איז געווען צו דערקענען, ווי איך האָב אין דעם מאָמענט געפילט. איך האָב גענומען די ראָלע, איר באַטראַכט אויף אַלע זייטן, און מיט אַ ביטערן שמייכל אַרויסגעזאָגט:

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, אפשר וואָלט מען פריער באַשטימט, וואָס בין איך דאָ? היינט שפּיל איך אַ בוף, און מאָרגן וועל איך שפּילן אַ חזן? און אויב דאָס איז ווייניק, וועט מר. ראַטשטיין שפּילן מיין זון. איז דאָס רעכט אַזוי?

— צוליב שלום־זועגן, וויל איך ניט צוגעבן, אַז דענק איז גערעכט. אָבער אמת איז דאָס. האָב איך אַ פּלאַן: גיט מיר צוריק אַלע ראָלן, און מאָרגן, ווי אַזוי איך וועל איינטיילן, אַזוי וועט מען שפּילן.

ווען אַלע זיינען אַוועק פון טעאַטער, האָט קלאַראַ יאַנג צו מיר געזאָגט:

— אַזאַ ראָלע זאָגט מען אָפּ, דענק?

— איך האָב אייך ניט אָפּגעזאָגט, אָבער וואָס פאַר אַ פּנים וועט דאָס האָבן, איך זאָל שפּילן דעם חזן, און ראַטשטיין וועט שאָקלען מיט אַ פוס שפּילנדיק מיין זון, דעם סטודענט.

— איז וואָס ווילסטו שפּילן?

— וועגן דעם, טאַקע, האָב איך גערעדט מיט איריסן. ווען מיר ביידע שפּילן די צוויי שדכנים, וואָלטן מיר אַריינגעשטעלט אַ דועט. גאָרניט קיין שלעכטער פּלאַן.

ס'איז שוין געווען אירע לעצטע פאָרשטעלונגען, און איך האָב

נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם „דיימאַנד רינג”...

אײן מאָל, פאַרבײגײיענדיק איר האָטעל, האָב איך געטראַכט: אפשר איז איצט די געלעגנהייט, אויסצוגעפינען וועגן דעם „רינג”? האָב איך מיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט, ביז איך האָב באַשלאָסן אַרויפ־צוגיין. אַריינקומענדיק, האָט זי מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען, נאָר ווי זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. האָט זי געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק, און באַלד געזאָגט:

— אַריין!

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און יוסף ווינשטאָק איז אַריינ־געקומען און באַלד געזאָגט:

— העלאָ, קלאַראַ, איך האָב זיך קוים אָפּגעריסן אַרויפצוקומען פרעגן, ווען פאָרט איר?

— מאָרגן.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט, און כ'האָב באַלד צוגעגעבן:

— פאָרט געזונט, מיר וועלן זיך נאָך זען. „גוד באַי!”

ג.

אַכט יאָר שפּעטער, ווען איך האָב געשפּילט אין באָסטאָן, איז קלאַראַ יאַנג געקומען פאַר גאַסטראָלן. זי האָט זיך דערפרייט מיך צו זען, ווייל איך בין געווען אַ געשפּילטער אין אירע פּיעסן, אָבער אין דער טרופּע, איז אויך געווען מר. בועז יאַנג, איר געוועזענער מאַן. איך האָב שוין געהערט אין דער ייִונאָן, אַלץ איז שוין איצט געווען אַנדערש. דערצו זיינען די געשעפטן ניט געווען אַזוי פויגל־דיק: ס'איז געווען איר לעצטער אויפטריט אין אַמעריקע, איידער זי איז אָפּגעפאָרן נאָך רוסלאַנד.

זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ קליינע מתנה, אַ בילד פון זיך, וואָס דערמאָנט מיך אין דעם אַמאָל, ווען איך בין געווען פון די „יונגע”, מיט אַזוי פיל גלויבן אין דער גאָלדענער צוקונפט, און מיט די וואָס איך האָב געשפּילט זיינען אין מיינע אויגן געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב צו אַ סך אַרויפגעקוקט ווי צו געטער.

נאָר קלאַראַ יאַנג האָט אַרויסגעשיינט אפילו צווישן די געטער. איז דען אַ וואונדער, וואָס איר כישוף טוט זיך פון מיר ניט אָפּ ביזן הייַנטיקן טאָג. ווי אַ געטלעכער דימענט איז זי אַריינגעוואָקסן גע־וואָרן אין מיין האַרצן — איך קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן.

דער טאַנץ צום טויט

אין טעאַטער איז מיר אַ סך מאָל אויסגעקומען צו שפּילן מיט פאַרשידענע כאַראַקטער־אַקטיאָרן, וועלכע זיינען ניט נאָר געווען גוט, גרויס, אַנערקענט נאָר אַ פּאָר — קען מען זאָגט — וועלט־באַרימט. איך האָב, אָבער, אויך געשפּילט מיט צענדליקער טאַלענטן, וועלכע

סעם גערשטענזאַנג

זיינען ביים לעבן פאַרזען געוואָרן. איינער פון זיי, וועלכע מ׳האָט ניט אָנערקענט, כאָטש ער איז געווען אַ זייער פיינער אַקטיאָר, אַ גוטער כאַראַקטער־קאָמיקער, און האָט פאַרמאָגט גאָר אַ סך מעלות, איז געווען שמואל גערשטנזאַנג. זיין פיגור האָט אים אפילו דערלויבט צו שפּילן בוף־ראָלן. דערצו האָט ער געהאַט אַ פיינע שטים צום

זיינען ביים לעבן פאַרזען געוואָרן. איינער פון די, וועלכע מ'האָט קענט שפּילן אַ פּאָר אינסטרומענטן. געווען אַ גוטער טענצער, אַ פּראַכטפולער גרימירער, ער האָט פאַרמאָגט געשמאַק פאַר קליידער, און ער האָט אַלע מאָל געפּאַסט צו דער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט. מיט די מעלות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו זיין אין אַ קלאַס פאַר זיך, ספּעציעל אין זיין זשאַנר פון כאַראַקטער-ראָלן.

אַט דעם פיינעם אַקטיאָר שמואל גערשטענזאַנג האָב איך גע־קאָנט אַ סך יאָרן, אָבער דערקענט האָב איך אים ערשט, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט אין דעם „בראָנקס אַרט טעאַטער" פולע פיר סעזאָנען. אַזוי ווי דאָרט איז אויסגעקומען צו שפּילן פון פופצן ביז זעכצן פיעסן אַ סעזאָן, האָב איך אים געזען אין מער ווי פופציק ראָלן, אין פאַרשידענע כאַראַקטערן און אין וואונדערבאַרע טיפּן. און ווי אַנדערש גערשטענזאַנג איז געווען אין איעדן טיפּ, אין שפּראַך, אין האַלטונג, און אין שפּילן! אַ דערגרייכונג פון אַן אמת גוטן אַקטיאָר!

דערצו איז ער אין לעבן געווען אַ טייערער חבר, מיט וועמען ס'איז געווען אַ נחת צו פאַרברענגען.

ווי פרי איך בין נאָר געקומען אין טעאַטער, איז שוין „גערשו", — ווי זיינע אינטימע פריינט, קאָלעגן, האָבן אים מיט אַ ליבשאַפט גערופן — געזעסן אין זיין גאַרדעראָב־צימער. האָב איך אַלע מאָל געפרעגט:

— איז שוין גערשו דאָ?

— יאָ, יאָ, אָט־אָ־דאָ בין איך, דענקעלע! ווילסט עפּעס?

— איך וויל נאָר וויסן, וואָס טוסטו דאָרט אַזוי פרי?

— איך מאַך קאַליע שמינק, — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט, וויסנ־דיק, אַז ער איז איינער פון די געצייכנטע אַקטיאָרן, וואָס האָט דאָס אויך געקענט.

— עס וועט דיר דען עפּעס העלפן דיין אויסשמירן זיך?

— איך ווייס, אַז ניט, אָבער פּרובירן מעג איך דאָך.

— יאָ, דו מעגסט, אָבער ניט צו פיל, ווייל מ'עט דיך ניט דער־קענען, גערשו.

— צו דעם בין איך שוין צוגעוואוינט. שוין אַזוי פיל יאָרן, ווי מען דערקענט מיך ניט...

געזאָגט האָט ער דאָס שטיל, מיט וויטיק, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב דערהערט אַ טיפן זיפץ.

מיט אָנערקענונג, צי אָן אָנערקענונג — גערשטענזאַנג איז תמיד געווען איבערגעגעבן צו זיין ראָליע, איבערהויפּט אין די בעסערע פּיעסן.

האָט מען באַדאַרפט איבערטרייבן, אפילו מאַכן אַ „קאַזשעלאָק", איז גערשטענזאַנג געווען אַ מייסטער אויך אין דעם. אַן ערשט־קלאַסישער פּאַיאַץ, און אויך דאָס האָט אים געפּאַסט. אַן אמתער געבוירענער קינסטלער.

ווען עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן די פּיעסע, האָט ער דאָס אָנגערופן „מאַכערייקע". ער האָט דערמיט אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט.

ער איז קיינמאָל ניט געווען גערשטענזאַנג אויף דער בינע. אַלע מאָל אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אַנדער מענטשן. אפילו אין זיין איבערטרייבן, האָט ער אויך, אין אַ סך פון די ראָלן, עפּעס געשאַפן.

צו אַ נייער אויפפירונג, פלעגן אַ סך פון זיין זשאַנר־אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געווען מער אָנערקענט פון אים, קומען אין טעאַטער, צו זען, וואָס גערשטענזאַנג האָט דאָס מאָל געשאַפן. זיי האָבן אים אַלע באַוואונדערט. אפילו אין זיין נאַריש מאַכן זיך האָט אַרויסגעבליצט אַ סך נאַטירלעכער חן.

שמואל גערשטענזאַנג איז קיינמאָל ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. און ווען איך האָב אים געטראָפן לויפנדיק, האָב איך אים געפרעגט:

— גערשו, טייערער, וואָס לויפסטו?

— הענקעלע, טאַטע, האָסט פאַרגעסן וואָס מען שפּילט היינט?

— וואָס מיינסטו „פאַרגעסן"? היינט שפּילט מען „דעם פּרעמדן"

— פאַרגעסטו פאַרוואָס איך לויף?

— אַזוי פרי?...

— ווייסט דאָך, ווען עס קומט צו גאַרדינען, נעם איך מיר צייט. איך דאַרף מאַכן אַ גאַנץ אַנדערן גרים, איך דאַרף געפינען די פאַסנדע קליידער. עס איז דאָך ניט פון יענע פּיעסן...

— ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון סעזאָן, האָב איך אים איין מאָל געפרעגט:

— וואָס הערט זיך, גערשו, מיטן קומענדיקן סעזאָן?

— וואָס מיינסטו? — האָט ער מיך אָנגעקוקט.

— האָסט עפּעס אויסזיכטן?

— אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת, האָב איך ניט קיין אויסזיכטן. דער מענעדזשער האָט שוין גערעדט מיט מיר.

— אַזוי, האָסטו דאָך יאָ עפּעס, איז וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— מיר וועלן זען. ער האָט אפילו געזאָגט, אַז איך בין מיט אים פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן.

— געוויס מיט אַ גרויסער העכערונג, — בין איך זיכער.

— זיי ניט אַזוי זיכער, ווייל וואָס ער וויל געבן, איז גאָרניט אַזוי גרויס.

— וועט מען דיך געוויס גרויס רעקלאַמירן.

— ווער דאַרף עס?...

— וואָס מיינסטו?

— דיר מעג איך דאָס זאָגן: עס וועט מיך אפילו ניט פאַרדריסן, ווען מען שטעלט מיין נאָמען אויף דער אַנדערער זייט פון „פּאָס־טער". דענקעלע! אויב איך קען ניט גוט־מאַכן אויף דער בינע, וועט מיר דער גרויסער אַדווערטאַיזמענט גאָרניט העלפן. אַ קינסטלער דערקענט מען ניט אויפן „פּאָסטער", מעג ער זיין ווי גרויס אַנאָנ־סירט. גרויס איז ער אין דער ראָל, וואָס ער שפּילט.

— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס דו ביסט אַזוי גרויס...

— ווער האָט דיר דען געזאָגט, אַז איך בין גרויס? ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: אַלע שפּילן טעאַטער, שפּיל איך אויך. עס זיינען דאָ ש פּ י ל ע ר און ק י נ ס ט ל ע ר.

— וועמען מיינסטו, גערשו?

— רודאָלף שילדקרויט, יאַקאָב פּ. אַדלער, דוד קעסלער איז גע־ווען אַ ריז. מאָריס מאָסקאָוויטש — אַ גוטער אינטעליגענטער אַקטיאָר. איך האָב אפילו געשפּילט מיט מאָרים מאָריסאָן.

— איצט ווייס איך...

— וואָס ווייסטו?

— פאַרוואָס דו ביסט אַזוי גוט.

— דאָס הייסט ביי דיר גוט? וויבאַלד אַזוי קום שוין טרינקען אַ קאַווע.

די מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס שמואל גערשטענזאַנג האָט געשאַפן אין די פאַרשידענע פיעסן, וואָס ער האָט געשפּילט, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער זאָל זיך קענען באַנוצן מיט איינעם פון זיינע אינסטרומענטן, אויף וועלכע ער האָט געקענט אויסשפּילן וואָס עס איז אים געווען צום האַרצן, איז עס ווירקלעך געווען אַ קאָנצערט. זיין ליבסטער אינסטרומענט איז געווען די טשעלאָ, אויף וועלכער ער האָט ניט איין מאָל אויסגעזייפצט זיין בענקשאַפט.

אין דער פיעסע וואָס מ׳האָט געשטעלט אויף פסח, האָט ער זיך איינגעזאַנצן אָפּגעזאָגט צו שפּילן. די ראָל האָט ער גענומען, אָבער צו פּראָבע איז ער ניט געקומען, זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און גערשו איז נישטאָ. דורך דער צייט האָט מען אים אַ פּאָר מאָל טעלעפאָנירט, אָבער ער איז ניט געווען. איין טאָג איז ער אַריינגעקומען אין טעאַטער, מיט דער ראָל אין האַנט, און האָט באַלד געפרעגט דעם מענעדזשער:

— אפשר וואָלט איר מיך אַרויסגעלאָזט?

— וואָס רעדט איר, גערשטענזאַנג?

— איך פיל ניט אַזוי גוט, פאַר מיר וועט שוין דעם סעזאָן זיין גענוג. קריגט אַ צווייטן אַקטיאָר.

— איצט — ווען דער סעזאָן ענדיקט זיך? ערב פסח ווילט איר מיך שטעלן אין אַזאַ פאַרלעגנהייט? גערשו, ווייסט איר וואָס איר רעדט? ווען איך זאָל אפילו וועלן, וועמען קאָן איך איצט קריגן?

— וואָס איז, מר. גערשטענזאַנג, עס שטייט אייך ניט אָן צו שפּילן אין מיין פּיעסע? — האָט זיך דער מחבר פון דער פּיעסע אַריינגעמישט.

— ווער זאָגט עס? ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, נאָר איך פיל עפּעס ניט מיט אַלעמען, — האָט ער זיך גענומען רויטלען.

— אין דער ראָל דאַרפט איר אייך ניט אָנשטרענגען. עס איז אַ שיינע, לייכטע ראָל, און ביז דער פאָרהאַנג וועט אַרויף, וועט איר געזונט ווערן.

— איך האָב אָבער געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין, — האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט.

ערשט איצט האָב איך אים באַטראַכט. ער האָט אויסגעזען עפּעס אַנדערש. ניט דער געדרשו — ווי ער וואָלט געווען איבערגעשראָקן. ער איז לאַנגזאַם צוגעקומען וואו איך בין געזעסן, און אַוועקזעצנדיק זיך, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן:

— אויך היינט האָב איך ניט באַדאַרפט קומען.

— אַזוי שלעכט פילסטו, גערשו?

— מיין פרוי האָט מיך טאַקע געוואָרנט. ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, דוד, ס׳קומט אַמאָל אַ צייט, ווען מ׳דאַרף פאָלגן אפילו אַן אייגענער פרוי.

הערי שלעקער איז געזעסן אין „פיט" ביי דער פיאַנאָ, מאַכנ־דיק דעם דועט, וואָס גערשו האָט באַדאַרפט זינגען אין דער פּיעסע. איך האָב גלייך דערקענט אויף זיין פאַרענדערט פנים, אַז ער וויל די ראָל שפּילן צוליב דעם דועט, ווייל עס האָבן אים שטאַרק גע־רייצט די אַקאָרדן פון דער פיאַנאָ. ער האָט מיט זיך געקעמפט: גערשו, דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט לעבן, האָט געקעמפט מיט גערשו דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געוואָלט זינגען און טאַנצן. דער צווייטער גערשו האָט אויסגעפירט. ט׳זיך ניט געוואָלט צוהערן צו זיין פרוי, אפילו ניט צום דאָקטאָר, וואָס האָט אים פאַרווערט צו שפּילן.

אַזוי ווי פסח איז אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק, איז שבת ביי־טאָג געווען די ערשטע פאָרשטעלונג, זיינען דריי פאָרשטעלונגען אַדורך זייער פיין, נאָר גערשו איז נאָך איעדער פאָרשטעלונג פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין אָוונט, ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיטן ערשטן בילד, בין איך אַרויף זיך איבערטאָן, איז שמואל גערשטנזאַנג צוגעקומען און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער טיר פון מיין גאַרדעראָב־צימער, פּיפּ־קענדיק זיין לולקע, געווען פאַרטיק פאַר זיין אויפטריט. אין דעם גרים האָט ער אויסגעזען אַזוי שיין, און אַזוי ציכטיק, אַז איך האָב מיך זאָט ניט געקענט אָנקוקן אין אים. האָב איך באַלד געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט מיין קאַמערע.

כאַפּנדיק אַ קוק אין שפּיגל, האָב איך אים נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, איז ער שוין נישט געווען. האָב איך מיך גענומען איבערטאָן. און דער אָרקעסטער האָט געגעבן דעם אַריינפּיר צו זיין דועט. ווייסנ־דיק אַז ער וועט הערן כאָרוס־טייל אַ פּאָר מאָל איבערזינגען, האָב איך געוואַרט ביז מען וועט מיך רופן. הערנדיק וואָס עס קומט פאָר אין טעאַטער, האָב איך, שמייכלענדיק, געטראַכט, אַז געדרשו גיט היינט אויס די מוזיקע. און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן! עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ, און הינטער דער בינע איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט מיך גערופן. נישט וויסנדיק וואָס דאָרט איז, האָב איך געמיינט, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט, האָב איך גענומען לויפן, און ווען איך האָב אָנגעטראָפן, האָב איך געפרעגט:

— וואָס איז געשען? ווער איז געפאַלן?!

— געדרשענזאָנג, אויף דער בינע, שנעל, ראַטעווע אים!...

— ער האָט דאָך ערשט געזונגען.

— און אויך געטאַנצט, און ביים פאַרנייגן זיך, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן און אַוועקגעפאַלן.

— געווים געמאַכט אַ קאָזשעלאָק, — האָט אַ שטימע אויסגע־שריגן.

— נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי פיין די גאַנצע צייט.

— האָט אַ צווייטע שטימע באַמערקט.

אַרויפלייפנדיק אויף דער בינע, איז שוין דער פאָרהאַנג פאַר שמואל געדרשענזאָנג געווען אויף אייביק אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז גע־ווען זיין לעצטער קאָזשעלאָק — אָבער נישט ער האָט אים געמאַכט.

געשטאָרבן אויף דער בינע, ווי אַ גרויסער אַקטיאָר! ער האָט זיך פאַרנייגט פאַרן עולם, נאָך זיין ליבסטן דועט, און אויסגעלאָשן געוואָרן איידער ער האָט צייט געהאַט אַ פינקל צו טאָן.

זייער אַ גרויסער פאַרלוסט איז ער געווען פאַר אונדז, זיינע פריינט. איינער פון די גאָר גוטע אַקטיאָרן, וואָס איז ביים לעבן איינ־גאַנצן פאַרזען געוואָרן.

ניו־יאָרק, 1957.

נאָך פערציק יאָר

װען סאָלאָמאָן גראָס איז פאַרטיק געװאָרן מיטן סאַפּער, האָט ער גענומען זײַן גלאָז, איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום קאָרנער פון טאַם און ספּרינגס סטריט, װוּ דער „האַטהאָרן קוואַל נומער אײנס" געפינט זיך, נאָך דעם װי ער האָט אַלײן באַטראַכט, לאָזנדיק צו

דער אַרײַנגאַנג אין דעם היסטאָרישן גאָרטן.

ערשט אַלעמען אָנצאַפּן זײערע פלעשלעך און פולע גאַלאָנען מיט װאַסער, האָט ער זיך איצט אָװעקגעשטעלט בײַם קוואַל, און לאַנג־זאַם גענומען טרינקען דאָס מינעראַל־װאַסער, װאָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. אַזוי שנעל װי ער איז פאַרטיק געװאָרן מיט

זיינע צוויי גרויסע גלעזער וואַסער, האָט ער זיך צוערשט אַרומגע־קוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועמען געזוכט, דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען די גאַס, און דורך ספּרינג סטריט אַריין אין פּאַרק, וואו ער איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טיפֿעניש פון די געדיכטע ביימער. דאָס איז כמעט געווען זיין טעגלעכער שפּאַציר, אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס.

דער היסטאָרישער קאָנגרעס פּאַרק, וואָס איז אין מיטן שטאָט, ניט ווייט פון אַלע גרויסע האָטעלן, איז פּונקט אַנטקעגן דעם טרינק־האַל. דער הויפּט־אַריינגאַנג אין פּאַרק איז דורך בראָדוועי, די הויפּט־גאַס פון דער סאַראַטאָגאַ. ער פאַרמאָגט אויך צווישן אַנדערע היס־טאָרישע אַנטיקן, אַ קליינעם וואונדערבאַרן איטאַליענישן גאָרטן, וועלכער איז זייער אינטערעסאַנט, איבערהויפּט ווען אַלץ צעבליט זיך דאָרט. אין מיטן פון דעם גאָרטן געפינט זיך אויך אַ פאָנטאַן, מיט צוויי מאַרמאָר־פיגורן, וואָס שפּריצן וואַסער איינער אויפן צווייטן, און דאָס שפּריצנדיקע וואַסער פאַלט אין פאָנטאַן וואו די גאָלד־פיש־לעך שווימען אַרום.

אויף איינעם פון די פיר קאָרנערס וואָס דער פאָנטאַן פאַרמאָגט פלעגט זיך סאָלאָמאָן אַלע מאָל אַוועקזעצן און באַוואונדערן די שיינע בלומען, וואָס וואַקסן דאָרט אין פאַרשיידענע קאָלירן, אָדער ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן, קוקנדיק אויף די יונגע נאָדל־ביימער, וועלכע רוישן ווי דער קלאַנג פון שטילע פידלען; צו זיי האָט ער זיך צוגעהערט איינזאַפּנדיק אין זיך די פרישע שמעקעדיקע לופט, און געטראַכט האָט ער פון דעם אַמאָל־אַמאָל...

סאָלאָמאָן האָט געהאַט זייער אַ סך פון וואָס צו טראַכטן. ניט איין מאָל, זיצנדיק דאָרט, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין אינטערע־סאַנטער פאַרגאַנגענהייט. זייענדיק אַ סך יאָרן אַן אַקטיאָר, האָט ער איצט געהאַט נאָך וואָס צו בענקען, איבערהויפּט ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער גאָלדענער צייט, ווען מ'איז נאָכן סעזאָן (וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהאַלטן פון 36 ביז 40 וואָכן), דערנאָך ערשט אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ, און יעדע וואָך געשפּילט אין אַן אַנדער שטאָט. האָט ער איצט דאָ, זיצנדיק פאַרטראַכט, אַלץ געזען. די הינטער־קוליסן־ליבעס, וואָס ער האָט דעמאָלט געפירט.

הײַנט דאָס אַמאָליקע טעאַטער־שפּילן! מער פון אַלץ האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מ'האָט אויפגעהערט צו שפּילן דעם גאָרדין־רעפּערטואַר, ווייל ער איז געווען אַ גאָרדיניסט „איז פּופּקע". אַ געשפּילטער אין איעדער גאָרדין־פּיעסע, ניט אין איין ראָלע, נאָר אין צוויי, דריי ראָלן פון איעדער פּיעסע. איז ער איצט געזעסן פאַרטראַכט און געזען פאַר זיך די אַלע טיפּן, וואָס ער האָט אַמאָל געשפּילט. אָט שטייט פאַר אים דוד־משהלעס, דער אידישער קעניג ליר. אין דער סצענע: „שענקט אַ נדבה דעם בלינדן קעניג ליר". אין דער אַנדערער זייט פון גאָרטן איז געשטאַנען דער צאַרטער בן־ציון, דער מטורף, אין דער סצענע ווען ער ליגט אויף דער ערד אַ דערשאָסענער און בעט זיך ביי ליזען: „אויב דיין קינד וועט זיין אַ אינגל, גיב אים אַ נאָמען נאָך מיר"... אין אַ צווייטן ווינקל האָט ער געזען נפתלי הערץ פון „פּרעמדן", און ס'האָט זיך אים געדאַכט ווי ער שרייט: „בלומע, האָסט מיך ניט דערקענט?" און דורך אַן אָפענעם אַרייַנגאַנג האָט זיך אים געדאַכט, ווי שלמהקע שאַרלאַטאַן איז אַרייַנגעקומען און האָט צו אים געזאָגט: „ביינוש, דו האָסט די גאַנצע וועלט אין דער פּיאַטע און איך האַלט מיין פּיאַטע אין דער גאַנצער וועלט!" שלמהקע, די וועלט איז גרויס און צרות איז דאָ גענוג! „אַלעס געזען, אַלעס געהערט, שאַגאָס מאַרש". און באַלד האָט זיך באַוויזן זיין קרוין־ראָל למך, פון דער דראַמע „דער ווילדער מענטש". און ער האָט צו אים געזאָגט: „איך האָב דיר עפּעס געוואָלט פרעגן... און שוין פאַרגעסן. תמיד האָב איך אַזוי פיל צו פרעגן און פאַרגעס... אָט ערשט געטראַכט... איך זאָל ניט האָבן אַזאַ אידיאָטישן קאָפּ, וואָלט איך אפשר גאָר קיין אידיאָט ניט געווען"... ער האָט זיך מיט אים געוואָלט אַרומכאַפּן. שוין אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיינע באַליבטע פריינט, זיינע געשאַפענע טיפּן, ניט געזען, האָט זיך ווי דער שטן, אוריאל מזיק אַוועקגעשטעלט און אים ניט צוגעלאָזט, ווען ער האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס?

— ווייל איצט דאַרפסטו טראַכטן פון די, וועלכע האָבן דיר אַ סך פאַרגעניגן פאַרשאַפט. געדענקסטו אויך זיי אַזוי גוט, ווי דיינע ראָלן? עוועלען פון שיקאַגאָ? אסתרן פון באָסטאָן? טילין פון

מילוואָקי? ראָזין פון פיטסבורג? דיקי פון קליוולאַנד? מאָלי פון פילאַדעלפיע? העלען פון אַטלאַנטיק סיטי? ביולאַן פון טאָראָנטאָ? און די אַלע, אַלע פון ניו־יאָרק?

— איך האָב זיי ניט פאַרגעסן. נאָר איינע, וועלכע אינטערע־סירט מיך נאָך ביז הײַנטיקן טאָג, די...

— איז שוין לאַנג פאַרנומען, קענסט אָבער האָבן אַ געלעגנהייט זי היינט צו זען. גיי, זי וואַרט אויף דיר.

סאָלאָמאָן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף, אין זיין פאַרטראַכטקייט האָט ער ניט באַמערקט ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ שאַרפן בליק אַרומגענומען דעם גאַנצן גאָרטן, ווי ער וואָלט זיך מיט אַלצדינג דאָ געזעגנט, איידער ער פאַרלאָזט. ער איז איצט אַדורכ־געגאַנגען דעם גאַנצן פּאַרק ביז ער איז צוגעקומען צו ספּרינגס סטריט, דערנאָך צו הענרי סטריט, און פון דאָרט אַהיים.

***

ס'איז שוין אפילו זייער לאַנג, דאָך איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען אין ניו־יאָרק אַליין האָבן עקזיסטירט צוועלף אידישע טעאַטערס, און אַכט אַנדער צען אויף דער פּראָווינץ. ניט אַריינגערעכנט די אַלע קליינע טעאַטערלעך וואו מ'האָט געשפּילט וואָדעוויל. און ווען דאָס טעאַטער־פאַך האָט גענומען גיין באַרג־אַראָפּ זיינען די איינציקע אין דער פּראָפעסיע, וואָס זיינען געבליבן אָן פּרנסה, געווען די אַק־טיאָרן. האָט מען גענומען לויפן זוכן פון וואָס אַ לעבן צו מאַכן, ווייל אפילו אַן אַקטיאָר מוז עסן, און האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן. האָבן זיך טאַקע אַ סך אַ לאָז געטאָן און גענומען זוכן פון וואָס אַ לעבן צו מאַכן. אַזוי שנעל ווי איינער האָט גענומען פּעדלען מיט קראַוואַטן, האָט שוין אַ צווייטער גענומען פאַרקויפן שיך, אַ דריטער האָט גענומען האַנדלען מיט רעשטלעך, אַ פערטער האָט פאַר־קויפט „קאַסטיום דזשולערי", אימפּאָרטירט פון ישראל. אַ פינפ־טער איז געוואָרן אַ פּרעסער אין אַ שאַפּ. פון זיי האָט שוין איינער געהאַט אַ בעסערע מעגלעכקייט, האָט ער געעפנט אַ גראָסערי, און אַן אַנדערער איז אַריין אין אַ „ראַדיאָ־סופּליי־סטאָר", אַ יונג פּאָרל איז אַוועק אויף אַ שולע זיך לערנען צו ווערן „ביוטישענס", און נאָך

איינער האָט זיך אויפגעמאַכט אַ סטאָר פון אַלטע קליידער, א. אַז. וו....

אַנדערש איז געווען מיט די פּרויען־שוישפּילערינס. זיי האָבן זיך גוט פאַרזאָרגט מיט דעם וואָס כמעט אַלע האָבן באַלד חתונה געהאַט, און, צום גליק, האָבן אַ סך זייער גוט אַריינגעטראָפן.

דער ערשטער אַקטיאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן „פּעדלען" מיט קראַוואַטן איז געווען גליקלעך מיט דעם, וואָס דעמאָלט האָבן נאָך עטלעכע טעאַטערס געשפּילט. ס'האָט נאָך עקזיסטירט דער אידי־שער קונסט־טעאַטער. און ווען דער אַקטיאָר מיט די קראַוואַטן איז אין אַ זונטאָג אַרונטערגעקומען הינטער דער בינע און געוואָלט זיינע קאָלעגן פאַרקויפן זיין סחורה, האָט איין אַקטיאָר, וואָס האָט דאָס באַמערקט, זיך שטאַרק צעוויינט. כמעט אַלע זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפן. ווען מ'האָט אים געפרעגט:

— וואָס וויינסטו?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען, — האָט ער געענטפערט, — ווען מיר וועלן שוין האַלטן ביי דעם, וועט דאָך שוין ניט זיין וועמען צו פאַרקויפן.

און זיין נבואה איז מקוים געוואָרן. ווען אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך צו עפּעס גענומען, איז שוין מער קיין טעאַטערס ניט געווען וואו אַריינצוגיין עפּעס צו פאַרקויפן.

און דער אַקטיאָר, וואָס האָט געטראָפן די פינצטערע צוקונפט, איז שפּעטער געוואָרן אַ חזן. ווען ער פאַרלאָזט זיך אויף דער „שוואַרץ־קונסט", וואָלט ער פּונקט ווי אַ סך אַנדערע געדאַרפט פּעד־לען מיט עפּעס.

אָבער פון די שוין לאַנג־אַוועקגעגאַנגענע אַקטריסעס, וואָס האָט אַלץ געקענט — זינגען, טאַנצן, אין אַזעלכע נויטיקט מען זיך שטענ־דיק, דערצו איז זי געווען אַ גוטע ערשט־קלאַסיקע אַקטריסע, דאָך איז געווען בערטאַ פיין. זי האָט אַלע מאָל געזאָגט:

— איידער זיך מאַכן נאַריש, און אַרומשלעפּן זיך צו טאַנצן אויף אַ טיש, וועל איך בעסער זוכן וואו איך קען מאַכן אַ לעבן. מיין כלל איז: „ווען מ'קען ניט שפּילן אמת טעאַטער, ווי מיר האָבן אַלע יאָרן געשפּילט, דאַרף מען דאָס אויפגעבן".

בערטאַ האָט ניט נאָר אַזוי גערעדט, נאָר ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַריין אין „רומינג ביזנעס" אין סאַראַטאָגאַ. אמת, זי האָט דאָרט שווער געאַרבעט, אָבער עס האָט איר אויך צוגעשפּילט אַביסל מזל, און זי האָט אירע ביזנעס גוט אַרויפגעאַרבעט. אַ סך האָט איר געהאָלפן איר גוטסקייט; זי האָט אויך אַ פּאָר גאָלדענע הענט. ס'איז ניט פאַראַן אַ זאַך וואָס זי קאָן ניט טאָן. און אויף וואָס מ'פרעגט זי, זאָגט זי קיינמאָל ניט אָפּ. האָבן טאַקע בערטאָן אַלע וואָס האָבן געוואוינט ביי איר, זי ליב געהאַט דערפאַר. האָט איר לאַנג ניט גענומען און זי האָט געקראָגן אַ גרויסן שטענדיקן קליענטעל, וואָס קומט צו איר אַלע זומער.

וועלנדיק אַלעמען צופרידנשטעלן, אַרבעט זי נאָך איצט זייער שווער אַ גאַנצן טאָג, און ווען עס קומט דער אָוונט, פאַלט זי אַ מידע אַוועק אויפן בעט, און ווערט אַ סך מאָל אַנטשלאָפן אין די שיך. דערפאַר זעט מען זי זייער זעלטן אויף דער וועראַנדע. און אויב ס'טרעפט אַמאָל און זי כאַפּט זיך אויף באַלד נאָכן ערשטן שלאָף, פּוצט זי זיך אויס און באַווייזט זיך פאַר די געסט. דעמאָלט קען מען באַלד דערקענען אין איר די אַמאָליקע גוטע אַקטריסע. דאָס אָבער טרעפט זייער זעלטן.

אין דעם הויז וואוינט אויך סאָלאָמאָן די אַלע יאָרן, וואָס ער קומט קיין סאַראַטאָגאַ. ער איז דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. מ'גיט אַכטונג אויף אים, איז אים טאַקע דאָ אַלצדינג צום האַרצן, און ווען ער איז איצט אַהיים געגאַנגען, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט חלומות: אפשר וועט אים געלינגען אָפּצושטופּן נאָך אַ סעזאָן אין אַ טעאַטער. ס'מאַכט שוין ניט אויס, וואָס ער זאָל דאָרט טאָן, אַבי צו זיין אין טעאַטער — וויל צו וואָס קאָן ער זיך איצט נעמען? ער איז שוין אַריבערגעשפּרונגען די זעכציק.

צוקומענדיק צום קאָרנער, איז ער געבליבן שטיין, וויל ער האָט בערטען געזען זיצן אויף דער וועראַנדע. ער האָט גענומען שמייכלען, ביז ער איז צוגעקומען צום הויז, און נאָך איידער ער איז אַרויף אויף די פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף אויף דער וועראַנדע, האָט ער צו איר געזאָגט:

— האָט דאָך דיין מאַן ניט געזאָגט קיין אמת.

— וואָס פאַר אַן אמת? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— אז דו ביסט אַ שונא פון לופט.
— גלויב מיר, אַז ער מיינט ניט קיין שלעכטס דערמיט.
— זיכער ניט.
— ער מיינט צו זאָגן, אַז איך גיי זעלטן אַרויס אויפן פּאַרטש.
— דאַרפסט אים ניט פאַרענטפערן, איז ווי קומט עס טאַקע, וואָס מ׳האָט דיך היינט אַרויסגעלאָזט ?
— ווי דו זעסט, סאָלאָמאָן, היינט מוז איך דאָ זיין.
— דו מוזסט ?
— יאָ, ווייל ער איז אַוועקגעגאַנגען. ס׳איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איינער פון אונדז ביידן מוז דאָ אַלע מאָל זיין, אפשר קומט ווער, אָדער דער טעלעפאָן קלינגט.
— געוויס, געוויס מוז איינער זיין. יאָ, וואו איז ער געגאַנגען ?
— אין דעם קאָמיוניטי־טעאַטער.
— אַזוי, וואָס ווייזט מען דאָרט ?
— „קריג און פרידן".
— פון גראַף טאָלסטאָי.
— יאָ.
— דו האָסט דאָס שוין געזען ?
— מאָרגן גיי איך דאָס זען.
— וויבאַלד אַזוי, קאָן איך מיך אַוועקזעצן.

ער איז שנעל אַרויף די פּאָר טרעפּלעך און אַוועקזעצנדיק זיך לעבן איר אויף אַ וויג־שטול, האָט ער צו איר שטיל געזאָגט :

— בערטאַ, ווייסטו אין וואָס דאָס דערמאָנט מיך ? אין דער גוטער אַלטער צייט, ווען מיר האָבן נאָך געשפּילט דעם גאָלדענעם רעפּערטואַר פון אַזעלכע שרייבער, ווי ליעוו טאָלסטאָי : „דעם לע־בעדיקן מת", „קרייצער סאָנאַטאַ", „די מאַכט פון פינצטערניש". „אַנאַ קאַרענינאַ", „רעזורעקשאָן". דאָס איז געווען מיין ליבלינג־ראָל : פּרינץ ניעקלידאָוו.

— סאָלאָמאָן, מיט וועמען האָסטו געשפּילט „רעזורעקשאָן" ?
— מיט דער בעסטער קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ, סאַראַ אַדלער ! יאָ, שוין אַ סך יאָרן אַוועק, אָבער גוטע זאַכן פאַרגעסן זיך ניט. ס׳איז געווען אין יאָר 1925, אין דעם מ׳קינלי סקווער טעאַטער. ווער האָט

זיך דעמאָלט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פון אַזאַ גאָלדענער פּראָפעסיע זאָל גאָרניט ווערן?



דוד דענק, אַלס למך, דער ווילדער מענטש

— סאָלאָמאָן, איך זאָג ניט, אַז איך בין קליגער פון אַלעמען, אָבער איך האָב דאָס שוין לאַנג געזען. דערפאַר, מיין פריינט, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אין דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס איך האָב געהאַט.

— זייער גוט האָסטו געטאָן. איך געדענק אָבער אַ צייט ביים אידישן טעאַטער ווען מ׳האָט זיך ניט באַדאַרפט זאָרגן פאַרן מאָרגן. נאָך איידער מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיט איין סעזאָן, איז מען שוין געווען אַנגאַזשירט פאַרן צווייטן סעזאָן, אָבער איצט וואָס? גאָרניט מיט גאָרניט!

— האָסט מיך טאַקע אין עפּעס דערמאָנט. איין זומער בין איך געבליבן אָן געלט. וואָס מיינסטו האָב איך געטאָן?

— יוואָס?

— געשיקט אַ טעלעגראַמע צום מענעדזשער. אויף צו מאָרגן איז מיר אָנגעקומען געלט.

— נאָר דעמאָלט האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, היינט איז דאָך ניטאָ צו וועמען צו שרייבן.

— זיכער ניט. ס׳איז דען דאָ מענעדזשערס?

— נו, און טעאַטערס זיינען דען פאַראַן? ניט איין מאָל קומט מיר אויס צו לאַכן מיט וויטיק, ווען איך לייען אין די צייטונגען, ווי מ׳הייסט אונדז אַרויספאָרן און וועקן די פּראָווינץ, אָבער וואוהין מיר זאָלן פאָרן שפּילן — דאָס זאָגט קיינער ניט. ווייסט פאַרוואָס?

— ווייל זיי ווייסן ניט, אַז די גרעסטע פּראָבלעם איז, וואָס מ׳קאָן קיין טעאַטער ניט קריגן. דאָס האָט מיך טאַקע דערמאָנט: מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך געווען אין שיקאַגאָ. בין איך אַראָפּגעפאָרן אויף מעדיסאָן סטריט, צו זען די צוויי גרויסע טעאַטערס, וואָס זיינען דאָרט געווען. געדענקסט דאָך דעם „עמפּייער” טעאַטער און דעם „הייי־מאַרקעט” טעאַטער? דו האָסט דאָרט אַ סך מאָל געשפּילט. צום באַדויערן, איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן. איך האָב דאָרט געטראָפן צוויי ליידיקע „לאָטס”... דאָס זעלבע אויך אין דער לופּ, וואו דער „פּרינצעס” טעאַטער איז געווען. ווייסטו וואָס דאָרט איז? אַ „פּאַרקינג לאָט פאַר קאַרס”...

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, ווי זי וואָלט פון עפּעס געטראַכט,

דערנאָך האָט זי שטיל געפרעגט:

— „פרינצעס" טעאַטער?

— יאָ, איך האָב דאָרט אַמאָל געזען שפּילן וואָלטער העמפּטאָן אין „האַמלעט".

— וואַרט נאָר, סאָלאָמאָן, דאַכט מיר, אַזוי האָט אויך געהייסן דער טעאַטער וואו מיר האָבן אַמאָל געשפּילט אין דער נאָרד-סאַיד.

— יאָ, דאָס איז געווען אויף וועסטערן און פּאַטיאַמיק.

— ווי אינטערעסאַנט ס'איז דאָן געווען!

— יאָ, מיר זיינען דאָן געווען יונג און געזען פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט!

— אָבער איצט וואָס?

— פליז, רעד ניט דערפון!

אַ ווײַלע איז זי שטיל געבליבן. ער האָט אויך איר געקוקט, און געוואַרט ביז זי האָט זיך אַריבערגעבויגן צו אים, און זייער שטיל אים געזאָגט:

— סאָלאָמאָן, יענע גליקלעכע צייט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— איך אויך ניט, בערטאַ. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, ווען איך בין איצט מיט צוואַנציק יאָר אינגער...

— איז וואָס וואָלט געווען?

— גאַנץ אַנדערש, בערטאַ, גאַנץ אַנדערש!

— יאָ, איך וואָלט דיר געוואָלט גלויבן...

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל איך געדענק, ווען דו ביזסט געווען מיט דרייסיק יאָר אינגער און ס'איז גאָרניט געוואָרן.

— דעמאָלט האָב איך קיין שכל ניט געהאַט.

— ניט מיין שולד געווען.

— זיכער ניט.

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווען איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט ניט אַוועקפאָרן. געדענקסטו דאָס?

— ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען. מיר זיינען דאָן געווען אַזוי יונג, און אַ ברעקל דערפאַרונג, איך האָב דאָן גאַנץ אַנדערש

געקוקט אויפן לעבן.

— איצט קוקסטו דורך ברילן, — האָט זי אַ קורצן שמייכל געטאָן.

— לאָך ניט! דערפאַר קאָן זיין, זע איך דיך אויך בעסער.

— אַביסל צו שפּעט, סאַלאָמאָן.

— צו שפּעט. אמת, בערטאַ, ס׳איז צו שפּעט. מעגסט אָבער וויסן, אַז מיינע טעגלעכע וויזיטן אין דעם „איטאַליען־גאַרדען“, איז ניט בלויז דאָרט צו באַוואונדערן די שיינע בלומען. אַ סך מאָל זיץ איך דאָרט און טראַכט...

— פון וואָס, סאַלאָמאָן?

— פון מיינע ראָלן, וואָס איך האָב געשפּילט, און וואָס פאַר אַ נאַר איך בין דאָס גאַנצע לעבן געווען.

— פאַרוואָס דו, מער פון אַנדערע?

— ווייל אַחוץ טעאַטער, האָט מיך גאָרניט אינטערעסירט. האָב איך מיין גאַנץ לעבן געשפּילט און געשריבן און דערביי פאַרבליבן.

— האָבן דען אַנדערע מער?

— מער פון מיר האָט איעדער.

— אַזוי דענקסטו? ס׳איז אָבער ניט אַזוי, מיין פריינט. פון וויטן דאַכט זיך, אַז דאָס גראָז איז אַ סך גרינער ווי עס איז. איך האָב אויך אַמאָל אַזוי געגלויבט. ווען דו ביזסט געווען יונג און שיין, און ווען אַלע מיידלעך זיינען דיר נאָכגעלאָפן, ביזמטו געווען דער קלוגער.

זי האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי זי וואָלט זיך נאָך עפּעס געיאָגט. סאַלאָמאָן האָט דאָס פאַרשטאַנען. האָט ער איר געגעבן די געלעגנהייט זיך אָראָפּצורעדן פון האַרצן. זי וויל דאָס מאַכן וואָס שנעלער, איידער די מענטשן קומען זיך צוזאַמען אויף דער ווערענדע. זי האָט שנעל אַוועקגעוואָרפן דאָס אויסגע־רויכערטע שטעקעלע און צוגעגעבן:

— ווי נאַריש ס׳איז געווען פון מיר דיך וועלן דאַן צוריקהאַלטן, און ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איך לעב אויף דער וועלט.

— דאַכט מיר, אַז דו האָסט אינגאַנצן פאַרגעסן.

— וואָס מיינסטו „פאַרגעסן״?

— אַז דו האָסט אַ סך פריער פון מיר פאַרלאָזט שיקאַגאָ. און ווען איך האָב דיך מיט יאָרן שפּעטער געטראָפן אין ניו־יאָרק, ביזסטו שוין געווען פאַרנומען מיט אַן אַנדערן.

— ביזסטו שוין דאַן ניט געווען מיט דער פון קאַנאַדע?

— דאָס איז געווען שפּעטער.

זי האָט שנעל פאַרצויגן דעם ציגאַרעט, און קוקנדיק אויף אים, האָט זי אַ שמייכל געטאָן, זאָגנדיק:

— וואָס מאַכט דאָס שוין איצט אויס, ווי אַזוי ס׳איז געווען. כ׳ווייס נאָר איינס, אַז מיר האָבן געהאַט גוטע צייטן אין טעאַטער. ווען מיר זיינען געווען אין באַלטימאָר, געדענקסטו?

— ווער קען דען אַזאַ סעזאָן פאַרגעסן? ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, ווען איך האָב איצט אַזעלכע צוויי, דריי סעזאָנען, וואָלט איך זיכער געקאָנט לאָזן „אַ פייגעלע אין וואַלד זאָרגן״.

— מעגסט דאָס זאָגן נאָך אַמאָל. ווי אַזוי האָט מען גערופן דאָס טעאַטער?

— „פּאַלי טעאַטער״. שוין אויך ניטאָ. דאָרט איז איצט אַ געזאַלין סטעישאָן.

— דאָס איז געווען אַ סעזאָן!

— נאָר דער סעזאָן איז געווען גוט? און אַ צווייטן סעזאָן אין מאָנטרעאָל? און אַ יאָר שפּעטער אין קליוולאַנד? דערנאָך אין באָסטאָן? צו יענער צייט האָבן מיר געהאַט אַ סך גוטע סעזאָנען.

— אמת, די צייט וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן...

— זיכער ניט! מיט אונדז וועט זיך די טעאַטער־פּראָפעסיע אײַנגאַנצן ענדיקן. ווייל נייע קיין כוחות קומען ניט צו, און די וואָס גייען פון אונדז אַוועק, — איז ניטאָ קיין אַנדערע וואָס זאָלן קאָנען פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

— ווי אַ חלום איז אַלץ אַוועק... ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען...

— וואָס פאַר אַ נעכטן? ס׳איז געווען אין 1916. שוין פולע פערציק יאָר.

— יאָ, פערציק יאָר!

סאָלאָמאָן איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט. ס׳האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ. בערטאַ האָט אַוועקגעוואָרפן דעם צי־

גאַרעט און זי האָט אים אָנגעקוקט, ווען ער האָט געזאָגט:

— מיין גאַנץ לעבן אַוועקגעוואָרפן, און וואָס איצט? פונקט ווי ס'וועט גאָרניט ווערן פון דעם שטיקל ציגאַרעט, אַזוי איז גאָרניט געוואָרן פון אונדזער פאַך... אויף אַזאַ שנעלן אונטערגאַנג האָב איך מיך זיכער ניט געריכט.

— מיר זיינען בלויז געבליבן מיט דעראינערונגען...



דער פאָנטאָן וואו סאָלאָמאָן איז געזעסן און באַוואונדערט די שיינע בלומען, טראַכטנדיק פון דעם אַמאָל...

מיכל מיכאַלעסקאָ

איינער פון די אויסגעלאָשענע שטערן איז דער ניט־לאַנג פאַר־שטאָרבענער אַקטיאָר מיכל מיכאַלעסקאָ.

מיט אַ יאָר 34 צוריק זיינען נאָך די טירן פון דער אידישער

אַקטיאָרן יוניאָן געווען פאַרמאַכט אַ סך שטאַרקער, ווי דער אייזערנער פאָרהאַנג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ווער עס האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין יוניאָן־קאַרד האָט געמוזט וואַרטן ביז אַלע יוניאָן־מיטגלידער זיינען געווען באַשעפטיקט.

דער סעזאָן איז שוין כמעט געווען אין פולן גאַנג, ווען איך בין איין טאָג געזעסן אין דער ראָיאַל קאַפע און געוואַרט אויף אַ נס.

זלמן שמוקלער איז אויך געווען איינער פון די פיל ליידנדיקע,

ער אָבער האָט זיך געקענט וואַרפֿן און זיך טאַקע באַלד אָנגעכאַפּט אין וואָס ער האָט געקענט פֿאַרדינען, אָבער נאָר ביים אידישן טעאַטער.

איז טאַקע דעם טאָג ווען איך בין דאָרט געווען האָט ער זיך אַ שמייכלענדיקער באַוויזן אויף דער טיר פֿון דער ראַיאַל קאַפֿע, צו ערשט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געמאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז ער זוכט וועמען, ביז ער האָט מיך דערזען און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל איז ער צוגעקומען צו מיין טיש און באַלד גע־פֿרעגט:

— קען איך רעדן צו אייך?

— פֿאַר וואָס ניט.

— איך מיין, אויב איר זייט ניט פֿאַרנומען?

— זיצט, — האָב איך אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל.

— קיין סך צייט האָב איך סיי־ווי ניט.

— איך בין ניט פֿאַרנומען, — האָב איך נאָך אַמאָל באַטאָנט.

— וועל איך מיט אייך רעדן וועגן געשעפֿט.

— מעגט איר אייך אַוודאי אַוועקזעצן. אַ מוהר האַנדלט ניט שטייענדיק. זיצט און זאָגט וואָס איר ווילט. פֿאַר געשעפֿט בין איך קיין מאָל ניט פֿאַרנומען.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל.

— אָט אַזוי, איצט קענען מיר רעדן, זאָגט וואָס איר ווילט.

— איך וויל אייך אַנגאַזשירן.

— אַ נ ג אַ ז ש י ר ן?

— יאָ. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

— איר האָט אַ טעאַטער?

— אין ניו־יאָרק, דערווייל נאָך ניט.

— אַרויספֿאָרן? האָט איר שוין די גאַנצע קאָמפּאַני?

— אָט־די פֿראַגע האָב איך פֿאַרשטאַנען ווען איר פֿרעגן, דאַרפֿט איר ניט מורא האָבן. ווייל איך האָב שוין מיט מר. גוסקינען גערעדט וועגן אייך. ער דערלויבט מיר צו נעמען וועמען איך וויל און איך פֿאַרזיכער אייך, אַז איך וועל האָבן אַ גוטע קאָמפּאַני. איך מוז דאָס האָבן, ווייל איך האָב אַ גוטן ס ט אַ ר.

— דאָס איז אינטערעסאַנט. מעג איך וויסן ווער דאָס איז?

— אייך וועל איך זאָגן. — ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און צו מיר שטיל געזאָגט שמייכלענדיק: — מיכל מיכאַלעסקאָ!

איך בין געבליבן זיצן, אים אָנגעקוקט. טראַכטנדיק ביי זיך: ווייסט דער מענטש וואָס ער רעדט? מיכאַלעסקאָ, ווייס איך, איז דעם סעזאָן פאַרנומען אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער! וואָס, דענקט ער, בין איך? אָט האָסטו דיר אַ נייער מעגעדזשער אויף מיין קאָפּ! עס ווייזט אויס, ער האָט דערקענט אויף מיר וואָס איך טראַכט, האָט ער, ניט אַראָפּנעמענדיק פון מיר זיינען שמייכלענדיקע אויגן, נאָך צוגעגעבן:

— איך שפּאַס ניט. ווי זאָגט האַניגמאַן: עס איז ניט קיין אמת, נאָר אַ פאַקט! איך שטעל צוזאַמען אַ קאָמפּאַני מיט מיכאַלעסקאָן אַרויסצופאָרן שפּילן. איך האָב שוין „ג ע ב ו ק ט" אַ פּאָר טעאַטערס אויף דער פּראָווינץ, ניט ווייט פון ניו־יאָרק!

— איר ווייסט שוין די פּיעסע וואָס איר גייט שפּילן?

— „ווילדע יוגנט"!

— ווען מאַכט מען פּראָבע?

— אַזוי רעדט איר דאָך ווי אַן אמתער קינסטלער. אַלזאָ, אָפּגעמאַכט! איך וועל אייך לאָזן וויסן ווען מ'וועט מאַכן פּראָבע.

ער האָט עס געמאַכט אַזוי שנעל, אַז איך האָב קיין צייט ניט געהאַט אים צו זאָגן וויפל איך וויל. ער איז שמייכלענדיק באַלד אַוועק. און איך בין געבליבן זיצן, ניט גלויבנדיק, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

***

אין יענע יאָרן איז די גאַנצע פּראָפעסיע געווען איינגעוויקלט אין איין גרויסן סוד, און אָט־דער סוד געמעגט זיין הינטער טויזנטער שלעסער פאַרמאַכט איז ער אין דער ראַיאַל קאַפע באַלד אויסגעזונגען געוואָרן. קיין מאָל האָט מען ניט געוואוסט ווער עס האָט דעם סוד אין דער ראַיאַל קאַפע געבראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרטראָגן געוואָרן פון אַ פינצטערן כוח, אָדער פון אַ בייזן ווינט, נאָך איידער די אַקטיאָרן זיינען געקומען אין דער ראַיאַל קאַפע פון דעם טעאַטער, וואו דער סוד האָט באַדאַרפט פאַרבלייבן.

אויף דעם האָט דער באַרימטער מאיר פון די שנאָרערס ניט איין מאָל געזאָגט :

— פון די אַלע טעאַטער־סודות וואָס ווערן אויסגערעדט אין דער ראַיאַל קאַפע, האָט מען געקענט מאַכן אַ האַזשנעס רינשטאָק.

אַזוי שנעל ווי די אַקטיאָרן האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון דער ראַיאַל קאַפע, האָט מען באַלד אַקעגנגעטראָגן, וואָס ביי זיי אין טעאַטער איז פאָרגעקומען.

און ווער ? הערמאַן, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין „ג ו ד נ אַ י ט" מיינע הערשאַפטן ! ער האָט מער ניט באַדאַרפט ווי כאַפן איין וואָרט, איז שוין גענוג געווען, אַז דער גרעסטער טעאַטער־סוד זאָל אַרויס אויף דער גאַס.

דעם זעלבן אָוונט איז מיר אויסגעקומען צו זיצן מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן, ביי איינעם פון די טישלעך און דאָ טאַקע האָב איך אויסגעפונען פאַר וואָס מיכאַלעסקאָ גייט אַוועק פון דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער. רעדנדיק, האָט מיך איינער אַ פרעג געטאָן :

— איר פאַרט מיט מיכאַלעסקאָן ?

— פון וואַנען ווייסט איר ? — האָב איך אים מאָדנע אָנגעקוקט.

— ווייל ס'איז שוין ניט מער קיין סוד. אַלע ווייסן, אַז שמוקלער האָט היינט גערעדט מיט אייך. נאָך מער, מיר ווייסן אפילו מיט וואָס פאַר אַ פּיעסע ער פאָרט אַרויס, ווייל דאָ, אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער, גייט אַרויף די נייע פּיעסע „י אַ נ ק ע ל ע".

— דאָ איז אָבער ניט יוראָפּ, — האָט אַ צווייטער געזאָגט, — דאָ וועט זי זיך באַדאַרפן גוט אונטערגאַרטלען !

— ווען איך בין מיכאַלעסקאָ וואָלט איך געטאָן דאָס זעלבע, — האָט אַ דריטער געזאָגט. און דער ערשטער האָט באַלד אונטערגעכאַפּט :

— איר ווייסט דאָך, אַז אַ מענעדזשער טאָר מען ניט נאָכגעבן. באַלד ווערט מען דאָך ביי זיי אַ סטאַטיסט.

— ניט אַזוי לאַנג ווי א נ ד ז ש ו איז מיט אים. איך קען אים נאָך פון וואַרשע !

איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס עס גייט פאָר, אַז וואָס שמוקלער האָט מיט מיר ביטאָג גערעדט איז טאַקע אמת ; ווי באַלד

אַזוי וועל איך באַלד שפּילן מיט מיכל מיכאַלעסקאַן!

די קאָמפּאַני, וואָס שמוקלער האָט צוזאַמענגעשטעלט איז געווען ניט קיין שלעכטע, דערפאַר איז די פאָרשטעלונג געווען זייער אַ גע־לונגענע, נאָר דער עולם האָט זיך ניט געאיילט צו קומען אין טע־אַטער. וואָס איז געווען דער תּירוץ: אַז מיכאַלעסקאַ איז נאָך אַ פרעמדער אין אַמעריקע.

צו יענער צייט איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַר וואָס אַזאַ גוטער אַקטיאָר ווי מיכל מיכאַלעסקאַ, וועלכער פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַ קינסטלער, וועל איבערלאָזן דאָס גרעסטע אידישע טע־אַטער אין דער וועלט מיט אַזוי פיל געלט און זיך וועלן אַרומשלעפּן כמעט פאַר גאָרנישט: אַלבאַני, נאָך יוטיקאַ, סיראַקיוז, ראָטשעסטער, און פון דאָרט נאָך באָפאַלאָ?

דאָס איז ניט געווען קיין אַמביציע. אַ נ ד ז ש ו האָט אַזוי געוואָלט, אים געשטופּט צו ווערן אַ סטאַר. און ווען זי האָט גערעדט אַ געלעגנהייט, האָט זי דאָס אָפן געזאָגט:

— מיין מיכל וועט קיינעם ניט הינטערשפּילן, מעג דאָס אפילו זיין דאָס גרעסטע, און זי... איז נאָך ניט אַזוי גרויס.

דאָס אַרומפאָרן האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. און עס האָט אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק. דאָס האָב איך דערקענט אין דער כמעט לעצטער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין לעיק־וואוד. אַ נ ד ז ש ו ס ברודער, מר. לעווין, איז מיטגעפאָרן זען די פאָרשטעלונג און עס איז אים זייער שטאַרק געפעלן, האָט ער טאַקע פאַר אַלעמען באַצאָלט פאַר די באַן־בילעטן מיר זאָלן קענען אַהיים פאָרן.

אויך דערפאַר האָט זיך אַ נ ד ז ש ו ניט איבערגעשראָקן, פאַרקערט, זי האָט געמייכלט זאָגנדיק:

— אין ביזנעס איז פאַראַן פאַרשיידענע צייטן, ניט אַלעמאָל קען מען פאַרדינען.

זייענדיק אַ גוטע „ביזנעס־פרוי“ האָט זי זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. נאַטירלעך, האָט זי געהאַט מיט וואָס און דער־פאַר האָט זי געמאַכט פאַרשיידענע „אינוועסטמענטס“, ביז זי ה ט אים אַרויפגעפירט דאָרט וואו זי האָט געוואָלט. בעסער געזאָגט,

דאָרט וואו ער האָט באַלאַנגט, און ער האָט מיט רעכט געשיינט פאַר אַ סך יאָרן.

עס איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, אָבער מיכל מיכאַלעסקאָ האָט דערגרייכט צו דעם וואָס ער איז געווען באַרעכטיקט, און איך מוז צוגעבן, מער דערפאַר וויל א נ ד ז ש והאָט אים געשטופּט; ווייל מיכל מיכאַלעסקאָ אַליין האָט זיך אַ סך מאָל פאַרשפּילט... ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע גרויסע שוואַכקייט צו נאָך צוויי שפּילן, און זייער אָפט האָט ער זיך פאַרשפּילט מיט ליבע הינטער דער בינע, און מיט אַ פינאַקל איידער ער איז געקומען אין טעאַטער...

דערפאַר אפשר האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גרויסער חסרון, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געקענט זיין ראָלע ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג און דאָס איז זייער אָפט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַרן טעאַטער. האָט ער זיך אָבער איינגעשפּילט איז צו אים קיין גלייכן ניט געווען. ער איז אָפטמאָל געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז מען האָט זיך פאַרגעסן שטייענדיק מיט אים אויף דער בינע אין צייט פון שפּילן. ער האָטווירקלעך געוויינט מיט אמתע טרערן ווען מ'האָט באַדאַרפט וויינען, און זייער נאַטירלעך געלאַכט. עס האָט אָבער גענומען צייט ביז ער האָט זיך איינגעשפּילט, דערנאָך איז ער געווען די נאַטירלעכקייט אַליין. האָב איך טאַקע געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זיין טאַלאַנט, אָבער קיינמאָל ניט פאַר דעם אויסוואַל פון די פּיעסן וואָס ער האָט געשפּילט — און נאָך ווייניקער ווי ער האָט פאַרשטאַנען זיי אויפצופירן.

***

זייענדיק מיט אים אין פאַרשיידענע טעאַטערס דאָ אין ניו־יאָרק, ווי אויך אויף דער פּראָווינץ, און שפּילנדיק מיט אים אין זייער אַ סך פּיעסן איז מיר אויך אויסגעקומען צו זיין זייער אַן אָפטער גאַסט ביי אים אין דער היים, איז ביי איעדער געלעגנהייט וואָס איך האָב געהאַט האָב איך ניט איין מאָל זייער פריינטלעך געפרעגט:

מיכאַלעסקאָ, פאַרוואָס שפּילט איר אָט־די נאַרישע פּיעסן?

— וואָס דען זאָל איך שפּילן?

— איך מיין, אז דאָס פּאַסט פאַר אייִנעם, וואָס האָט ניט קיין טאַלאַנט, אַזעלכער דאַרף זיך דאַרפֿן אויף די גלייכע ווענט, אָבער ניט איר?

ער האָט מיך אָנגעקוקט, זיך פאַרטראַכט און דערנאָך צו מיר זייער שטיל געזאָגט:

— מיינט איר דאָך, אַז איך וויל דאָס שפּילן!

— איך ווייס ניט ווער עס צווינגט אייך.

— דאָס מענעדזשמענט. איר ווייסט, דענק! זיי האָבן מורא פאַר אַ בעסערער פּיעסע.

— פאַר וואָס?

— דאָס, זאָגן זיי. באַלאַנגט צום קונסט-טעאַטער. ווייסט איר נאָך, וואָס זיי זאָגן, ווען איך שפּיל מיך אייִן, אפילו אין אַ נאַרישקייט, ווערט דאָס אויך אַ סוקסעס, דערפאַר מוז איך מיך שוין באָדן אין דער קאַלעמוטנער וואַסער. איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן, די נאַרישקייטן, מיין פריינט, האָבן מיר געגעבן אַזוי פיל ווי צוויי טויזנט דאָלאַר אַ וואָך אין שיקאַגאָ!

— האָט זיך איין מאָל געמאַכט אַ גוטע וואָך.

— וואָס מיינט איר א י י ן מ אָ ל! איך בין דאָרט געשטאַנען צוויי סעזאָנען. ווייזט מיר, ווער נאָך האָט געמאַכט אַזוי פיל געלט? אפילו מיט אַ בעסערער פּיעסע?

עס מעג דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז מיכל מיכאַלעסקאָ איז געווען קינסטלעריש גוט און אויסגעהאַלטן אין די בעסערע פּיעסן, וואָס ער האָט געשפּילט, לײדער, אָבער זייער ווייניק.

ער האָט אַ סך יאָרן געשיינט אַלס „ערשטער מאַן” אין אַ יעדער טרופּע, ביז 1938, דעם סעזאָן זיינען מיר געווען אין דעם מעקינלי סקווער טעאַטער, אין די בראָנקס, און 1939 אין דאָגלאַס פּאַרק טעאַטער, אין שיקאַגאָ, און אין ביידע סעזאָנען האָבן זיך שוין געוויזן שפּורן פון דורכפאַלן. דאַכט זיך, דער זעלבער מיכל מיכאַלעסקאָ, די זעלבע פּיעסן, און אַ גוטע טרופּע, עס איז אָבער מער ניט געגאַנגען.

דאָס האָט אים שטאַרק גענומען דענערווירן, און איך האָב דאָס באַלד דערקענט ביי אַ פאָרשטעלונג. עס איז שוין געווען די דריטע

וואָך ווי מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט, נאָך דעם וואָס מיר האָבן די זעלבע פּיעסע אָפּגעשפּילט אין ניו־יאָרק גאַנצע דריי חדשים און מיר זיינען געווען גוט איינגעשפּילט, איז אַרונטערגייענדיק פון דער בינע, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— וואָס איז מיט אייך, דענק?

— מיט מיר, וואָס מיינט איר, מיכל?

— מיר שפּילן דאָך אַן אָפּערעטע!

דוד דענק, אַלס איציק דער גביר, אין „דעם רבינ׳ס געליבטע".

— נו, איז וואָס?

— דאַרפט איר ניט זיין אַזוי נאַטירלעך.

— איר מיינט, אַז דאָס איז אַ חסרון?

— דאָס פּאַסט פאַרן קונסט־טעאַטער!

— און דאָ דאַרף מען ניט זיין גוט?

— יאָ, אָבער איר זייט שוין צו נאַטירלעך.

ווי אַזוי ער האָט איצט צו מיר גערעדט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט דאָס. ווען איך בין אַריין אין מיין גאַדעראָב־ציממער האָב איך געטראַכט. וואָס האָט ער דעמיט געמיינט? ווי קען מען זען זיין אַנדערש נאָך אַזוי פיל מאָל שפּילן די זעלבע פּיעסע? איך בין געבליבן זיצן אין אַ געדריקטער שטימונג, טראַכטנדיק, ווען ניט צוליב דער פּרנסה, וואָלט איך אין אַזאַ טעאַטער קיין מאָל ניט געוואָלט שפּילן.

ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן גיין, ווי מען זאָגט, מיט דער פּוטער אַראָפּ, האָט מיכל מיכאַלעסקאָ נאָך אַלין געוואָלט אַנהאַלטן זיין סטאַזש אַלס „ספּאָרט“, פּונקט ווי אין די גוטע יאָרן, ווען ער האָט געמאַכט אַ סך געלט. מיט דעם האָט ער געוויזן, אַז דער קינסטלער טראַכט ניט וועגן מאָרגן. אָבער עס האָבן זיך שוין געוויזן שפּורן פון דעם דריי־פּאַכיקן לעבן, אַז ער האָט צו שטאַרק געברענט דאָס ליכט אויף ביידע זייטן...

די לעצטע צוויי סעזאָנען האָבן געוויזן, אַז אין דער איסט איז ער שוין פּאַרטיק, האָט ער אַרויסגעוואַנדערט קיין קאַליפאָרניע. דאָרט, ווי עס האָט אויסגעזען, איז אויך ניט געווען צו גוט, ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט געקראָגן איין אנגאזשמא אין ניו־יאָרק איז ער צוריקגעקומען. אָבער דער סעזאָן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, און אויף פּסח איז ער צוריקגעפאָרן דאָרט צו בלייבן.

ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער זייער שטיל געזאָגט:

— גלויבט מיר, דענק, און איך מיין דאָס וואָס איך גיי אייך זאָגן, איך פאָר דאָך אַוועק, ווען איך קאָן דאָרט פאַרדינען, כ'מיין, אַ גאַנץ יאָר, ניט מער ווי זעכציק דאָלאַר אַ וואָך, וואָלט איך געווען אַ גליקלעכער.

איך האָב אים אָנגעקוקט, טראַכטנדיק, וואָס עס איז געוואָרן פון דעם גרויסן מיכל מיכאַלעסקאָן. איך האָב אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— פאָרט געזונט און זייט געזונט, איר וועט דאָרט פאַרדינען אַ סך מער.

מיכל מיכאַלעסקאָ, דער געזונטער, שטאַרקער מאַן, איז שוין

געווען קראַנק, ער האָט אָבער געהאַט זיך אין ווערמען אָנצושפּאַרן, זיין פרוי אנדזשו, אָדער ווי מען האָט זי די לעצטע צייט גערופן אַננאַ לעווין, איז ניט בלויז געווען אַ ווייב צו אים, נאָר אַ סך בעסער ווי אַן אייגענע מאַמע. זעלטן ווען אַ פרוי גיט זיך אַזוי אָפּ מיט איר מאַן, ווי זי האָט דאָס געטאָן. פאַרלאָפן אַלע שלעכטע וועגן, ניט געלאָזט, אַז עס זאָל אויף אים פאַלן אַ שפּרענקעלע; אַלעמאָל געפונען אַ תירוץ, פאַרוואָס עס איז ניט גוט...

נאָך עטלעכע יאָר אַרומוואַנדערן, איז די שטאַרקע אַננאַ אויך קראַנק געוואָרן, און איז שוין פון שפּיטאָל קיינמאָל ניט אַרויס. פּונקט צום אָונט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר מיכאַלעסקאָן, פאַר וועלכן זי האָט אַ סך געאַרבעט, אַז עס זאָל זיין אַ פינאַנציעלער דערפאָלג, איז זי אַוועק פון דער וועלט. אָן איר האָט מיכל אין לאָס-אַנדזשעלעס ניט געקענט פאַרבלייבן, איז ער צוריקגעקומען נאָך ניו-יאָרק.

***

די אַלע מעלות וואָס מיכל מיכאַלעסקאָ האָט פאַרמאָגט, איז די גרעסטע מעלה זיינע געווען: די גרויסע מתנה זיך צו קענען מאַכן אַ סך פריינט, ווייל ניט אַ יעדער קען דאָס. און זיי, די פריינט, האָבן אים באַלד געשטעלט אויף די פיס, אים געמאַכט אַ גרויסן אָונט, און דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַ „פּאַרטנער" אין דעם ברוקלינער „פּאַלאַס טעאַטער".

וויזט אויס, פון באַשערטע זאַכן קאָן מען ניט אַנטלופן. מעג עס נעמען ווי לאַנג, קומט עס ווי אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט, גלייך אין שטוב אַריין. און דאָס וואָס מיכל מיכאַלעסקאָ האָט ניט געוואָלט, אָדער ווי מען האָט געזאָגט, אַז אַנדזשו האָט אים ניט געלאָזט טאָן אין יאָר 1923, האָט ער דאָס געטאָן אין יאָר 1955...

נאָך מער: זייענדיק אַ גלייכער שותף אין געשעפט, האָט ער ניט נאָר זיי געמוזט הינטערשפּילן, נאָר אויך זיין דער פערטער אַנאַנסירט צו ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ אַקטיאָר ווי מיכל מיכאַלעסקאָ איז געווען, האָט ער געמוזט אַרומטראָגן ביי זיך אַן אינערלעכע שטאַרקע וואונד. קיין גוטס צו זיין געזונט-צושטאַנד האָט דאָס זיכער ניט געטאָן...

אויך דעם סעזאָן בין איך געווען מיט אים און ווען איך בין געקומען צו פּראָבע האָב איך דאָ געטראָפן אַ גאַנץ אַנדערן מיכאַלעסקאָ.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער גענומען זייער אַ סך „נאַטראַן גליצירין" און דאָס האָט אים אינגאַנצן פאַרענדערט, און אים גענאַגט אויסזען געל און מיד. איך האָב צו אים פריינטלעך געשמייכלט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— פריינט דענק! די הויפּט־זאַך דאַרפט איר אייך צוקוקן צו מיין ראָלע, איר מוזט זיין צוגעגרייט, ווייל ווי איך פיל קען מען קיינמאָל ניט וויסן ווען איר וועט אַריינפאַלן. ווער קען וויסן וואָס עס קען זיך מאַכן.

— עס וועט זיך גאָרניט מאַכן. איר וועט זיין געזונט און שפּילן די ראָלע אַ גאַנצן סעזאָן.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי אַלע מאָל איז ביי אים די ערשטע פאַרשטעלונג ניט אַרויסגעקומען, ווי מען האָט דערוואַרטעט, אָבער ביי מיר איז דאָס קיין נייעס ניט געווען. איך האָב אפילו באַמערקט, ווי אַזוי מען האָט געקוקט אויף אים. אָבער ווער וועט זאָגן עפּעס צו זאָגן. ערשטנס, אויב ניט קיין גאַנצער, אַ האַלבער בעל־הבית איז ער דאָך זיכער; צווייטנס, איז ער דאָך מיכאַלעסקאָ! ווייסנדיק, וואָס עס וועט זיין ווען ער וועט זיך איינשפּילן, האָב איך געשמייכלט, טראַכטנדיק, אַז קיינער פון זיי וועט אַזוי גוט קיינמאָל ניט זיין. און דערפאַר בין איך אַלס פריינט און פאַרערער די גאַנצע צייט פון זיין שטיין אויף דער בינע, געשטאַנען הינטער דער בינע, און אויף אַלץ אַכטונג געגעבן, פריער מאַכנדיק זיכער, אַז עס זאָל אים אויף דער בינע גאָרניט פעלן, און אַליין געאַרבעט ביים „סוויטש־באָארד", אַז די ליכט־עפעקטן זאָלן זיין אין צייט, ווען ער האָט געזונגען; געזען, אַז קיין זאַך זאָל אים ניט דענערווירן, און אַלעמאָל געווען פאַרטיק אים צו געבן אַ „נאַטראַן גליצירין פּיל", ווען ער איז אַראָפּ פון דער בינע, נאָך איידער ער האָט זיך פאַרנייגט פאַרן עולם, וועלכע האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט. אַזוי האָט אָננאַ אַלע יאָרן אויף אים אַכטונג געגעבן.

ניט איין מאָל האָב איך מיך פאַרטראַכט: וואָס עס קאָן ווערן פון אַ מענטשן? און נאָך אַ־יעדער בייטאָגיקער פאָרשטעלונג, בין איך באַלד געווען הינטער דער בינע, האָב איך מיכאַלעסקאָן אַלע־מאָל געטראָפן ליגן אויף דעם דיוואַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בינע. ער איז געשלאָפן.

אָבער ניט איין מאָל האָב איך מיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען. פאַר אַ ווײַלע בין איך שטיין געבליבן, געקוקט אויף אים טראַכטנדיק פון דעם אַמאָל, ווי אַזוי מיר האָבן נאָך אַ בייטאָגיקער פאָרשטעלונג פאַרבראַכט. ווי אַנדערש עס איז דאַן געווען! ניין, די צייטן וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן...

ווען דער סעזאָן האָט זיך פאַרענדיקט בין איך שוין מער מיט דער טרופּע ניט געווען. ״ערנאָך זיינען זיי געפאָרן אויף דער פּראָווינץ. אין מיאַמי איז ער אַוועקגעפאַלן און מער ניט געקענט שפּילן; אין מאָנטרעאָל, האָט אים פאַרטראָטן אַ צווייטער אַקטיאָר. ער האָט זיך נאָך געפּרואווט מענטשען ווען די טרופּע איז אַריין שפּילן די ״עלבע פּיעסע אין עלזמיר טעאַטער, אין די בראָנקס. און ווען זיי זיינען אויף פסח געפאָרן נאָך שיקאַגאַ האָט ער דאָ פאַרענדיקט זיין לעצטע פאָרשטעלונג.

ווען מ׳האָט אים צוריקגעבראַכט נאָך ניו־יאָרק, האָט ער נאָך געלעבט פיר שעה. זונטאָג, דעם 28־טן אַפּריל, איז ער געשטאָרבן, און מיטוואָך, דעם 1טן מאַי, איז געווען די לוויה פון מיכל מיכאַלעסקאָן.

אַזוי אַרום האָט די וועלט פאַרלוירן אַ גוטן קערנדיקן אַקטיאָר. און איך האָב פאַרלוירן אַ גוטן פריינט, וואָס איך וועל אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

סעמיועל גאָלדענבורג

צוליב דעם אײנעם וואָרט, „אינטערנאַציאָנאַליזם״, וואָס אַ געווי־
סער אַקטיאָר האָט ניט געקאָנט אַרויסזאָגן, האָט מען „סאָמען״
פון כאָר געמוזט אַרויסנעמען און אים „מאַכן״ פאַר אַן אַקטיאָר; ער
האָט אויך געלערנט מוזיק, פאַרענדיקט אַ קאָנסערוואַטאָריע, און

האָט אפילו אַליין איבערזעצט די פּיעסע, אין וועלכער ער איז אויפ־
געטראָטן אין אַמעריקע.

אָט־דער קינסטלער איז דער צווייטער פון מיינע אויסגעלאָשענע

שטערן: ס ע מ י ו ע ל ג אָ ל ד ע נ ב ו ר ג.

אינעם יאָר ווען מען האָט מיך אויפגענומען אלס מיטגליד אין דער אידישן אַקטיאָרן־יוניאָן, האָט סעמיועל גאָלדענבורג אויפגעפירט אַ נייע פיעסע אין דעם פאָלקס־טעאַטער, וואָס געפינט זיך נאָך איצט אויף דער צווייטער עוועניו און צוועלפטע גאַס (אונטער אַן אַנדער נאָמען).

זיצנדיק איין מאָל אין דער ראָיאַל קאַפע, האָט מען מיר פון דער יוניאָן געלאָזט וויסן, אַז איך דאַרף דעם אַנדערן טאָג זיין דאָרט צו פּראָבע. דאָס איז צו מיר געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז איך האָב, פאַר איבערראַשונג, ניט געקאָנט שלאָפן די נאַכט. בין איך געלעגן אויפן געלעגער מיט אָפענע אויגן און געזען פאַר זיך סעמיועל גאָלדענבורג אין זיינע פאַרשיידענע ראָלן: „אויף דער זינדיקער ערד", פון גימאָר; „צוריק צו זיין פאָלק", פון ל. קאָברין; „סאַנין", פון אַרציבאַשעוו, און אין פיל אַנדערע פיעסן און ראָלן, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב דערביי גענומען טראַכטן ווי לאַנג מיר קענען זיך שוין, און, לויטן חשבון, איז שוין אַ צוועלף יאָר. אָבער ביז איצט איז מיר ניט אויסגעקומען צו שפּילן מיט אים. פון דער מינוט וואָס עס האָט גענומען טאָגן, האָב איך מיר גענומען גרייטן צו גיין אין טעאַטער, צו פּראָבע. איך האָב זיך אָפּגעפרישט מיט קאַלט וואַסער, צו זיין וואַך ווען איך וועל אים באַגעגענען. אַריינקומענדיק אין טעאַטער, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן די גאַנצע טרופּע, וועלכע האָט געוואַרט אויף סעמיועל גאָלדענבורגן.

אַריינלויפנדיק, האָט ער שנעל אַוועקגעוואָרפן זיין מאַנטל אויף אַ בענקל, און גלייך זיך אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ, וואו ער האָט צו ערשט אונדז מכבד געווען מיט אַ קלאַסישער קאָמפּאָזיציע, דערנאָך — מיט עטלעכע „באַרס" פון געוויסע פאָלקס־לידער, וועלכע ער האָט טאַקע אַריינגעוועבט אין דער פּיעסע. איבערהויפּט האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעשפּילט „אַ גוטע היים, איז דאָך אַ ברכה פון גאָט".

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער פּיאַנאָ־שפּיל, איז ער געווען אין אַ זייער גוטער שטימונג צו מאַכן פּראָבע. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף דעם בענקל וואו ער איז געזעסן, אַלעמען באַ-

טראַכט, ביז ער האָט צו מיר געזאָגט, ניט אַרונטערנעמענדיק זיינע אויגן פון מיר:

— איר זענט פאַר דער ראָל, פּיאַנאָ קאָנט איר שפּילן?

— ניין.

— גוט, וועל איך אייך טאַקע גלייך ווייזן, ווען צו געבן אַ פּאָר אַקאָרדן, ווען איך בין אויף דער בינע. זייט אָבער פאָרזיכטיק, ניט פריער ביז עס קומט צום רעפליק. איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין?

— יעס, מר. גאָלדענבורג.

— האָ, ער ווערט שוין „פאַרמאַלנע״ מיט מיר? קומט אַהער, איר דאַרפט אַזוי מאַכן.

ער האָט צעשפּרייט זיינע פינגער אויף דער קלאַוויר, מיר געוויזן די פּאָר אַקאָרדן, ווי אַזוי איך דאַרף מאַכן ווען עס וועט קומען צו דער רעפליק, און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן, זאָגנדיק:

— איצט וועלן מיר מאַכן פּראָבע.

בין איך געשטאַנען ביי דער פּיאַנאָ און געוואַרט, ביז עס איז געקומען צו דער רעפליק, האָב איך געגעבן די פּאָר אַקאָרדן, און באַלד באַהאַלטן אַרויף אויף דער בינע. ווען ער האָט מיך דערזען שטיין לעבן אים, האָט ער אַ קורצן שמייכל געטאָן, זאָגנדיק:

— לערנט נאָר אויס די „פּראָזע״, און אַז איר וועט שפּילן ווי איר האָט געגעבן די אַקאָרדן, וועט איר זיין זייער גוט אין דער ראָלע.

מיט 26 יאָר צוריק, איז דאָס אפילו אונטער דער השגחה פון דער יוניאָן געווען אַ זיכער געשעפט, ווייל די הויפּט דריי זיילן, וואָס מען דאַרף אין אַ טעאַטער, האָבן מיר געהאַט: דעם גרויסן קינסטלער סעמיועל גאָלדענבורג; אַ גוטע פּיעסע פון הערי קאַלמאַנאָוויטש, און אַ וואונדערבאַרע גוט־צוזאַמענגעשפּילטע טרופּע, וואָס דאָס האָט פאַרזיכערט די גאַנצע אונטערנעמונג.

אמת, עס האָבן נאָך עקזיסטירט אַ צען אידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק, אַריינגערעכנט ברוקלין און בראָנקס, און אַ זיבן־אַכט טעאַטערס אויף דער פּראָווינץ. וועך האָט צו יענער צייט ניט געוואָלט האָבן סעמיועל גאָלדענבורג ביי זיך אין טעאַטער? איז טאַקע

כמעט נאָכן סעזאָן, ביי אונדז געוואָרן אַ נייער סעזאָן, ווייל מיר האָבן אָריינגעשפּילט ביז סוף יוני.

אויף דעם טור, איז מיר אויסגעקומען צו דערקענען ניט איינעם, נאָר צוויי גאָלדענבורגס. דעם ערשטן, דעם קינסטלער, וועלכער איז געוואָרן אַ גאָט אין מיינע אויגן, מיט וועלכן איך האָב מיר געפּילט איבערגליקלעך צו שפּילן טעאַטער מיט אים; דעם צווייטן — דעם מענטש. מיטן לעצטן גאָלדענבורג, האָב איך געמוזט זיך אַ סך מאָל דורכוואָרטלען, דאָך איז מיין רעספּעקט צו אים אַלס קינסטלער געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין קיינמאָל ניט געוואָרן ברוגז אויף אים. דערזעענדיק אים אויף דער בינע, האָב איך אין אַלץ פאַרגעסן. ניט איין מאָל האָב איך געטראַכט, ווען איך האָב באַוואונדערט אויף דער בינע: ווען ער וואָלט ניט פאַרמאָגט די צוויי חסרונות: 1) קאַרג־קייט און 2) ניט גלויבן קיינעם, וואָלט ער, אַלס קינסטלער, פון איעדן איינעם פאַרגעטערט געוואָרן.

סעמיועל גאָלדענבורג איז געווען דער איינציקער מיט וועמען מען האָט געשפּילט אויף דער פּראָווינץ, אַז מען זאָל מוזן צוגרייטן נאָך אַ פּיעסע אָדער צוויי (נאַטירלעך, פון זיין רעפּערטואַר), ווייל וואו מען האָט מיט אים געשפּילט, האָט מען געמוזט בלייבן אויף נאָך אַ וואָך, אַמווייניקסטנס פאַר אַ סוף־וואָך, צו שפּילן די צווייטע פּיעסע; און ווען מען האָט ניט געקענט בלייבן, האָט מען געמוזט פאַרזיכערן צו קומען צוריק, ווען מיר וועלן האָבן אַ פרייע וואָך. דער פאַרלאַנג צו זען גאָלדענבורגן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע — צוליב דעם, וואָס מען טאָר דאָרט ניט שפּילן זונטיק — אַנגעהויבן די פאַרשטעלונג צוועלף־איינס ביינאַכט. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, איז שוין באַלד ניט געווען קיין צייט ווען צו שלאָפן.

אחוץ זיין גרויסן טאַלאַנט און געזונטן פאַרשטאַנד פאַר דער בינע, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ געווויסן מאַגנעט, מיט וועלכן ער האָט ניט נאָר דעם עולם צוגעצויגן צו זיך, נאָר אפילו די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט מיט אים. אַזוי, אַמווייניקסטנס, האָב איך גע־פילט זייענדיק מיט אים אויף דער בינע. ווען ער האָט איינגעשטו־דירט מיטן אַקטיאָר אַ סצענע, איז זי געווען ווי איינגעוואַקסן, ווייל

ער האָט געוואוסט וואָס ער וויל, איז עס טאַקע אַלעמאָל אַרויסגעקו־מען גוט. איך האָב דאָס אַלע מאָל גלייך דערפילט, אַרונטערגייענ־דיק פון דער בינע. דער עולם האָט מיר דאָס געלאָזט וויסן, אָפטמאָל דורך אַ גרויסן אַפּלאָז. יאָ, גאָלדענבורג, האָט רעכט געהאַט, האָב איך ניט איין מאָל געזאָגט צו זיך אַליין.

גאָלדענבורג איז אַלעמאָל געווען הינטער דער בינע, און אַליין באַמערקט, און אַזוי שנעל ווי איך בין אַרונטער פון דער בינע, האָב איך אים באַלד אין אים דערקענט ווען מיין שפּיל איז געווען גוט. ער האָט שמייכלענדיק צו מיר געזאָגט:

— נו, ווער איז גערעכט?

— אַזוי גוט איז דאָס געווען?

— אַז איר וועט מיך פאָלגן, וועט אַלע מאָל זיין גוט.

ער האָט צו מיר גערעדט, ווי אַ טאַטע וואָלט גערעדט צו זיין קינד. האָב איך דעמאָלט אַ צופרידענער געשמייכלט, הנאה האָבנדיק פון זיין ערלעכער רעזשי.

נאָר דאַן ווען איך האָב געהאַנדלט מיט גאָלדענבורגן דעם קינסטלער, — האָב איך אים שטיל פאַרגעטערט.

***

דער נייער סעזאָן אין אידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעשטעלט, לײַדער, ניט קיין געראָטענער. באַלד די ערשטע וואָך האָט זיך דער נאַציאָנאַל־טעאַטער געשלאָסן. איך בין דעם סעזאָן געווען אַנגאַזשירט אין ליבערטי טעאַטער, אין ברוקלין. האָט ער זיך אויך געשלאָסן פיר וואָכן שפּעטער. ווען צוויי טעאַטערס האָבן זיך פאַרמאַכט, האָט עס געמיינט, אַז דרייסיק אַקטיאָרן זיינען געבליבן אָן פּרנסה. וואַרטן אויף דעם נייעם סעזאָן איז געווען אַביסל צו לאַנג, דאָך איז צו יענער צייט ניט אויסגעקומען צו וואַרטן אַזוי לאַנג, ווייל עס זיינען נאָך געווען די גרויסן אַקטיאָרן. וואָס האָבן זיך ניט געקענט דער־לויבן אָוועקצוזעצן מיט פאַרלייגטע הענט; האָט עס טאַקע לאַנג ניט גענומען, און סעמיועל גאָלדענבורג איז אַריינגעקומען פון פילאַ־דעלפיע מיט אַ נייער פּיעסע, און באַלד האָט מען פאַרהאַנדלט אויף צו עפענען דעם נאַציאָנאַל־טעאַטער.

די יוניאָן האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז גאָלדענבורג וויל מיך זען, בין איך געווען גליקלעך, ניט אַזוי פיל צוליב די פּאַרדינסטן, נאָר דער־פאַר, ווייל איך וועל ווידער שפּילן מיט אים. עפּעס אַ מאָדנער וואַרעמער געפיל האָט מיך אַרומגענומען. איך בין פאַרכישופט גע־וואָרן נאָר פון דעם געדאַנק, אַז איך וועל ווידער מיט אים שפּילן.

איך האָב אים געטראָפן זיצן אין אָפיס פון טעאַטער. ער האָט געשריבן, באַלד האָט ער דערפילט, אַז ער איז ניט אַליין, האָט ער אויפגעהויבן זיין שיינעם קאָפּ, מיך אָנגעקוקט און אביסל בייזערלעך צו מיר געזאָגט:

— טאַקע צוליב אייך זיין איך דאָ.

— צוליב מיר? וואָס מיינט איר, גאָלדענבורג?

— די ראָל, וואָס איר דאַרפט שפּילן אין דער פּיעסע...

— איז צו גרויס?

— איר הויבט שוין אָן?

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר זיצט דאָ צוליב מיר, פאַר־שטיי איך...

— ער פאַרשטייט שוין אויך! לאָזט מיר פריער אויסרעדן. איז דער פּיעסע קומט אייך אויס צו שפּילן נאָר אין איין אַקט.

— נו, איז וואָס?

— וויל איך אייך מאַכן וואַרט נאָר וואַרט, די ראָל וועט שוין באַלד זיין גרעסער ווי מיינע.

— איז וואָס, עס איז דאָך פאַר אַ גוטן אַקטיאָר.

— דערפאַר האָב איך דאָך געשיקט נאָך אייך.

— יאָ, ס׳איז טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס פאַר אַ ראָל דאָס איז.

— דאָס וועט איר שוין זען, ווען עס וועט פאַרטיק ווערן.

— איך בין שוין פאַרטיק. ווען איז פּראָבע?

— היינט, ניט שפּעטער ווי זיבן, לאָזט מיך ענדיקן, איידער זיי קומען זיך צוזאַמען.

— איך וועל זיין אין צייט.

אונטער ניט קיין גינסטיקע אומשטאַנדן, און אין זייער אַ קורצער צייט, איז דאָך אַרויסגעקומען אַ געלונגענע פאַרשטעלונג. דאָ בין

איך ווידער געוואָרן איבערצייגט, אַז נאָר אַזאַ קינסטלער ווי גאָלדענבורג האָט דאָס געקאָנט באַווייזן. און מיט דער גאַנצער באַגייסטערונג פון עולם, האָבן מיר מער ווי דריי וואָכן די פּיעסע ניט געקענט שפּילן, ניט אַזוי פיל צוליב די שלעכטע געשעפטן, ווי צוליב דער טעכנישער זייט פון דער בינע. מען האָט ניט געלאָזן — מיר זאָלן עקזיסטירן... גאָלדענבורג האָט דאָס ניט צוריקגעהאַלטן אויפצופירן אַ צווייטע פּיעסע, וועלכע האָט באַלד, בײַ דער ערשטער פאָרשטעלונג, זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג, ניט נאָר אַ מאָראַלישן, נאָר אויך אַ פינאַנציעלן. בין איך נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג אַוועק פון טעאַטער זייער אַ צופרידענער. ווען איך בין זונטיק געקומען אין טעאַטער, האָב איך געטראָפן גאָלדענבורגן אין דער לאַבי זיך אַרומדרייענדיק אַן אויפגערעגטן, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און אַ געשוואָלן פּנים. ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. עס האָט מיך אַזוי פאַרקלעמט, ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך מיך צעוויינט. וועמען צו פרעגן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען האָב איך ניט געהאַט, האָב איך צו זיך אַליין געטראַכט:

— ווער האָט געקאָנט האָבן דאָס האַרץ צו שלאָגן גאָלדענבורגן

— דעם גרויסן קינסטלער? און פאַר וואָס? ווי אַזוי געפינט מען דאָס אויס?

שפּעטער, ווען איך האָב דאָס אויסגעפונען, האָט דאָס אויף מיר אַזוי שלעכט געווירקט, אַז עס איז מיר פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט פון וועלן בלייבן אין טעאַטער. איך האָב אינסטינקטיוו דערפילט ווי מען שטייט לעבן מיר, און ווען איך האָב זיך אומגעקוקט האָט מען מיך געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך, דענק, וואָס זיי האָבן געטאָן צו גאָלדענבורגן?

— עס געפעלט מיר גאָרניט. ווען איר ווייסט, קאַלמאַנאָוויטש, ווי איך פיל איצט!

— איך האָב עס באַלד דערקענט אויף אייך. און פונקט איצט, ווען עס איז דאָ אַ דערפאָלג. יאָ, יאָ, אַזוי האָט געזאָגט איעדער איינער, וואָס איז נעכטן אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער.

— איך האָב דאָס אויך געפילט ביים שפּילן. איר ווייסט, ווען

ניט דער צופאַל, האָט איר, קאַלמאַנאָוויטש, אַ סך מזל צו גאָלדענ־בורגן. ער איז טאַקע זייער גוט אין דער ראָל! ער שפּילט אַ פיינעם טאָטן.

— און וואָס פעלט אייך?

— וואָס מיינט איר? איך רעד דאָך פון גאָלדענבורגן!

— ווייל איך טאַקע, אַז איר זאָלט וויסן, ווען איך בין פרייטאָג, נאָך דעם ערשטן אַקט, אַריין צו אים אין „דרעסינג־רום", איז באַלד אַריינגעקומען גוטאַ, זיין פרוי. ווייסט איר, וואָס זי האָט צו אים געזאָגט?

— וואָס?

— אַז איר זענט וואונדערבאַר אין אייער ראָל. האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט דאָס געזען ביי פראַבע, ווי גוט איר וועט זיין.

— איז וואָס טויג דאָס, אַז מען לאָזט ניט לעבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען, אַז מען זאָל ניט גיין אין געריכט. דאָ האָבן זיך שוין ביידע יוניאָנס געאַמפּערט, ווער עס איז גערעכט, און ווען אַלץ איז געשליכטעט געוואָרן, זיינען מיר געווען אַזוי שטאַרק פאַרביטערט, אַז עס האָט אונדז ניט אָנגעהויבן צו אַרן, ווען מען האָט פאַרמאַכט דאָס טעאַטער.

***

אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח האָט מיך מילטאָן וויינטרויב אָפּגע־שטעלט אין דער ראָיאַל קאַפע, און מיר שטיל געפרעגט:

— מר. דענק, גאָלדענבורג וויל וויסן, אויב איר וועט פאָרן מיט אים?

— גאָלדענבורג פאָרט. וואו אין וועלן?

— די גאַנצע וואָך פּסח שפּילט ער אין מאָנטרעאָל.

— איך וועל מיט אים זיכער פאָרן, אויב איך וועל זיין אָנאָנ־טירט דער ערשטער, נאָך אים, פאַרשטייט זיך.

— דאָס אַליין, וואָס איר פאַרלאַנגט?

— ניט מער. דאָס איבעריקע וועט שוין די יוניאָן פאַרזאָרגן. אַזוי ווייניק האָבן מיר אינטערעסירט אַלע אַנדערע אָפּמאַכן, ווייל

איך האָב געוואָלט שפּילן מיט גאָלדענבורגן. אין דער יוניאָן האָב איך שוין אַליין אויסגעפונען, אַז די טרופּע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן קאָאָפּעראַטיוו, און אַז גאָלדענבורג נעמט פּראָצענטן פון דער גרויס-איינגאַמע, דערפאַר אָבער, גאַראַנטירט ער אַ מינימום גאַזשע דער טרופּע, וועלכע דאַרף קריגן שכירות יעדע וואָך. דעם כבוד צו זיין דער דעלעגאַט פון דער יוניאָן אין דער טרופּע, האָט מען מיר צוגעטיילט. האָב איך שוין באַדאַרפט ווערן אַ דיפּלאָמאַט אויך. האַנדלען אַזוי, אַז בײדע צדדים זאָלן זיין צופרידן, — אַ מיסיע וואָס איז מיר ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווייל ווער עס קאָן אַקטיאָרן, און איבערהויפּט גאָלדענבורגן, ווען עס איז געקומען צו געלט..

— „אונדזערע פאַמיליען-לעבנס״, פון הערי קאַלמאַנאָוויטש, איז געווען די פּיעסע וואָס גאָלדענבורג האָט אויפגעפירט. דער קריטי־קער פון „קענעדער אָדלער״ האָט געלויבט די פּיעסע.

אין די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר זיינען געווען אויף דער פּראָ־ווינץ, האָבן מיר אַריינגענומען אין רעפּערטואַר נאָך דריי פּיעסן. דאָס האָט געמיינט זייער אַ סך אַרבעט פאַר דער טרופּע — אַרומ־פאָרן און מאַכן אַ יעדן טאָג וואו מען קומט פּראָבע.

די פּיעסע מיט וועלכער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן האָבן מיר גע־שפּילט אויסנווייניק. דאָס מיינט: אָן אַ סופלאָר. און ווען מיר האָבן אין איין שטאָט געמאַכט ביי־טאָג פּראָבע, האָט דער פאַרוואַל־טער פון טעאַטער, אונדז באַטראַכט מיט אַ קריטישן בליק, — עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער וואונדערט זיך וואָס מיר דאַרפן באַלד שפּילן, און מיר מאַכן ערשט פּראָבע. ער איז אַרומגעגאַנגען אַביסל צעטומלט, טראַכטנדיק: שוין ווידער געקומען אָפּנאַרן... די אמתע „עקטערס״, מען מאַכט ערשט פּראָבע, און דאָ איז דאָס טעאַטער אויס־פאַרקויפט! נאָר אַזוי ווי ער האָט גאָרניט געקענט טאָן, האָט ער פאַרביסן די ליפּן און — געשוויגן. אין אָוונט, ווען דער עולם איז אים באַפאַלן מיט קאָמפּלימענטן, פאַר דער גוטער טרופּע, וואָס ער האָט געבראַכט, און וואָס פאַר אַ פיינע פּיעסע מען שפּילט, האָט ער, שמייכלענדיק, צו זיי געזאָגט:

— דערפאַר איז דאָך גאָלדענבורג אַזאַ גרויסער אַקטיאָר! איר וועט זיכער ניט גלויבן, אַז זיי האָבן ערשט היינט געמאַכט פּראָבע,

און שוין קאָנען אַלע די ראָלן אויף אויסנווייניק. דאָס הייסט קינסטלער:

דער טור האָט זיך פאַרענדיקט אין מעקינלי סקווער טעאַטער. מיר האָבן נאָך באַדאַרפט אָפּשפּילן אַ ספּעציעלע געזעגענונגס־פאָר־שטעלונג מאַנטיק, און עס האָט געדאַרפט געשפּילט ווערן „סאַנין". דאָס האָט געמיינט, אַז די וואָך האָט זיך אָפיציעל פאַרענדיקט זונ־טיק. האָבן די אַקטיאָרן געוואוסט, אַז נאָכן ערשטן אַקט, דאַרפן זיי קריגן גאַזשע. אויף דעם האָבן מיר געהאַט מאַקס קרעשאָווער, וועל־כער איז געווען אונדזער געשעפטס־פאַרוואַלטער. מיר הויבן שוין באַלד אָן שפּילן דעם צווייטן אַקט, און ער איז ניטאָ. האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ווען מען האָט שוין גע־האַלטן אין שפּילן, קומט ער צו, און זאָגט צו מיר זייער שטיל:

— דאַכט זיך, אַז מיר וועלן האָבן אַביסל „טראַבל".

— פאַר וואָס?

— גאָלדענבורג האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל היינט קיינעם ניט געבן קיין געלט.

— וואָס איז די אורזאַך?

— ווען איך האָב אים דערלאַנגט דעם „סטעיטמענט", קומט אים אויס צוצוטראָגן אַ פּאָר דאָלאַר.

— פון זיין קעשענע?

— ניין. דאָס מיינט, אַז ער וועט האָבן ווייניקער אַ פּאָר דאָלאַר.

— איז וואָס וויל ער?

— מען זאָל וואַרטן ביז מאָרגן.

— פון ווען אָן איז אַכט טעג אַ וואָך? איך ווייס נאָר פון זיבן.

— קענסט דאָך אים...

— יאָ, איך ווייס, אָבער וואָס האָט די מאָרגנדיקע פאַרשטעלונג צו טאָן מיט היינט? אַלס מענטש, ווייזט אויס, האָט אפילו דער אי־בערשטער אויך ניט געביטן זיין כאַראַקטער.

— איז וואָס זאָל איך טאָן?

— אויסצאָלן אַלעמען היינט.

— ווי אַזוי קען איך?

— וואָס מיינסטו?

— אויב ער וויל ניט, וועט דאָך מיר אויספּעלן געלט.

— איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט אַלעמען אויסצאָלן, און מיר ביידע וועלן וואַרטן ביז מאָרגן.

פאַר דער געדעכטער האַנדלונג צו דער טרופּע, איז גאָלדענבורג ברוגז געוואָרן, האָט אַרויסגענומען זיינע קליידער, און האָט די לעצטע מינוט געלאָזט וויסן, אַז ער קומט ניט שפּילן „פּאַנין". האָבן מיר געשפּילט אָן אים, און דערפאַר איז ער מיט מיר געווען ברוגז גאַנצע אַכט יאָר.

אין יאָר 1945 בין איך געווען אַנגאַזשירט אין פּאַבליק טעאַטער. אין דער טרופּע האָבן זיך געפונען 9 מענער. צו אַ ספּעציעלער פאָר־שטעלונג, פאַרן רעדאַקטאָר פון טעאַטער־לעקסיקאָן, איז גאָלדענבורג געקומען שפּילן אַן איינאַקטער. „אַ מאַן בלייבט אַ מאַן", האָט ער נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אים שפּילן.

ביי דער ערשטער פּראָבע, ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט ער אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר, ביז ער האָט אַ זאָג־געטאָן צו מיר:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב געקענט אויסקלייבן וועמען איך האָב געוואָלט. פאַר דער ראָלע, זענט איר, אָבער, דער פּאַסנדס־טער, פאַרגעס איך וואָס עס איז געווען, ווייל אַ פאָרשטעלונג דאַרף דערפון ניט ליידן.

— איך וועל אָבער ניט קענען שפּילן, אויב איר האַלט אָן אייער ברוגז מיט מיר.

— ווער איז ברוגז? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר האָט אַזוי געמוזט האַנדלען.

— זיינען מיר, הייסט דאָס, ניט ברוגז?

— אַלאַ, וואָס וויל ער פון מיר? איר וועט מאַכן פּראָבע?

— דערפאַר בין איך דאָך געקומען.

איך בין געווען איבערגליקלעך, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ צופאַל. דער איינאַקטער איז געווען וואונדערבאַר געשפּילט. מיר האָבן זיך איבערגעבעטן און ווידער געשפּילט מיט גאָלדענבורגן. אָבער, ליידער, איז דאָס געווען דאָס לעצטע מאָל. אַ יאָר שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן אויף דער בינע, אין פאַרקווער טעאַטער. האָט

מען אים צוגענומען אין שפּיטאָל און דאָרט האָט ער, אין זייער אַ קורצער צייט, פאַרענדיקט זיין לעבן. די טרויעריקע נייס האָט שלעכט געווירקט אויף מיר. אַ סך האָבן זיך אפילו געוואונדערט, פאַר וואָס איך האָב געוויינט... פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך זיך ניט גע־קענט באַרואיקן...

אַ יאָר שפּעטער, בין איך צוזאַמען מיט זיין ברודער אַהיים גע־פאָרן פון בית־עולם, וואו מען האָט אויפגעדעקט זיין מצבה. דער ברודער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן, ווען ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מיין סיאָמאַ, האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַרן טעאַטער. און פון אַלע אַקטיאָרן, זייט איר געווען דער איינציקער היינט, ביים אויפדעקן זיין מצבה. האָט זיך דאָס געלוינט?

— עס איז געווען אַ היפּשער עולם.

— אַלע פּריוואַטע פריינט. ווייזט אויס, אַז אין טעאַטער האָט מען אים פאַרגעסן.

— ניט איך. און איך וויל, אַז איר זאָלט דאָס וויסן, אַז איך וועל אים קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

— יאָ, ער האָט געהאַט אַן אמתן פריינט אין אייך.

— אַרטיסטיש האָב איך אים זייער גוט פאַרשטאַנען... ביי מיר איז ער געווען, און פאַרבליבן, דער גרעסטער אידישער אַקטיאָר.

דזשוליוס נאַטאַנסאָן

פאַרשיידענע שטערן זיינען געווען אין אידישן טעאַטער: די וועמען דער עולם האָט אָנערקענט און זיינען במעט געווען וועלט־באַרימט, זיינען געווען ערשטע קלאַס. די, וועמען די פּראָפּעסיע האָט צוליב אומשטענדן „געמאַכט", זיינען געווען פון צווייטן קלאַס. און די וועלכע האָבן זיך אַליין פּראָקלאַמירט, און זייער ליכט איז אויס־געגאַנגען נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט צו שיינען, די האָבן געהערט צום דריטן קלאַס. די לעצטע יאָרן האָבן זיי — די דריטע־קלאַסניקעס, — אַרויסגעשפּראָצט, ווי שוועמלעך הינטער אַ בוים.

ס'איז טאַקע אַ סברא, אַז צוליב זיי איז אַזוי פאַרפינצטערט געוואָרן דאָס אידישע טעאַטער: עס איז מער ניט געבליבן קיין אַקטיאָרן, נאָר אויסגעלאָשענע שטערן.

גאַנץ אַנדערש איז עס געווען מיט דעם ניט לאַנג־פאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר, דזשוליוס נאַטאַנסאָן. דורך אַ צופאַל איז מיר אויסגעקומען מיט אים צו שפּילן. דאָס איז געווען אין 1929, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין ניו־יאָרק, אַז אין שיקאַגאָ וועט

זיך עפֿענען אַ נייער טעאַטער דעם קומענדן סעזאָן. מען האָט דער־מאָלט שפּעקולירט אויב דער לאַנג־יאָריקער „גליקמאַנס פּאַלאַס־טע־אַטער״ וועט זיך אין גאַנצן עפֿענען, ווייל עס איז שוין לאַנג נאָכן סעזאָן, און מ׳האָט נאָך גליקמאַנען ניט געזען אין דער ראָיאַל קאַפֿע, וואו די טעאַטער בירזשע איז געווען פֿאַר אַ סך יאָרן.

כמעט אַלע אין דער „פּראָפֿעסיע״ האָבן געוואוסט, אַז ווען עס פֿלעגט זיך פֿאַרענדיקן דער סעזאָן, פֿלעגט עליאַס פּ. גליקמאַן אַריינ־קומען קיין ניו־יאָרק, זיין דאָ אַ גאַנצן זומער, צוזאַמענשטעלן אַ גוטע פּאַסנדע טרופּע, איינהאַנדלען די נייסטע פּיעסן, און ביז ער איז ניט געווען מיט אַלץ פֿאַרזאָרגט האָט ער זיך ניט צוריקגעקערט.

איז טאַקע פֿאַר יאָרן לאַנג „גליקמאַנס פּאַלאַס־טעאַטער״ געווען אַ זיכערע אינסטיטוציע, וואו מען האָט געשפּילט פֿולע 36 וואָכן אַ סעזאָן, און הערנאָך פֿלעגן דאָרט אַריינקומען אַלע גרויסע ניו־יאָרקער „אַטראַקציעס״.

ביי אַלע טישלעך אין דער ראָיאַל קאַפֿע איז מען שוין געווען זיכער, אַז מער ווי איין טעאַטער וועט אין שיקאַגאָ ניט זיין, און דאָס, נאַטירלעך, איז דער נייער טעאַטער, וועלכער האָט שוין די בעסטע אַקטיאָרן, און עס איז אַ סברא, אַז פֿאַר גליקמאַנען איז שוין גאָר ניט געבליבן. איינער, וועלכער איז געזעסן ביי מיין טיש, האָט מיט זיכערקייט באַמערקט:

— געוויס וועט מער ווי איין טעאַטער אין שיקאַגאָ ניט זיין: דאָס נייע טעאַטער. אַ באַווייז — אַז גליקמאַן האָט זיך די גאַנצע צייט ניט געוויזן אין דער ראָיאַל.

— ווער ווייסט, אויב ער וועט אין גאַנצן קומען דאָס יאָר.

אַזוי שנעל ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט זיך גליקמאַן באַוויזן אויף דער טיר פֿון דער ראָיאַל קאַפֿע. איך בין געווען דער ערשטער אים צו דערזען, האָב איך צו זיי באַלד געזאָגט:

— דרייט אייך איצט ניט אויס, ער שטייט אויף דער טיר, ער זוכט געווים וועמען...

— אפשר דאַרף ער מר. גוסקינען?

צו יענער צייט שוין, נאָך ניט זייענדיק אין דער יוניאָן, האָב איך שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון פֿאַרשיידענע מענעדזשערס, אָבער

קיינער פון זיי איז נישט געווען אַזוי קאַליבּער, ווי גליקמאַן. כאָטש ער איז תמיד געווען דערפאָלגרייך אין זיינע אונטערנעמונגען, האָט ער אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין צלם אלוהים. געווען אַלע מאָל אַ פריינט צו אַקטיאָרן.

דוד דענק, אַלס דער פּאַשאַ, אין גאָלדענעם רינגעלע.

ער האָט זיין טעאַטער געפירט מיט דער פינקטלעכקייט פון אַ גענייטן געשעפטסמאַן, און — האָט מאָראַליש, ווי אויך פינאַנציעל, געהאַט אַ סך מזל. אַלע אָנגעשטעלטע אין גליקמאַנס טעאַטער האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. גליקמאַן האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין מענטשן. פון דעם בילעטן־פאַרקויפער ביזן ראָלן־

שרייבער האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען באַזאָרגט מיט פּרנסה אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן דאָרט זיין.

די גרעסטע אידישע אַקטיאָרן: יעקב פּ. אַדלער, דוד קעסלער, באָריס טאָמאַשעפסקי, מאָריס מאָריסאָן, בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין, האָבן געשפּילט פאַר גליקמאַנען. און — מיטאַמאָל אויס! ווי איז דאָס מעגלעך?

נאָך יענעם אָוונט, האָב איך אים שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן אין דער ראָיאַל קאַפע, באַמערקנדיק ווי ער „מעסט מיך אָפּ"... דעם איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר איצט געמאַכט איז, אַז דעם סעזאָן וועט שוין גליקמאַן זיין טעאַטער ניט עפענען. אַי, וואָס מעסט ער מיך אַזוי אָפּ, ווען ער באַגעגנט מיך? — מיינט דאָס אויך גאָרניט! אַ מענטש האָט אויגן — קוקט ער!...

***

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט זיך דזשוליוס נאַטאַנסאָן באַוויזן אין דער ראָיאַל, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ביז ער האָט מיך דערזען, איז ער צוגעקומען צו מיין טיש, האָט מיך גוט באַטראַכט, און געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר, דענק?

— אָט ווי איר זעט, איך טרינק קאַפע.

— איר זענט שוין פאַרנומען?

— דערוויילע נאָך ניט...

— האָב איך אייך אויפן צעטל.

— איר האָט אַ טעאַטער?

— ניין, איך שטעל צוזאַמען אַ קאָמפּאַניע פאַר יענעם.

— פאַר יענעם, מעג איך וויסן פאַר וועמען?

— פאַר גליקמאַנען.

— וואָס מיינט איר, מר. נאַטאַנסאָן?

— אַזוי ווי ער איז שוין אַוועקגעפאָרן, האָט ער פאַר מיר איבערגעלאָזן דאָס צעטל, איז אייער נאָמען אויך דאָ. ווילט איר, מאַכן מיר גלייך אָפּ.

אַזוי שנעל ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט, האָט ער זיך ווידער אַרומ-

געקוקט, געטאָן אַ פינטל מיט די אויגן, און צו מיר געזאָגט:

— נאָך איין מענטש זוך איך, בין איך פאַרטיק מיטן צעטל, און איר גייט בעסער אַהיים, גרייט אייך צו צום פאָרן. מיר דאַרפֿן דאָרט זיין אין צייט. זאָל זיין מיט מזל, דענק, מיר וועלן זיך זען ביים „סטעישאָן".

מיט פיבער האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט, ווי נאָר מיר זיינען אַריין אין טעאַטער. מען האָט געמוזט פאַרטיק ווערן אין צייט. האָט מען צוליב דעם פאַרבויגן אַלע „רולס און רעגולעישאָנס" פון דער יוניאָן, און מיר זיינען געווען באַשעפטיקט טאָג און נאַכט, אַניאָגן, אַז די פאַרשטעלונג זאָל זיין פאַרטיק פאַרן אָונט, ווען דאָס נייע טעאַטער וועט זיך עפענען. איך ד אָ ס האָבן מיר באַוויזן. נאָר ווען איך בין אַרויפגעקומען פון דעם גאַרדעראָב-צימער, וועלכן איך האָב געטיילט זיך מיט מיכל ראָזענבערג, זיינען שוין אַלע געשטאַנען ווי דערשראָקענע שעפסעלעך. די מורא איז ניט געווען פאַרן גרויסן עולם, וואָס איז דעם אָוונט געווען אין טעאַטער, נאָר פאַר דאָרט — וואו די גרויסע אָנערקענטע אַקטיאָרן זיינען געווען. אין דעם איז געלעגן אונדזער דערפאָלג, און מיר האָבן דעם עולם געגעבן אַ גוטע פאָרשטעלונג.

אַ סך געהאָלפן צו דעם האָט גליקמאַן. ער האָט פּרובירט יעדן געבן מוט, האָט יעדן צוגעטראָגן אַ פריינטלעכן שמייכל, אַ גוט וואָרט. נעבן מיר האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט, מיך באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, צי ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות, ביז ער האָט שטיל געזאָגט:

— שיין, זייער שיין! פיל זיך ניט פרעמד, ווי ביי זיך אין דער היים. איך בין זיכער, אַז איר וועט אַלע מאַכן דערפאָלג.

די פאַרשטעלונג איז געווען אַ גוטע, — און דאָס האָט זיך באַלד צעשפּרייט איבער דער שטאָט. איבער נאַכט זיינען מיר געוואָרן דער געשפּרעך פון טאָג. די רעצענזיעס זיינען געווען גוטע.

דזשוליוס נאַטאַנסאָן איז נאָך ניט געווען צופרידן. ער האָט זיך גלייך גענומען צוגרייטן אַ צווייטע פּיעסע. ווען ער האָט ביי דער ערשטער פראָבע צעטיילט די ראָלן, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו וואָלף גאָלדפאַדען און צו מיר, זאָגנדיק זייער שטיל:

— קומט, איך וויל אייך ביידן זען ביי מיר אין גאַרדעראָב-צימער.

מיר האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט, און גענומען אים נאָכגיין. אַריינקומענדיק אין זיין גאַרדעראָב-צימער, האָט ער צו אונדז, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— ווייסט איר, וואָס איך האָב אייך גערופן? אין דער פּיעסע וואָס איך גיי איצט אויפפירן, זיינען אַלע ראָלן גוטע, נאָר איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז די ערשטע פּיעסע האָב איך געשטעלט פאַר זיך, איך האָב דאָך באַדאַרפט וויין דעם עולם מ י י ן וויזיטקאַרטל. איצט וויל איך זיי ווייזן, וואָס פאַר אַ גוטע טרופּע מיר האָבן, אַז דאָ שפּילן גוטע אַקטיאָרן, דערפאַר שטעל איך אַוועק אַט־די פּיעסע „דאָס גאָלדענע רינגעלע". איז דאָ פאַראַן צוויי גלייכע ראָלן: איינער פון אייך דאַרף שפּילן אַן אַלטן פאַטריאַרך און דער צווייטער דאַרף שפּילן דעם פּאַשאַ, וועלכער איז דער יונגער. וויל איך, אַז איר זאָלט זיך ביידע איינטיילן מיט די צוויי ראָלן.

— מר. נאַטאַנסאָן! איר האַנדלט דאָך שוין בעסער ווי אין קונסט־טעאַטער. דאָרט האָב איך געמוזט שפּילן וואָס מען האָט מיר געגעבן. איז פאַרשטענדלעך, אַז איך וועל שפּילן דעם אַלטן, ווייל פאַר מר. דענקן פּאַסט זיך בעסער דער פּאַשאַ, האָט גאָלדפאַדען געזאָגט.

— בין איך צופרידן. נאַט אייך די ראָלן, און ווייזט וואָס איר קענט.

דזשוליוס נאַטאַנסאָן האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס אַמביציע, עכטקייט און איבערצייגונג, אַז מיט ערנסטקייט קען מען אפילו די לייכטע מוזיקאַלישע פּיעסן אויך שפּילן גוט. נאָך מער איז מיר געפעלן, ווי ער איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען אָן הקדמות צו איעדער זאַך, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגענעם איך. גלייך ביי די ערשטע פּראָבן האָט ער אונדז געלאָזט וויסן: הערט מיך אויף צו מיסטערן! מר. נאַטאַנסאָן! ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— ווען איר ווייסט, ווי אַזוי מען האָט מיך גערופן, וואָלט איר אויך געלאַכט: י ו ל י ו ס ח נ י נ א, ניט מיסטער.

אַלע האָבן געשמייכלט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין לעבן

איז ער געווען פונקט אזא זיסער בחור, ווי דער נאמען פון דער ערשטער פיעסע.

די צווייטע אויפפירונג איז געווען נאך א גרעסערער דערפאלג. האבן זיך טאקע אונדזערע קאנקורענטן דערשראקן. און וואלטן מיר פארמאגט די בענעפיטן, וואס זיי האבן אנהויב סעזאן אוועקגענומען, וואלטן מיר זיכער ארויס די זיגער. דאס האט באוויזן די לעצטע אויפפירונג, ווייל גאנץ שיקאגא האט איצט גערעדט פון דזשוליוס נאטאנסאן.

צו גליקמאנס פריינטשאפט צו דער טרופע, און, איבערהויפט, צו דזשוליוס נאטאנסאן איז איצט קיין גרענעץ ניט געווען. ער האט פשוט ניט געוואוסט, ווי אזוי אים אפצודאנקען. פלעגט ער יעדן שבת, נאך דער בייטאגיקער פארשטעלונג, קומען אין טעאטער און ווארטן ביז מיר זיינען פארטיק געווארן, און מיר פלעגן מוזן מיט אים גיין אין א רומענישן רעסטאראן, וואו מיר האבן פארבראכט, ביי א גרויסן געדעקטן טיש, האבנדיק די בעסטע פאטראוועס, ביז מיר זיינען צוריק געגאנגען אין טעאטער. עס איז ניט שווער געווען צו דערקענען, אז דזשוליוס נאטאנסאן איז איצט אין זיינע אויגן געווען אפילו גרעסער פון די אלע גרויסע, וואס האבן אמאל פאר אים געשפילט.

א באזונדערע הנאה האט גליקמאן געהאט וואס אין זיין טרופע זיינען דא פילע יונגע ניט־יוניאן אקטיארן: בנימין פישביין, גויר־טרוד וויניג, מיכל ראזענבערג, מאטילדא גליקמאן און דוד דענק.

דזשוליוס נאטאנסאן האט זיך אבער מיט אלעמען גערעכנט, און יעדן געגעבן א געלעגנהייט. האבן אים אלע רעספעקטירט און ליב געהאט פאר זיין מענטשלעכער האנדלונג, און אים געהאלפן צו מאכן דעם גרויסן דערפאלג. דער לייבט־שפילעוודיקער אקטיאר האט זיך ביי אלעמען באליבט געמאכט. ניט קענענדיק מער ווי אפזינגען א לידל און א טענצל, האט מען אים דאך ניט געקענט אריינרעכענען אין צווייטן קלאס, ווייל זיין פארנעם, זיין ערלעכע ארבעט, זיין איבער־געבנקייט אויפצוהאלטן דעם כבוד פון טעאטער. האט אים געמוזט שטעלן אין די רייען פון די ערשטע, וועלכע פארטרעטן דאס אידישע טעאטער.

דזשוליוס נאַטאַנסאָן איז קיינמאָל ניט פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם דערפאָלג, וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלות, און האָט דאָך געזען די צוקונפט מיט אָפענע אויגן. ניט איין מאָל האָט ער צו מיר געזאָגט:

— און וואָס ווייטער?

— וואָס מיינט איר, וואָס ווייטער?

— איך האָב שוין דאָ אויך געמאַכט „סוקסעס".

— איז דאָך גוט.

— און וואו גייט מען ווייטער?

— איר זאָלט אַזוי רעדן? פאַר אייך איז דאָך אָפן די גאַנצע וועלט!

— זייער אַ קליינע וועלט, מיין פריינט.

עליאַס פ. גליקמאַן איז ניט נאָר געווען אַ גוטער מענעדזשער, נאָר אויך אַ פיינער אַקטיאָר. דאָס האָט ער אונדז באַוויזן ביי דער ספּעציעלער פאָרשטעלונג, וואָס מען האָט געמאַכט אין זיין כבוד וועגן. ער אַליין האָט דעם אָוונט געשפּילט זיין גרויסן סוקסעס, „שלמהקע שאַרלאַטאַן". פון יעקב גאָרדין. דאָס מאָל האָבן מיר זיך אַלע איבערצייגט, וואָס דער נאָמען גליקמאַן האָט געמיינט אין שיקאַגאָ: אַלס מענטש, אַלס מענעדזשער, און אַלס אַקטיאָר. אַזאַ יום-טוב, מיט אַזוי פיל פרייד, מיט אַזעלכע אָוואַציעס, געדענק איך ניט פאַר אַ וועלכן גרויסן אַקטיאָר מען האָט דאָס געמאַכט. ווי פאַר־שכורטע פון גליק זיינען אַלע געווען. און דאָך זיינען מיר געווען געצוואונגען צו פאַרמאַכן דעם „גליקמאַנס פאַלאַס-טעאַטער".

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט מען זיך באַדאַרפט מיט אַלע־מען געזעגענען. דאָס שווערסטע איז געווען מיט דזשוליוס נאַטאַנ־סאָנען. ביי דער באַן זיינען געווען אַזוי מענטשן, אַז ער האָט מער ניט געקענט שמייכלען, און האָט געמוזט אָפּווישן אַ טרער. דער־פאַר האָט מען שוין מער גליקמאַנען אין ניו-יאָרק ניט געזען. אויף אייביק איז פאַרמאַכט געוואָרן דער „גליקמאַנס פאַלאַס-טעאַטער".

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס דזשוליוס נאַטאַנסאָן האָט געמיינט אַלס אַ פריינט. אפילו שפּעטער האָט ער מיך ניט איין מאָל אָפּגעזוכט און צוגעשאַרט אַ פאַרדינסטל. ווען איך בין שוין געווען

אין דער יוניאָן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איך האָב איבערגענומען אַ טעאַטער, האָט ער מיך אָפּגעזוכט, מיך אַהיים גענומען צו זיך, און מיר געגעבן פאַרשיידענע פּיעסן:

— אייך, דענק, וועלן די פּיעסן גוט צונוץ קומען, ביי מיר וועלן זיי בלויז ליגן, די הויפּט־ראָלן אין זיי איז פאַר אייך.

— אַ שיינעם דאַנק אייך.

— נעמט דאָס אַלעס, פאָרט געזונט און מאַכט „סוקסעס".

— נאַטאַנסאָן, איר שרעקט מיך אַביסל.

— מיט וואָס?

— איר געדענקט, וואָס איר האָט מיר אין שיקאַגאָ געזאָגט?

— וואָס האָב איך אייך געקענט זאָגן?

— דערמאָנט אייך, נאָך דעם גרויסן דערפאָלג וואָס איר האָט דאָרט געמאַכט.

— איר מיינט מיט דער גרויסער הילף פון אַלעמען, איז וואָס האָב האָב איך אייך געקענט זאָגן?

— נאָך דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג, וואָס איר האָט דאָרט געהאַט, האָט איר געפרעגט: „און וואָס ווייטער"?

— מיין פריינט, איך האָב געוואוסט וואָס איך פרעג.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, און דזשוליוס נאַטאַנסאָן האָט זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. עס איז אים אַוועק זייער גוט אין אַן אַנטיק־געשעפט. ער האָט אָבער פאַרלוירן זיין איינציקע טאָכטער, האָט ער זיך אַרויסגעצויגן אין „דעכערט האָט ספרינגס", קאַליפאָרניע. ער האָט אָבער דעם קלאַפּ ניט געקענט אַריבערטראָגן. אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן צוויי אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן פון אידישן טעאַטער. אַזעלכע האָבן מיר ניט מער. איך באַדויער דעם גרויסן פאַרלוסט פון די געפאַלענע שטערן.

מאַקס געביל

אין נײַנצן הונדערט פֿיר-און-פֿינף-און-צוואַנציק, איז אין אידישן טעאַטער געווען אַ גרויס געריטעניש. די צען טעאַטערס, וואָס האָבן זיך אויפגעמאַכט, זײַנען אַלע געווען פֿאַרנומען מיט הונדערט-פּראָצענטיקע יוניאָן-טרופּעס, און ווען מ'האָט שוין אַרײַנגעשפּילט אַ זעקס וואָכן אין סעזאָן, איז שוין געווען אַפילו איבעריק צו טראַכטן,

וואו איך וועל דעם סעזאָן זײַן באַשעפֿטיקט. אַפילו פֿאַר דער פּראָווינץ, איז שוין אויך געווען צו שפּעט.

מ'זאָגט, אַז פֿרעמדע דאגות נעמען ניט אַוועק דעם שלאָף. אָבער מיט אייגענע דאגות האָב איך אַ גאַנצע נאַכט מיט אַן אויג ניט געקאָנט צומאַכן. הערפֿאַר בין איך אין אַ זונטיק אויפגעשטאַנען זייער פֿרי און אַזוי שנעל ווי איך האָב אויף זיך אַרויפגעכאַפּט די

קליידער, האָב איך אויפן טיש געטראָפן אַ אידישע צייטונג, מיט דער אָפענער זייט פון די טעאַטער רעקלאַמען, און געזען, וואָס מ׳שפּילט אין די אידישע טעאַטערס:

אידישער קונסט טעאַטער — „שדים וויסן וואָס״.
אווירווינג פּלעים טעאַטער — אייביקע נאַראָנים״.
אונזער טעאַטער — „טאָג און נאַכט״.
לענאָקס טעאַטער — „ווילדע ליבע״.
פּראָספּעקט טעאַטער — „איר פאַרגאַנגענהייט״.
ליבערטי טעאַטער — „אַליין אין דער וועלט״.
זילבערט טעאַטער — „אַ גרוס פון דער היים״.
קעסלער טעאַטער — „ציפּקע״.
נעשאַנאַל טעאַטער — „קאַווקאַזער ליבע״.
געבילס פּיפּעלס טעאַטער — „שטאָל און אייזן״.

אין דער צייט, וואָס איך האָב קוקנדיק אין דער צייטונג געטראַכט, אַזוי פיל טעאַטערס און איך מוז זיין אין דער היים, נאָר דערפאַר ווייל מ׳וויל ניט אַריינגעמען קיין יונגע אין דער יוניאָן, האָב איך דעם ערשטן קלאַפּ אין מיין טיר ניט געהערט. ערשט ביים צווייטן, וועלכער איז געווען פיל שטאַרקער, האָב איך געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— איז מר. דענק דאָ? — האָט אַ שטימע געפרעגט פון דער אַנדערער זייט טיר.

— דאָ בין איך, הערי, — האָב איך געזאָגט, אַזוי שנעל ווי איך האָב אויפגעמאַכט.

— קומט אין טעאַטער. מר. געביל וויל אייך זען.

— ווען זאָל איך דאָרט זיין?

— היינט, נאָך פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג.

— גוט, איך וועל דאָרט זיין.

ווען ער איז אַוועק, האָב איך פאַרמאַכט די טיר, טראַכטנדיק: וואָס דאַרף ער מיך? ער האָט דאָך אַ גאַנצע טרופּע. שוין די זעקסטע וואָך, ווי זיי שפּילן די זעלבע פּיעסע. — בלייבנדיק שטיין ביים טיש, האָב איך ווידער אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, צו מאַכן זיכער וואָס מ׳שפּילט.

— יאָ, „שטאָל און אייזן". איז צו וואָס קאָן ער מיך דאַרפֿן?

— אָבער צוגיין וועל איך.

איך האָב געוואוסט, אַז פֿאַר אונדז, ניט־יוניאָן אַקטיאָרן, זיינען אַלע טירן פֿון די טעאַטערס פֿאַרמאַכט, איבערהויפּט אין ניו־יאָרק. איז מיין נייגעריקייט נאָך געווען גרעסער צו וויסן, וואָס דאַרף מיך געביל? ביי אים איז דאָ אַ הונדערט פּראָצענטיקע יוניאָן קאָמפּאַני, אַנדערע טעאַטערס האָבן אַפילו געהאַט מער מענטשן וויפל זיי האָבן באַדאַרפֿט... און צו יענער צייט, אויב ס'איז אַפילו געבליבן אַ פּאָר אַקטיאָרן אין דער יוניאָן, זיי האָט מען שוין אַפילו ניט געקאָנט אַריינשיקן, ווי די מאָדע איז דאַן געווען. ס'איז אָבער געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז ביידע צדדים זיינען געווען צופֿרידן. דער מענעדזשער פֿון טעאַטער און די יוניאָן. ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז דער טעאַטער דאַרף האָבן זעכצן אָדער אַכצן אַקטיאָרן, האָט מען באַלד געלאָזט וויסן דעם מענעדזשער, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן ניט צוויי ווייניקער. דאָס האָט געמאַכט אַן אָפֿענע טיר פֿאַר דעם פּאַרטרעטשער פֿון דער יוניאָן, וועלכער האָט שוין געקאָנט אַריינשיקן צוויי מענטשן פֿאַר דעם פּרייז פֿון איינעם... ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר צוויי טובֿות: געשפּאָרט דעם מענעדזשער אַ מענטשן, דאָס האָט געמיינט אַ סך געלט פֿאַרן סעזאָן, און זיך צוגעשריבן דעם גרויסן קרעדיט פֿון אַנגאַזשירן אַזוי פֿיל מענטשן. ביי דער ערשטער גרויסער פֿאַרזאַמלונג, האָט דאָס געמיינט פֿאַר אים אַ גרויסער זיג, אָבער, ליידער, ניט פֿאַר דער יוניאָן. מ'האָט דערמיט שטאַרק פֿאַרבילִיקט די אַקטיאָרן. די אָבער, וועלכע זיינען נאָך אַלץ פֿאַרבליבן, זיינען געווען אויף דער וואַך. אַז ניט קיין יוניאָן מיטגליד זאָל קאָנען וואו זיין באַשעפֿטיקט, איבערהויפּט אין ניו־יאָרק. האָב איך דאָס טאַקע געוואוסט, אָבער אַז מ'רופֿט מוז מען צוגיין.

געבילס פּיפּעלס טעאַטער האָט זיך געפֿונען אין דער באָוערי, הינטערן עלעווייטאָר, ניט ווייט פֿון דעלענסי סטריט. דער צוגאַנג צום טעאַטער איז ניט געווען אַזאַ וואַזשנער. פֿונדעסטוועגן, אַז מ'האָט געוואָלט גיין אין טעאַטער איז דאָס קיין תירוץ ניט געווען. אין רעגן, אין שניי, זיינען אַלע פֿאָרשטעלונגען געווען אויספֿאַרקויפֿט.

הינטער דער בינע, לינקס, האָבן אַ פּאָר טרעפּלעך געפֿירט אין

גאַרדעראָב-צימער, וואו מאַקס געביל האָט זיך אָנגעטאָן. דאָרט האָב איך אים איצט געטראָפן זיצן ביים שפּיגל. ער האָט זיך גראַמירט. איך האָב מיך צו ערשט אַרומגעקוקט, באַטראַכט די סוויטע וואָס איז אַרום אים געשטאַנען, זיי האָבן מיך אָנגעקוקט, ווי איינער וואָלט געזאָגט: ווי קומסטו אַהער? — איך האָב געוואַרט ביז מר. געביל האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, האָב איך אים באַגריסט, האָט ער מיך פאַר אַ ווײַלע באַטראַכט, אויפגעמאַכט דאָס מויל, ווי איינער וואָס וויל כאַפּן לופט, און הייזעריקלעך צו מיר געזאָגט:

— הערי איז געווען ביי אייך?

— יאָ, מר. געביל.

— איצט גייט אַריין אין טעאַטער. קוקט אייך צו ביידע מאָל צו דער ראָלע, וואָס ראָזענבלאַט שפּילט. קומענדן פרייטיק וועט איר שפּילן די ראָלע.

— גיי איך אין טעאַטער.

— אָבער נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג, קומט אַרונטער וועל איך אייך זען.

— יאָ, מר. געביל.

איעדער קלייניקייט, וואָס מ'קאָן ניט, זעט אויס גרויס. צו יענער צייט, אָבער, האָט אפילו אַ גרויסע ראָלע אויסגעזען קליין צו מיר. דער איינגע'עקשנ'טער פאַרלאַנג גוט צו מאַכן האָט אַלץ איבערשטייגט. דאָן האָב איך אפילו אַ קליינע ראָלע געמאַכט מ'זאָל רעדן פון מיר, איבערהויפּט איצט, ווען עס מאַכט זיך מיר אַזאַ געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאַקס געביל, דזשעני גאָלדשטיין, פּיטער גראַף, מערי ווילענסקי, יאַנקל האָכשטיין און מיט אַ גאַנצער יוניאָן-טרופּע, און נאָך אין ניו-יאָרק.

בין איך באַלד נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג, ווידער ביי געבילן אין גאַרדעראָב-צימער, און ער דערלאַנגט מיר צוויי ראָלן, האָב איך אים אָנגעקוקט און אַביסל פאַרוואונדערט געפרעגט:

— צ ו ו י י ג אָ ר...

— יאָ, צוויי. די פּיעסע וואָס איר האָט היינט געזען, וועט קיין פּראָבע ניט זיין. האָט איר אייך גוט צוגעקוקט צו די אַלע שטעלונגען?

— געווים.

— דאָס איז זייער גוט. איצט דאַרפט איר נאָר קאָנען די פּראָזע. און די צווייטע ראָלע איז פאַר דאַנערשטיק, „דער מאָראַל־פּריידיקער" גייט, אויף דעם וועלן מיר יאָ האָבן אַ פּראָבע.

— ווען, מר. געביל?

— דאָנערשטיק פרי, אַרום 11 אַזייגער.

אַט דער זעלבסט־געמאַכטער סטאַר מאַקס געביל, האָט מער דער־גרייכט מיט זיין חכמה, ווי אַ סך מיט זייער גרויסן טאַלאַנט. ער איז אין זיין צייט, געווען אַ אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט אין אידישן טעאַטער. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען זיין עולם, און ער האָט דאָס זיי צוגעטראָגן זייער פּאָרזיכטיק, מיט אַ געביל געשמאַק וואָס ס'האָט צו זיי אַפּעלירט. אַזוי איז ער שטופּנווייז דערגאַנגען פון אגידס מוזיק־האָל, ביז פּיפּעלס טעאַטער, וואו אַלע גרויסע האָבן געשפּילט.

אַ גרויסע פּראַצענט אַקטיאָרן, האָבן אַ טבע צו איבערטרייבן ווען ס'האַנדלט זיך אין אַ סטאַר. אָדער אין אַ מענעדזשער, ווער רעדט נאָך, אַז ער איז דאָס בײדע, ווערט אַרויסגענומען דער גאַנצער באַ־גאַזש, פון גאָרדינס פּראָזע, ווייל אַ סך פאַרמאָגן ניט קיין גרויסע וואָקאַבילערי. און ניט איין מאָל האָב איך דאָס אין דער „ראָיאַל קאַפע" געהערט, ווי איינער האָט געזאָגט:

— מאַקס געביל, אַ דוד־משהלעס ביי זיך אין טעאַטער.

— דער אמתער קעניג ליר.

— קלוג ווי שלמה חכם...

— קוקט מען טאַקע אַרויף צו אים. איר האָט געזען אין „פאַר־ווערטס" לעצטן זונטיק? ער האָט דאָך געהאַט זיין בילד איבער אַ גאַנצער „פּעידזש".

— יאָ, אין פאָטאָגראַווור. ווייזט מיר ווער נאָך קאָן זיך דאָס דערלויבן?

אויף מיר האָט דאָס שטאַרק געווירקט, און ביי פּראָבע האָב איך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אים געפאָלגט און געמאַכט איע־דער סצענע ווי ער האָט געוואָלט. זובנדיק אין אים דאָס גרויסע... געוואָלט געפינען דאָס וואָס האָט אים געמאַכט צו זיין באַרעכטיקט וואָס ער איז. אַזוי איז דער גאַנצער טאָג אַוועק מיטן צוגרייטן זיך

פאַר איין פאַרשטעלונג.

דער גאַרדעראָב־צימער, וואו אַלע מענער האָבן זיך אָנגעטאָן, האָט זיך געפונען אויף דעם ערשטן עטאַזש. דאָרט האָב איך שוין אויף דעם אייזערנעם שטאַנג, וואָס האָט זיך געפונען פונקט אינ־מיטן צימער, געטראָפן מיינע קליידער. האָב איך פאַנאַנדערגעלייגט מיין שמינק און זיך אַוועקגעזעצט גראַמירן. מיר איז אויסגעקומען צו זיצן ביי דער טיר. און דורך דעם שפּיגל האָב איך געקאָנט אַלע־מען זען. טיף אין ווינקל, צו דער לינקער זייט, איז געזעסן פּיטער גראַף. נעבן אים איינער פון די טאַרקוואַמאַדאַס באַנדע, וועלכער האָט געהאָלפן פאַרצוימען אַלע טירן פאַר אַ יונגן אַקטיאָר, יעקב האָכשטיין, מיט די צוויי טיפע קנייטשן אַרום זיין נאָז, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ גייסטלעכער, און מיט זיינע ביסטרע אויגן, וועלכע האָבן אַלין אַרומגענומען אויף וועמען ער האָט זיי אָנגעשטעלט. גערופן האָט מען אים „יאַנקל". אין דער זעלבער רייע, שוין צו דער רעכטער זייט, איז געזעסן דער שטענדיקער עק־זעקוטיווער מיטגליד פון דער יוניאָן און אַלע מאָל געשמייכלט וויליאַם עפּשטיין, געווען אַלע מאָל פאַרטיק צו שפּילן אַ קליאַביאַש, אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין אויפטריט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין טראַפּעי, „פאַרוק", ווי איינער כאַפּט אויף זיך אַרויף אַ קאַ־פּעליוש, און איז אַרויף אויף דער בינע, אַלע מאָל אין צייט צום רעפּליק. ניט ווייט פון אים איז געזעסן דער פינאַנס־סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, טשאַרלס קאָהען, און דער בינע פאַרוואַלטער סאָלאָמאָן קרייזע, האָט אַלץ געמאַכט שטייענדיק. ווען איך האָב זיך גענומען קלעפּן דאָס בערדל, וואָס איך האָב באַדאַרפט טראָגן אין דער ראָל אַלס דער מאַראַל־פּריידיקער, האָבן זיך אויפן וואָנק פון יעקב האָכ־שטיין, אַלע אויסגעדרייט און געקוקט אויף מיר, ביז האָכשטיין האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אויסגעהוסטן, און אַביסל הייזעריק צו־זיי געזאָגט:

— יאָ, ער קאָן די מלאכה. איר זענט אַ מבין ווי נאַטירלעך ס׳קומט ביי אים אַרויס? קרייזע, דו זעסט, דאָס דאַרף מען קאָנען.

קרייזע האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און צוגעגעבן זייער שטיל:

— נו, געווים דאַרף מען קאָנען, קאָן ער טאַקע.

אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, האָב איך געטאָן צו מאַכן גוט. איך האָב דאָס אָבער ניט געוואוסט, ביז נאָך דער פּרעמיער־דיקער פאָרשטעלונג. זייענדיק אין דער „ראָיאַל קאַפע", באַלד נאָכן שפּילן, האָט דזשעני גאָלדשטיין בקול רם געזאָגט:

— דזשענק האָט געוויזן, אַז ער איז אַ גוטער אַקטיאָר. אַזעלכע דאַרפן מיר, און טאַקע וואָס מער.

יענעם אָוונט בין איך אַוועק פון דער „ראָיאַל קאַפע" אַ גליק־לעכער", און פאַר אַ גאַנצער וואָך, האָב איך איצט געהאַט אַ גוטע נאַכט שלאָף.

***

אויב די צוויי פּרימעריעס, איין נאַכט נאָך דער אַנדערער איז געווען ווייניק, איז נאָך צוגעקומען אַ דריטע, און וועגן דעם האָב איך מיך ערשט דערוואוסט שבת, ווען איך בין געקומען שפּילן די צווייטע פאָרשטעלונג.

אַ שטילער טומל איז די גאַנצע צייט אַנגעגאַנגען, דאָס האָב איך באַמערקט פון איין פאָרשטעלונג צו דער צווייטער. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז עס גייט אָן אַ פאַרבאָרגענער רעוואָלט קעגן מיר. מ'האָט אָבער געמאַכט גרויסע פאַרבאַרייטונגען פאַר דער אָוונט פאָרשטעלונג פון שבת. מיר האָט מען פון גאָרניט געזאָגט, און דערפאַר האָב איך געקאָנט טראַכטן וואָס איך האָב געוואָלט, הייל ווען איך בין אַרייַנגעקומען אין טעאַטער, האָבן זיך אַלע גע'סוד'עט, און אַזוי ווי איך האָב ניט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. האָט דאָס מיך זייער נערווירט. פרעגן האָב איך ניט געהאַט ווע־מען, זיינען מיר פאַרשידענע געדאַנקען געקומען אין קאָפּ אַריין. נאָך מער בין איך ווי דערשטוינט געוואָרן, ווען איך בין אַרויפגעקומען אין גאַרדעראָב־צימער, און כאָטש ס'איז נאָך געווען זייער פרי, האָב איך שוין אַלעמען געטראָפן גרימירט און אָנגעטאָן פאַרטיק אַרויפ־צוגיין אויף דער בינע. בין איך אויפן מאָמענט געוואָרן צעטומלט וואָס טוט זיך דאָ? איז שוין אַזוי שפּעט? אַזוי ווי אַלע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, האָב איך מורא געהאַט צו פרעגן, דערצו האָבן

זיי אַזוי שטיל גערעדט, אַז איך בין געוואָרן זיכער, אַז דאָס רעדט מען פון מיר... אָבער וואָס? אפשר דענקען זיי, אַז איך וועל זיין שפּעט צו מיין אויפטריט? איך האָב שנעל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, ס׳איז דאָך פאָרט אַזוי פרי. איז וואָס גייט דאָ פאָר? אפשר פאַרדריסט זיי, וואָס דזשעני האָט נעכטן געזאָגט אין דער „ראָיאַל״? אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן, ס׳איז דאָך אָבער ניט מיין שולד. איך האָב איר ניט געצוואונגען דאָס צו זאָגן. אין האַרצן בין איך איר דאַנקבאַר געווען פאַר דעם. וואָס האָט נאָך צו יענער צייט פאַר ניט קיין יוניאָן־מיטגליד, געקאָנט זיין בעסער, ווי אַ לויב פון אַ סטאַר, און נאָך ווי אין דער „ראָיאַל״, וואו אַלע זיינען געווען פאַרזאַמלט, ניט נאָר פון „פּיפּלס טעאַטער״, נאָר טאַקע פון אַלע טעאַטערס.

פיבעריש שנעל האָב איך מיך גענומען גראַמירן, און אַזוי שנעל ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַרויס פון צימער, און אַרויף אויף דער בינע, נאָר אַזוי ווי ס׳איז נאָך געווען פרי, איז דאָרט קיינער ניט געווען, האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געמאַכט זיכער, אַז איך בין אַליין, האָב איך מיך אין דער האַלב־טונקעלער בינע, גענומען אַרומדרייען און נאָך אַלץ געטראַכט, וואָס גייט דאָ פאָר? איך האָב געוואָלט די פאָרשטעלונג זאָל שוין זיין פאַריבער, ווייל איעדער מינוט האָט צו מיר איצט אויסגעזען ווי אַ יאָר.

פאַר אַ טעאַטער־מענטש צו מאַכן גוט, אָדער בעסער געזאָגט, אים צו געפעלן, איז ניט אַזוי לייכט. אָפט מאָל דאַרף מען זיין גרעסער ווי גרויס, אַרויסצוקריגן פון זיי אַ גוט וואָרט, אָדער אַמווייניקסטנס פאַרמאָגן אַ טעאַטער. זיי זאָלן אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן, און זיך פאַרגינען צו זאָגן אַ פריינטלעך וואָרט פאַרן אַקטיאָר, איבערהויפּט די „אַשערס״ פון דעם אידישן טעאַטער, וועלכע האַלטן אַלע מאָל מיטן סטאַר... און זיינען ביי זיך זיכער, אַז זיי זיינען גרויסע מבינים אויף אַקטיאָרן, און איבערהויפּט אויף טעאַטער. וועל איך צוגעבן, אַז אַ סך פאַרשטייען עפּעס, אויב זיי פאַרשטייען... איז איינער פון זיי אַרונטערגעקומען הינטער דער בינע, ווען איך בין געווען אין זייער אַ געדריקטע שטימונג, און ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך דערפרייט זאָגנדיק:

— אייך טאַקע וויל איך זען.

— וועגן וואָס?

— מ׳האָט דאָך ניט געמאַכט קיין נייעם פּראָגראַם.

— נו, איז וואָס?

— וואָס מיינט איר וואָס עס איז? אויפן אַלטן פּראָגראַם איז דאָך אייער נאָמען ניט פאַראַן.

— ווילט איר מיר זאָגן, אַז דער עולם פּראָטעסטירט?

— זיי וויסן דען, און אפשר וואָלטן זיי פּראָטעסטירט.

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי?

— ווען זיי וויסן וואָס איך ווייס, קאָן מעגלעך זיין, אַז עס וואָלט עפּעס פּאַסירט, איך בין אפילו זיכער אין דעם. איך אַרבעט שוין געננוג יאָרן אין טעאַטער צו קאָנען דעם עולם, און אַז זיי גע־פעלט עפּעס, שטעלן זיי זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ.

— וואָס ווילט איר דערמיט אַרויסברענגען? און ווידער, וואָס גייט דאָס אייך אַזוי אָן לעבן, וואָס מיין נאָמען איז ניטאָ אין פּראָגראַם?

— וואָס רעדט איר, מר. דענק? ווייסט איר ווער ס׳איז היינט דאָ אין טעאַטער?

— אַרטור בריסביין!

— ווער איז ער? אים קאָן איך ניט, אָבער איך ווייס, אַז אַב. קאַהאַן איז יאָ דאָ אין טעאַטער.

איצט האָב איך גענומען פאַרשטיין, וואָס דאָ גייט פאָר, דער־פאַר זיינען כמעט אַלע אין טעאַטער געווען ווי אין אַ פיבער, דער־וויסנדיק זיך, אַז היינט אָונט וועט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, אַב. קאַהאַן, זיין אין טעאַטער. אָבער פאַרוואָס האָט מען דאָס מיר ניט געזאָגט? אפילו דאָס האָט מען מיר ניט פאַרגינען, צו האָבן דעם כבוד צו שפּילן פאַר אַב. קאַהאַן. אין דער זעלבער צייט האָב איך געטראַכט, ווען איך וואָלט געקאָנט אין מיין ראָלע רעדן אַביסל העכיש, אפשר וואָלט איך אים געפאַלן... ניט וועלנדיק, אַז דער אַשער זאָל עפּעס באַמערקן, האָב איך אים שטיל געפרעגט:

— נו, איז וואָס, איר גלויבט, אַז מיט מיין שפּילן...

— וואָס רעדט איר, מר. דענק, אַז איר זענט אונדז געפעלן, דערפאַר זיינען אַלע אַזוי אויפגערעגט. און אייך אַרט דאָס ניט, אַז

אַן אַנדערער זאָל קריגן וואָס ס׳קומט אייך.

— וואָס קומט מיר?

— כ׳מיין, ווען איר זענט אַזוי גוט אין דער ראָלע...

—אַ דאַנק. גלויבט איר, אַז איך בין טאַקע אַזוי גוט?

— דעם אמת, האָט איר דאָך געווים געהערט, וואָס דזשעני האָט נעכטן געזאָגט אין דער „ראָיאַל״, און איך שטים מיט איר איין.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?

— מ׳האָט שוין היינט אַ גאַנצן טאָג גערעדט פון דעם, נאָך איידער איר זענט געקומען אין טעאַטער. און קיינער קאָן דאָס ניט אָפּלייקענען, אַרויפצוגיין אָן אַ פּראָבע, און איך זאָל אפילו ניט דערקאָנען אַז איר זענט אַ נייער אין דער ראָלע, און איר שפּילט דאָס צום ערשטן מאָל, זענט איר ניט נאָר גוט, נאָר איר זענט גרויס. נאָר אַ גוטער אַקטיאָר קאָן דאָס באַווייזן, און איר האָט דאָס באַוויזן דערפאַר בין איך אַרונטערגעקומען אויסצוגעפינען וואָס מ׳זאָל טאָן, מ׳טאָר אַזאַ זאַך ניט באַהאַלטן, אַב. קאַהאַן מוז וויסן ווער ס׳שפּילט.

— יאָ, דאָס איז זייער שיין און נאָבעל פון אייך, אָבער ווי אַזוי? מ׳קאָן דאָך ניט מאַכן איצט קיין נייעם פּראָגראַם.

— דאָס ווייס איך, אַז מ׳קאָן ניט. דערפאַר בין איך דאָ אויסצוגעפינען, וואָס דאַרף מען אין אַזאַ פאַל טאָן? אפשר זאָל איך צוגיין צו אַב. קאַהאַן און דאָס אים זאָגן.

— וואָלט מיין עצה געווען, צו מאַכן דאָס זיכער, אַז איר מעגט דאָס טאָן, אַרונטערצוגיין צו מר. געביל, און ביי אים אָנפרעגן.

— גיי איך שוין אַרונטער.

זונטיק נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג, איז ליוואַי, געבילס מענעדזשער, אַרויפגעקומען, און געבנדיק מיר אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, האָט ער שמייכלענדיק צו מיר געזאָגט:

— מר. געביל האָט מיר געזאָגט, אייך איבערצוגעבן, אַז איר בלייבט אין טעאַטער פאַרן סעזאָן. ער שרייבט אַ נייע פּיעסע, האָט ער פאַר אייך אַ ראָלע.

אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך איבערגעקוקט, און אַזוי שנעל, ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַ גליקלעכער אַוועק אַהיים.

לאַנג אָבער האָט דאָס גליק ניט געקאָנט אָנהאַלטן. מ׳האָט זיך

גענומען פאָרן אין דער יוניאָן, אַז מ'זאָל מיך ניט לאָזן שפּילן מיטן טירוץ, אַז עס איז פאַראַן יוניאָן אַקטיאָרן, וואָס דרייען זיך אַרום ניט באַשעפטיקט. זיי זיינען דאָך אַלט — דאָס איז גאָרניט. זיי פּאַסן זיך ניט פאַר דער ראָלע — אויך גאָרניט. דאָס טעאַטער האָט דאָך אַ פולשטענדיקע יוניאָן קאָמפּאַני און דאַרף מען ניט, איז אַוודאַי גאָרניט. אויב געביל וויל האָבן דענקן, מוז ער צונעמען נאָך אַ יוניאָן מאַן. געזעץ איז געזעץ! ווען איינער שפּילט ניט זייענדיק אין דער יוניאָן, מוז דאָס טעאַטער נעמען נאָך אַ מענטשן פון דער יוניאָן. איך האָב דאָס געוואוסט, און דערפאַר בין איך די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרט געווען, ניט געווען זיכער. איעדן טאָג ווען איך בין געגאַנגען אין טעאַטער האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז עפּעס וועט היינט פּאַסירן, און אַז דער אָוונט איז פאַריבער, און עס האָט גאָרניט געטראָפן, בין איך געווען מער ווי צופרידן. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן גאַנצע דריי וואָכן. און נאָך דער זונטיקדיקער פאָרשטעלונג ווען ליוואי איז אַרויפגעקומען, האָט ער פון דער קעשענע אַרויסגענומען דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט. און ווען ער האָט אים מיר דערלאַנגט, האָט ער פאַרדריסלעך געזאָגט:

— איר ווייסט דאָך דעם באַשלוס פון דער יוניאָן.

— וואָס פאַר אַ באַשלוס?

— אַז איר קאָנט דאָ מער ניט זיין.

— אויב מ'האָט אַזוי באַשלאָסן, וועל איך נאַטירלעך פאָלגן דעם יוניאָנס באַשלוס.

— זענט איר דאָך ניט קיין נאַר!

— ס'וועט דען העלפן, ווען איך וועל זיין אַ חכם?

— זיכער ניט.

— איז פאַרוואָס זאָל איך מיך מאַכן נאַריש?

— ווען איר וועט פאַרטיק ווערן, וויל איך מר. געביל זען.

ווידער איז אַרום אים געשטאַנען די גאַנצע סוויטע. ווען איך בין אַרונטערגעקומען, אַלע האָבן געקוקט אויף מיר, ווען איך האָב געפרעגט:

— וואָס דאַרפט איר מיך איצט, מר. געביל?

ער האָט מיך באַטראַכט, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ביז

ער האָט צו מיר געזאָגט:

— ס'וועט זיין אַ סך בעסער, ווען איך וועל אייך זען אין דער „ראַיאַל". איך מוז אויסגעפינען פאַרוואָס זיי ציען איבער דאָס שטריקל. — אַרונטערנעמענדיק דעם שמינק פון זיין פּנים, האָט ער נאָך זייער שטיל געזאָגט: — זייט זיכער, אַז איך וועל אייך אינזינען האָבן.

זייער פאַרדריסלעך בין איך אַוועק פון טעאַטער. פאַר אַ לאַנגער צייט, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די יוניאָן האָט דערמיט אויסגעפירט, ווייל דער מאַנער האָט דאָס ניט געקראָגן, און מיר האָט מען געשטערט דאָרט צו זיין אפשר דעם גאַנצן סעזאָן. איך האָב אויך געטראַכט, אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל אַב. קאַהאַן האָט געגעבן אַזאַ וואַסערדיקע רעצענזיע? מיך האָט ער דאָך אינגאַנצן ניט דערמאָנט. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען פאַר וואָס, ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז דער אַקטיאָר וואָס איז אין פּראָגראַם דערמאָנט, שפּילט ניט, האָט ער אַרויסגענומען זיין פעדער, און אויסגעשטראָכן דעם נאָמען, מיין נאָמען האָט ער אָבער ניט אַריינגעשריבן, דאָס האָט מיך אויך שטאַרק פאַרדראָסן. אָבער אַז מ'איז נאָך ניט אין דער יוניאָן, מוז מען אַלץ אַרונטערשלינגען, ווי ביטער די פּיל זאָל ניט זיין.

איך בין שוין ווידער אין דער ראַיאַל און פיל, אַז מ'האָט מיך זייער באַ'עוולה'ט, אָבער זאָגן קאָן איך גאָרניט. איין אינדערפרי האָט מיך דאָרט מאַקס געביל געטראָפן, און צו מיר שטיל געזאָגט:

— אייך וויל איך טאַקע זען.

— בין איך דאָ.

— קומט מיט מיר.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען ביז מיר זיינען אַרונטער אין וואַשצימער, האָט ער פון זיין קעשענע אַרויסגענומען אַ דאָלער, און ווען ער האָט זי מיר געגעבן, האָט ער נאָך שטילער צו מיר געזאָגט:

— לערנט דאָס אויס.

— פאַר ווען, מר. געביל?

— איר וועט פון מיר קריגן אַ טעלעגראַמע.

אָט מיט דעם סוד האָב איך מיך אַרומגעטראָגן עטלעכע וואָכן.

שוין גוט געקאַנט די ראָל אויף אויסנווייניק, אָבער ווען איך וועל איר שפּילן, דאָס האָט נאָר געוואוסט מאַקס געביל.

ניט איין, מאָל האָב איך שוין געגומען גלויבן, אַז די יוניאָן האָט זיך דערוואוסט פון דעם גרויסן סוד, און האָבן שוין זיכער איי־נעם צוגעגרייט. פאַרפאַלן. וואָס קאָן איך טאָן? נאָך אַ ראָלע גע־לערנט אומזיסט...

אין אַ מאָנטיק אינדערפרי איז דאָס געווען, האָט מען ווידער געקלאַפּט אין מיין טיר, האָב איך באַלד אויפגעמאַכט. איז הערי גאָלדשטיין געשטאַנען מיט אַ טעלעגראַמע אין, דער האַנט, און צו מיר געזאָגט:

— פאָרט שוין אין פילאַדעלפיע.

— וואָס מיינט שוין, הערי?

— איר דאַרפט דאָרט זיין ניט שפּעטער ווי זעקס אַזייגער.

— וועל איך דאָרט זיין זעקס אַזייגער.

אַריינקומענדיק אין אָרטש סטריט טעאַטער־לאָבי, האָב איך גע־טראָפן אַ פּאָר באַקאַנטע, האָבן זיי מיך פריינטלעך באַגריסט. איך האָב זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און בין באַלד געווען אויף דער בינע. אַ גאַנץ נייע קאָמפּאַני האָב איך דאָ געטראָפן, אַהוץ, גאַטירלעך, מאַקס געביל. מערי ווילענסקי, וועלכע האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין; דעם סופלאָר הערי קויפמאַן, וועמען געביל האָט געמוזט האָבן, ווען ער וואָלט אפילו געשפּילט די ראָלע אַ גאַנצן סעזאָן... מיט דעם אַלעמען האָב איך אים באַטראַכט פאַר אַ אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט. זייער אָפּט האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין זיין שווייגן. ער האָט, אַזוי אָרום, מער אויפגעטאָן, ווי די וואָס האָבן אַ סך גערעדט, און דערביי גע־בליבן... אמת, ער האָט זיינע שטילע סטראַטעגיעס אַדורכגעפירט און אַלעמאָל אינזינען געהאַט מאַקס געביל. אפילו דאַן ווען ער האָט געוואָלט יענעם מאַכן גרויס, ווען עס האָט זיך אפילו געהאַנדלט אין אַ פרוי... דאָס האָב איך געטראַכט פאָרנדיק נאָך פילאַדעלפיע.

ניט זייענדיק נאָך קיין יוניאָן מאַן, האָב איך מיט אים גאָרניט אָפּגעמאַכט. וועמען איז געלעגן אינזינען אַזעלכע זאַכן? איך האָב דאָך געוואָלט שפּילן, דערפאַר וועל איך מוזן שווייגן, וויפל ער וועט

מיר געבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געוואוסט, אַז מ'דאַרף קריגן זיבן דאָלאַר אַ טאָג פֿאַר אויסגאַבן, דאָס אַליין באַטרעפֿט שוין נײַן־און־פֿערציק דאָלאַר אַ וואָך. וויפֿל נאָך קאָן ער מיר געבן? האָב איך אָבער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג אין פֿילאַדעלפֿיע, זאָגט צו מיר ליוואי:

— דענק, קומט מיט מיר.

און ער פֿירט מיך אַרײַן צו געביל אין גאַרדעראָב־צימער, און אין מײַן געגנוואַרט פֿרעגט ער אים:

— מר. דזשי, וויפֿל דאַרף איך געבן דענקן?

— אַזוי גוט ווי אַלעמען. יאָ, לייגט אים אַרײַן הונדערט און פֿופֿציק דאָלאַר, מיט אַ „טיקעט" פֿאַר זונטיק צו פֿאָרן אין וואַשינג־טאָן, „פּולמאַן".

ליוואַי האָט מיך שמייכלענדיק אָנגעקוקט. ווײַזט אויס, אַז מײַן פּנים האָט געמוזט אויסדרוקן אַ צופֿרידנהייט. איך האָב געפֿילט זיך גרויס בײַ זיך, וואָס מאַקס געביל האָט מיך ניט אונטערשעצט. ווײַזט אויס, אַז איך בין באַרעכטיקט צו וואָס איך שטרעב.

בין איך טאַקע באַלד נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַוועק אין „טשאַילדס רעסטאָראַן", וואָס האָט זיך געפֿונען אויף מאַרקעט סטריט אין דער 12טער, דאָרט האָב איך געטראָפֿן אַ פּאָר אַקטיאָרן פֿונעם אידישן קונסט־טעאַטער, וועלכע האָבן צו דער זעלבער צייט גאַסטראָלירט אין מאַיק טאָמאַשעפֿסקיס גאָרדן טעאַטער. איינער פֿון זיי איז געווען מאָני ווייזענפֿריינט, וועלכער האָט מיך באַגריסט באַלד בײַ מײַן אַרײַנקומען, פֿרעגנדיק:

— וואָס טוסטו אין פֿילאַדעלפֿיע, דענק?

— איך בין מיט געביל, אין אָרטש סטריט טעאַטער.

נעבן אים איז געזעסן אַן אַקטיאָר, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג אַרײַן אין דער אַקטיאָרן יוניאָן, און ס'האָט אים געקומען גענוג לאַנג און ניט אַזוי גרינג אַרײַנצוקומען. ער האָט געמוזט מאַכן עטלעכע פּראָבן, ביז מ'האָט אים מיט אַלע ליטעראַרישע כּוחות אַדורכגעשלעפּט... ווײַל ער איז געווען אַ געוועזענער מיטגליד פֿון דעם אַמאָליקן פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, וואו איך בין אַמאָל אויך געווען אַ מיטגליד, האָט שטיל ביטער באַמערקט:

— געבעניו, האָט זיך געבראַכט, ניט קיין יוניאָן מענטשן, געווים פאַר פּעטרושקע.

ער האָט דאָס אָבער ניט געזאָגט שטיל גענוג. האָב איך שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם פאַרקלעפּטן קאָנווערט און אים אַ שלייַדער־געטאָן אויף זייער טיש און ברוגז'לעך געזאָגט:

— איר מוזט מיר ניט גלויבן אויפן וואָרט. עפנט אויף וועט איר זען וואָס דאָרט איז. איך זאָל אָבער ניט בלייבן פאַרשעמט, ווייל דאָרט איז פאַראַן אַזוי פיל, וויפל צוויי אַקטיאָרן קריגן אין קונסט־טעאַטער.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, האָט מוני צו מיר צוגעשאַרט דעם קאָנווערט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט ער ווי פאַר זיך געזאָגט:

— פאַרשטייסט ניט קיין שפּאַס?

— אַזאַ שפּאַס פאַרשטיי איך ניט. האָב איך אַמאָל אין שיקאַגאָ געשפּילט אָן געלט? אמת, מיר האָבן קיין סך ניט געקראָגן, אָבער אומזיסט קיינמאָל ניט. מעגסט אים זאָגן, איך בין אויך אַ געוועזענער מיטגליד פון דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, און האָב אויך פאַרענדיקט דעם זעלבן קאָלעדזש...

פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך דאָס ניט געקאָנט פאַרגעסן, ווי שנעל דער אינטעליגענט ווערט פאַרדאָרבן, ווען ער קריגט דאָס קאַרטל פון דער יוניאָן.

דער שובערט בעלאַסקאָ טעאַטער אין וואַשינגטאָן געפינט זיך פונקט אַנטקעגן דעם ווייסן־הויז. אַזוי ווי איך האָב געהאַט גענוג צייט, האָב איך גענומען אַ שפּאַציר און געקומען בין איך אין טעאַטער די לעצטע מינוט פאַר מיין אויפטריט. איך האָב מיר גענומען צייט, ווייסנדיק, אַז איך קום שפּעט אויף דער בינע. דער טאָג איז געווען אַביסל צו־וואַרעם, האָב איך געוואָלט זיין וואָס לענגער אין דרויסן, דערפאַר האָב איך ניט געוואוסט, אַז דאָס מיידל וואָס האָט געשפּילט די דינסט אין דער פּיעסע איז דאָ נישטאָ, און ווען איך בין שוין געווען אויף דער בינע, האָט זיך צום רעפּליק באַוויזן אַ „באַטלער" געשפּילט פון דעם סופלאָר. ער דאַרף זאָגן אַז דער טאַטע גייט, און אַזוי ווי ער האָט נאָר אויפגעמאַכט דאָס מויל און געזאָגט דער טאַטע... איז ער אַרונטערגעפאַלן פון די טרעפּ.

די סצענע וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען מיט גאָלדע הובריצקי און אַזוי ווי מיר איז אויסגעקומען צו שטיין מיט דער פּלייצע צום עולם, האָב איך דאָס אַלץ געזען, אַרונטערלאָזנדיק מיין קאָפּ אויף איר אַקסל, און זיך גענומען שטיקן פון געלעכטער. ווייטער האָבן מיר ניט געקאָנט גיין, ביז מאַקס געביל האָט זיך געלאָזט הערן פון הינטער דער בינע, בין איך שנעל אַראָפּ.

אַלע האָבן געוואוסט אַז דער סופלאָר האָט ליב געהאַט צו נעמען אַ איבעריקן טרונק, האָט מען זיכער געמיינט, אַז ער איז געווען אַביסל בגילופין. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר, אַז די טרעפּ וואָס מ'האָט צוגעשטעלט צו דעם אָפּענעם „אַרטש" זיינען געווען צו־שמאָל, האָט מען זיי פאַרדעקט אין דער גאַנצער ברייט פון דעם „אַרטש", און ער האָט דערפון ניט געוואוסט, איז גלייך צום ערשטן שפּאַן איז ער אַראָפּגעפאַלן, האָט דאָס שוין אונדז געמאַכט צו לאַכן, ביז מיר זיינען אַהיים געקומען.

נאָך פּסח האָט געביל גאַסטראָלירט אין ליריק טעאַטער, ברוקלין. איך בין געווען מיט יאָזעף קעסלער אויף דער פּראָווינץ, האָט ער מיר געשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז ער דאַרף מיך האָבן צו דער פּיעסע „חער גרויסער מאָמענט". אַזוי ווי ס'איז געווען די לעצטע פאָרשטעלונג, ווען איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע, בין איך גלייך אַריינגעקומען, און פון „סטעישאָן" גלייך געפאָרן אין ליריק טעאַטער, צו פּראָבע.

דורך די פּאָר וואָכן וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך איבערצייגט אין דער מיינונג, וואָס איך האָב געהאַט וועגן מאַקס געביל: ער איז געווען הורכאָוס טעאַטער. ער וואָלט אפשר געשטאַנען אויף אַ גרעסערער מדרגה, ווען ער וואָלט זיך ניט אַרונטערגעלאָזט צום עולם. ער האָט זיי אַלעמאָל געגעבן וואָס זיי האָבן געוואָלט. דאָס, אפשר, האָט אים געמאַכט לייכטער, וואָס ער האָט אַלעמאָל זיי צוגעטראָפן. היינט־צו־טאָג איז אפילו אַזאַ טעאַטער אויך ניט פאַראַן. אַ שאָד וואָס ס'איז אַזוי שנעל אַוועק די גאָלדענע צייט.

אין 1932 האָב איך מיט אים אויפגעמאַכט דעם פרענקל פּאַרק טעאַטער אין באָסטאָן. דער אָפּמאַך פאַר אים איז געווען צען וואָכן.

האָט ער אָבער אַוועקגעשטעלט אַן אַלטע פּיעסע מיט אַ נייעם נאָמען, „ריינע געוויסן" הינטערן נאָמען „די אונטערוועלט", און דער עולם האָט די פּיעסע דערקאָנט. איז ווען מ'כאַפּט איינעם ביי דער האַנט, ווערט ער אוים חכם... נאָך דער צווייטער וואָך האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

מער האָב איך אים שוין ניט געזען. אין אַ קורצער צייט האָט ער זיך באַזעצט אין לאָס-אַנדזשעלעס, און דאָרט איז ער שפּעטער געשטאָרבן.

האָט די טעאַטער פּראָפעסיע פאַרלוירן אַ פּערזענלעכקייט. אַ מאַקס געביל טעאַטער וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט אומקערן. אמת, מיט די אַלע קינסטלער וואָס איך האָב געשפּילט האָט קיין צווייַ מיינונגען ניט געקאָנט זיין, ווען פאַר געבילן איז געבליבן אַן אָפענע טיר צו רעבאַטירן... ער האָט אָבער זיך אַליין געמאַכט און זיך אַליין אומגעבראַכט... ווי גליקלעך אָבער וואָלט די פּראָפעסיע געווען היינט-צו-טאָג, ווען ס'וואָלט געווען אַ פּאָר מאַקס געבילס.

הערשל לעווין

איז אין דער פּראָפעסיע געווען אַלץ. ווען איך האָב זיך מיט אים, אין 1920, באַקענט, האָט ער איבערגעשריבן פּיעסן, שפּעטער

איז ער געווען אַ בינע־פּאַרוואַלטער, אָבער געוואָלט האָט ער זיין אַ טופּלאָר. שפּעטער האָט ער געשריבן פּיעסן, און נאָך שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פּובליסיטי אַגענט, און ווען ער האָט געהאַט אַ

געלעגנהייט, האט ער אפילו „געמענעדזשט" א טעאטער; האט אויסגעפעלט א מענטש אויף דער בינע, איז ער ארויף שפילן. אזוי ארום איז ער געווען פארטראטן אויף אלע געביטן אין אידישן טעאטער.

א קורץ ברייטביינעדיקער, מיט א קיילעכדיק ווייס פנים. אויף זיין עטוואס צעפלאטשטער נאז, האט ער געטראגן א פאר מעשענעברילן, דורך וועלכע ס'האבן ארויסגעקוקט א פאר ווייס־פאר'חלומטע קלוגע אויגן. שטענדיק געהאלטן א פאפיראס צווישן זיינע פארטריקנטע כמעט בלויע ליפן, און גערעדט זייער שטיל, אבער איטלעכס ווארט איז ביי אים ארויסגעקומען זייער שארף און פארשטענדלעך. געקאנט האט ער די פאלגנדע שפראכן פערפעקט: פראנצויזיש, דייטש, פויליש, העברייאיש, ענגליש. געווען א גרויסער אידישיסט, כמעט א מייסטער אין אידיש, ער האט אויך פארמאגט א געניאלן קאפ און געקאנט זייער א סך געדענקען. מיט די און אנדערע מעלות וואס ער האט פארמאגט, איז ער געווען בארעכטיקט צו דעם, וואס ער האט אין דער פראפעסיע געוואלט זיין.

אבער דאס צו דערגרייכן איז ניט געווען אזוי גרינג. די קליינע גרופע סופלארן, וואס האבן זיך געציילט ניט מער ווי א צען אדער צוועלף, זיינען אלעמאל געווען שטארקער פון דער גאנצער יוניאן מיט אלע אירע 360 מיטגלידער. דאס האט הערשל לעווין שטארק פארדראסן, שפעטער נאך מער, ווען ער האט אויסגעפונען, אז ער קאן און פארשטייט דאס פאך א סך מער ווי די וואס לאזן אים ניט ארײנקומען אין דער יוניאן.

ניט איין מאל האט ער זיך צוליב דעם פארלוירן, אבער קיינער האט זיך ניט גערעכנט דערמיט. בין איך כמעט געווען דער איינציקער אויף זיין זייט, דערמיט אליין האב איך אים קיין סך הילף ניט געקאנט געבן, ביז יוליוס נאטאנסאן האט אים אנגאזשירט אין זיין טעאטער אין באסטאן. דארט האט ער באדארפט שרייבן ראלן און ארויסהעלפן דעם בינע־פארוואלטער. פאר אים צו יענער צייט צו זיין אוועק פון ניו־יארק א סעזאן, האט זייער א סך געמיינט. האט דאס אבער לאנג ניט אנגעהאלטן. אזוי שנעל ווי ער האט אפגעגעסן צו זאט, און זיך אויסגעשלאפן אויף א מענטשלעכן געלעגער, האט ער באלד פארשטאנען, אז וואס ער טוט איז אונטער זיין ווירדע,

ווייל ער ווייסט און פאַרשטייט בעסער פון אַלעמען... איז אים געווען שווער אויסצוקומען אַפילו מיט די בעסטע פריינט, וואָס קיין סך פון זיי האָט ער ניט געהאַט. און ווען ער האָט זיך פאַרלוירן, דאָס האָט אַ סך מאָל געטראָפן, ניט קאָנענדיק דערגרייכן וואָס ער האָט געוואָלט מיט זיין וויסן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס, האָט ער דאָס געוואָלט דערגרייכן מיט כוח. דאָס האָט אים מער מאָל צוריקגעשטויסן. דער בעסטער באַווייז, ווען מ׳האָט אים שוין צוגעלאָזט צו מאַכן פּראָבע אין דער יוניאָן, האָט מען אים אַדורכגעוואָרפן.

שפּעטער האָט מען אין דער „ראָיאַל קאַפע" גערעדט, אַז זיין פּראָבע אין דער יוניאָן איז געווען אַ גלענצנדע און דאָך, ווייל ער האָט געהאַט צופיל קעגנער. אַ פאַקט איז, אַז דעם זעלבן טאָג, האָט אַ צווייטער בּופלאָר געמאַכט פּראָבע, און איז ניט געווען אַזוי גוט ווי הערשל, אים האָט מען יאָ אַריינגענומען אין דער יוניאָן אַלס מיטגליד. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך הערשלס אַרמיי פון שונאים שטאַרק פאַרגרעסערט, און וואו עס איז געווען אַ געלעגנהייט, האָט מען אים געפּרואווט אונטערשטעלן אַ פוס.

מיר זיינען צוזאַמען געזעסן אין דער ראָיאַל קאַפע, האָט ער אַ פאַרביטערטער צו מיר געזאָגט:

— איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין אַוואו די אינסעקטן זיינען געבוירן.

— וועמען מיינסטו, הערשל?

— ניט אַנדערש ווי אין רינגשטאָק.

— פאַר וואָס?

— ווען דו זעסט וואָס זיי שרייבן אויף די ווענט.

— הערשל, וואָס רעדסטו, זיי קאָנען דען שרייבן?

— ביסט אפשר גערעכט. — ער האָט אַ קורצן שמייכל געטאָן און נאָך צוגעגעבן: — דאָך בין איך זיכער, אַז זייער וויסן האָבן זיי געצויגן פון אַ וואַש־צימער, ווען איך האָב מיין לערע גענומען פון דער וועלט־ליטעראַטור. מעגסט זיכער זיין, ווען איך כאַפּ איינעם, צעברעך איך אים די פינגער.

— און איך וואָלט דאָס אפילו ניט איבערגערעדט. האָסטו אַמאָל

אַ טראַכט געטאָן. מיט וויפל דו שטייסט העכער פון זיי? מיר זאָגסטו אַלע מאָל, אַז איך פאַרשטיי דיך. איז פאַרוואָס איז דיר אַזוי שווער מיך צו פאַרשטיין?

— אין דער צייט האָט ער פאַררויכערט, ביז ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן און צו מיר געזאָגט:

— אַז מ׳וויל, ביסטו אפשר גערעכט. וויפל מאָל איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט דיך צו פאָלגן, דאָך, ווען איך באַמערק אַזעלכע גע-מיינהייטן, קאָן איך מיר ניט העלפן, און איך פאַרליר זיך.

— ווער דאָס האָט געטאָן, ווייסטו דאָך ניט, איז ווי אַזוי קאָנסטו באַשולדיקן אַלעמען? דאָרט קומען דאָך פאַרשידענע מענטשן אַריין.

— אויך אמת, פונדעסטוועגן האָב איך אַ שטיקל פאַרדאַכט.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט געבלאָזן דעם רויך פון זיין מויל, און האָט פון עפעס געטראַכט, ביז ער האָט מיט אַ שמייכל צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו, דוד, אַז איך האָב גערעדט מיט מר. גוסקין?

— געוויס וועגן אַ זייער וויכטיקע זאַך.

— איך האָב אים געפרעגט, אויב ס׳איז געווען יושרדיק גע-האַנדלט קעגן מיר. אויב איך האָב יאָ געמאַכט אַזאַ גוטע פּראָבע. פאַרוואָס האָט מען מיך אַדורכגעוואָרפן? און פאַרוואָס יענעם מיט אַ שלעכטער פּראָבע, האָט מען אַריינגענומען?

— וואָס האָט ער דיר אויף דעם געענטפערט?

— אַז יענעם האָט מען שוין געמוזט אַריינגעמען...

— וואָס מיינסטו געמוזט?

— ווייל ער איז אַ באַווייבטער, און דאַרף מאַכן אַ לעבן פאַר זיינע קינדער.

— איז מיר טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס דו האָסט אים געזאָגט.

— קורץ און שאַרף, אַז צו מיין צווייטער פּראָבע, וועל איך שוין זען צו האָבן אַ ווייב מיט קינדער. ווען איך זאָל אפילו דאַרפן חתונה האָבן מיט אַן אלמנה.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב הערשלען געזען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. אַ סך מאָל האָב איך געביטן מיין מיינונג וועגן

אים, און דאָך האָב איך אין אים באַמערקט שטריכן, וואָס אַנדערע האָבן דאָס קיין מאָל ניט געזען. אין איין צייט, האָט ער צו מיר אויסגעזען ווי אַ שטיקל מטורף און באַלד איז דאָס פאַרשוואונדן. עס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז ער איז פון עק וועלט אַראָפּגע־פאַלן און עס דרייט זיך אַרום אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אָבער מיט אַ סך וויסן. און פאַרוואָס וויל ער נאָר זיין אַ סופלאָר? אפשר ליידט ער פון עפּעס? פאַרוואָס קאָן קיינער מיט אים ניט אויסקומען? אַזוי האָב איך איין מאָל געטראַכט ווען איך בין געגאַנגען איבער דער צווייטער עוועניו. נאָך דעם וואָס איך האָב הערשלען אַ פּאָר טעג ניט געזען, ניט ווייט פון דער דריטער גאַס, האָט ער מיך אָפּ־געשטעלט, און מיט אַ קורצן שמייכל צו מיר געזאָגט:

— דוד, באַקען זיך מיט מיין טאַטן. ער איז ספּעציעל געקומען פון איראָפּע זען זיין זון. ווי געפעלט עס דיר?

— זייער.

נעבן אים איז געשטאַנען אַן איראָפּייאישער איד, ניט פיל העכער פון אים, כמעט דאָס זעלבע פּנים, מיט אַ שיינער באָרד, און אַ פּאָר קלוגע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט. דער טאָג איז גראָדע געווען אַ וואַרעמער, האָט עס צו מיר אויסגעזען אַביסל קאָמיש ווייל ער האָט געטראָגן אַ פוטער־מאַנטל, נאָר זיין פריינטלעכער דרוק מיין האַנט, האָט מיך באַלד ערנסט געמאַכט, זאָגנדיק צו מיר:

— שלום־עליכם, ר׳ דוד. מיין הערשלס פריינט, איז אויך מיין פריינט.

— ס׳פרייט מיך אייך צו קענען.

— ווי געפעלט דיר מיין טאַטע? אַ בעלן געווען קומען פון איראָפּע מיך זען. ביסטו שוין זיכער, דוד, אַז איך בין פון די מטבעות וואָס ווערן ניט פאַרלוירן. וואו איך זאָל ניט זיין, קאָן מען מיך געפינען. ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, די וועלט איז פאַר מיר גאָרניט אַזוי גרויס.

— די וועלט אפשר ניט, דאָס לעבן אָבער איז ניט לאַנג גע־נוג, — אָנווייזנדיק אויף הערשלען, — דערפאַר האָב איך געוואָלט אים נאָך זען.

— איר וועט אים נאָך זען...

— ניט לאַנג. איך פֿאָר באַלד צוריק.

***

איין סעזאָן איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט אים אין קליוו־לאַנד, אין דעם מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער, וואָס געפינט זיך אויף יוקליד און 55טער גאַס. האָבן מיר באַדאַרפט פֿאָרן נאָך יונגסטאַן שפּילן אַ פֿאָרשטעלונג, דינסטאָג אין דער פֿרי, זיינען מיר צוזאַמענ־געקומען אין דער לאַבי פֿון טעאַטער. און אַזוי שנעל ווי מיר האָבן געהאַט אַלע אונדזערע טעאַטער זאַכן אין דרויסן, איז צוגעקומען דער אָמניבוס, זיינען מיר אַריין, פֿאַרכאַפּן אַ פּלאַץ וואו צו זיצן, אַזוי שנעל ווי אַלע 26 מענטשן זיינען געווען אויף זייערע פּלעצער, האָט זיך דער אָמניבוס גענומען רירן. ס'איז געווען אַ שיינער וואַ־רעמער טאָג, האָט באַלד גענומען פֿאַלן אַ דינער רעגן. ווי אַלע מאָל ווען מ'איז הינטערוועגנס, זינגט מען, מ'דערציילט פֿאַרשידענע אַנעק־דאָטן, און דער עולם לאַכט. ווען מיר זיינען שוין געווען ווייט פֿון שטאָט, אויפֿן פֿרייען וועג, האָט זיך דער אָמניבוס גענומען גליטשן, און באַלד זיך אָנגעשטויסן אין אַ „טראָק", וואָס האָט געפֿירט קעל־בעלעך. כמעט איעדן פֿון אונדז האָט עפּעס געטראָפֿן. דער שאָדן איז געווען אַ גרויסער. ווען איך האָב דאָס געזען קומען האָב איך מיך שנעל אַרונטערגעלאָזט, פֿאַרשטעלנדיק מיין פּנים מיטן מאַנטל, אָבער ניט שנעל גענוג, ווייל דער שטאַרקער שפּריץ פֿון גלאָז, האָט מיר צעדראַפּעט דאָס פּנים. הערשל, וועלכער איז געזעסן נעבן פֿענצ־טער, אויף דער אַנדערער זייט, האָט דאָס גלאָז צעשניטן זיין רעכטע האַנט, האָט ער געמוזט זיין אַ פּאָר וואָכן אין אַ שפּיטאָל. ווען איך האָב געקאָנט, האָב איך אים באַזוכט. איין מאָל זאָגט ער צו מיר:

— דוד. דו ווייסט.

— וואָס, הערשל?

— ווען כ'וועט אינגאַנצן זיין פֿאַרהיילט, וועל איך נאָך קאָנען דערלאַנגען אַ גוטן קלאַפּ.

— קלאַפּ ווייניקער, הערשל, וועט זיין אַ סך געזינטער פֿאַר דיר.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און שמייכלענדיק שטיל געזאָגט:

— אפשר ביסטו גערעכט. ווייסט, מיך פֿאַרדריסט ניט, וואָס

מ׳קומט מיך ניט זען, ווייל אַז דו ביסט דאָ, איז גענוג פאַר מיר. דאָך וויל איך וויסן, וואָס די אַנדערע מאַכן?

— אַז אַלע וועלן געזונט ווערן, וועלן מיר צוריק אויפמאַכן דאָס טעאַטער.

ביז אַלע זיינען געזונט געוואָרן, איז די פירמע פון מעטראָפּאָ־ליטאַן טעאַטער זיך צעפאַלן, האָב איך גענומען פאַרהאַנדלען מיט איינעם, אַ מר. זילל, אויפצומאַכן דעם דאָטשעס טעאַטער, אָבער אַליין האָבן מיר ניט געקאָנט שפּילן, האָט מען פאַר דער ערשטער אָפּ־ראַקציע אַראָפּגעבראַכט צילי אַדלער, און זי האָט אויפגעפירט „אַי־בערגוס״ פון מלאך, און פאַר מיטנוואָך — „דעם שמידס טעכטער״, פון פּרץ הירשביין.

האָט זיך איין מאָל געמאַכט ביים שפּילן, מ׳האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג צו־פריי, און די אַקטריסע וואָס האָט געשפּילט לאה דאָבע, האָט פאַר׳שפּעטיקט, און געמוזט גיך אַריינלויפן, איז פון גרויס אייַלעניש האָט זי גיך געזאָגט: אָט האָב איך געבראַכט די „פּאָ־טייטאָס״.

הערשל האָט אַ שמייכל געטאָן פון סופלאָר־קאַסטן, און צו איר געזאָגט:

— ס׳איז ניט קיין „פּאָטייטאָס״, אויך ניט קיין קאַרטאָפל, ס׳איז אַ בולבע.

**
*

אַ צווייטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט הערשלען אַ סעזאָן אין באָסטאָן. געשפּילט האָבן מיר אין דעם גרענד אָפּערע הויז, וואו ער איז געווען דער בינע־פאַרוואַלטער און געהילפס־סופ־לאָר, צו דעם יונגען אָנגעשטעלטן פאַר די בעסערע פּיעסן... דאָ איז אונדז אויסגעקומען כמעט איעדן טאָג צו שפּילן אין אַן אַנדער געגנט, ווייל אין ניו־ענגלאַנד סטעיט איז פאַראַן אַ סך קליינע שטעט־לעך, און ווי פאַרנומען מיר זיינען דאָרט געווען, האָב איך דאָך באַ־מערקט אַ געוויסע ענדערונג אין הערשלען. איז עס מיר זייער גע־פעלן. פאָרן מיר איין טאָג נאָך פּראָווידענס, און דאָ, אין אָמניבוס, באַמערק איך וואָס עס האָט איך געמאַכט צו ווערן מיט לייטן גלייך

איז דאָס מיר געפֿעלן. זי איז געווען אין כאָר, אָבער זייער אַ פֿיינע אינטעליגענטע מיידל. האָט דאָס איך לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. זי האָט זיך דעם זעלבן טאָג, פֿאַרנדיק, אויסגעדרייט און גערעדט צו היימי דזשעיקאָבסאָן. האָט ער דאָס ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, ניט אפֿילו געהאַט געדולד ביז זי וועט זיך אַוועקזעצן, איז אָן אַ פֿאַרוואָס האָט ער איר דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַז זי האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט אָפּכאַפּן, פֿון אַוועקזעצנדיק זיך איז שוין אָפּגערעדט. זי האָט זיך שטאַרק פֿאַרשעמט פֿאַר אַלעמען. אויך פֿון דעם איז גאָרניט געוואָרן. הערשל האָט קיין מאָל ניט התונה געהאַט. אין אַזעלכע פֿאַרשידענע האַנדלונגען האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ שטיקל מטורף.

הערשל איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער האָט ניט גע־וואוסט אַוועלכער ים ס'האָט אים איינגעשלונגען. אַ סך זיינען אפֿילו געווען צופֿרידן וואָס מ'איז פֿון אים פּטור געוואָרן. אַנדערע האָבן אפֿילו געפּרוּווט צו טרעפֿן, וואו ער קאָן זיין, און אייניקע האָבן אפֿילו מיט אַ ציניש שמייכל געזאָגט:

— מ'האָט אים געוויס אַרויסגעשיקט פֿון אַמעריקע.

אָבער פֿאַר וואָס? האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. פֿאַר זיין עקשנות? ער איז אפֿשר אַ שטיקל מטורף, אָבער זיכער ניט קיין פֿאַרברעכער. איך ווייס, אַז ער האָט אַ פּאָר מאָל באַדאַרפֿט אַריינ־פֿאָרן נאָך קאַנאַדע.

ערשט ווען מר. גוטקין איז געווען אין אייראָפּע, האָט ער אים געטראָפֿן אין פּאַריז אָבער וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, האָט קיי־נער ניט געוואוסט. דעם סוד האָבן זיי ביידע מיט זיך מיטגענומען אין קבֿר. בלויז איין זאַך איז יאָ געווען קלאָר: ווען מר. גוטקין איז אַהיים געקומען, האָט ער גלייך גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי אים צו ברענגען צוריק אין ניו־יאָרק.

אַ בלאַסער און זייער אָן אָפּגעצערטער, האָט זיך הערשל באַוויזן איין טאָג אין דער ראַיאַל קאַפֿע. ס'איז גלייך געווען צו דערקאָנען, אַז ער האָט געמוזט אַדורכגיין דעם גיהנום אויף דער וועלט. אינער־לעך איז ער אויף אַ האָר ניט געוואָרן אַנדערש, דאָס האָט ער שפּע־טער אַרויסגעוויזן. צווישן זיינע בלויז־פֿאַרטרוקנטע ליפּן, איז גע־לעגן פֿאַרבאַהאַלטן אַ געמאַכטער שמייכל. פֿאַר וועלכן כּמעט אַלע

האָבן גענומען פאַלן. דאָס איז אַ שוואַכקייט אין דער פּראָפעסיע, אָדער מ׳פאַרשטעלט פאַר איינעם אַלין, אָדער מ׳לאָזט אים צו אַפילו דאָרט וואו ער האָט קיין מאָל ניט געחלומט צו זיין. ס׳איז ניט פאַראַן ביי זיי קיין מיטל-פּונקט. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אַ גאַנצער בן-בית אין אָפיס פון דער יוניאָן, כמעט מר. גוסקינס רעכטע האַנט, און מ׳האָט אים גענומען, צו לאָזן דאָרט וואו ער האָט פריער אַפילו מיט זיין גרויסער חוצפה און כוח ניט אַפילו געטראַכט דאָרט צו זיין... איצט האָט מען פון אים שוין געהאַלטן זייער אַ סך. אַזוי אַרום איז ער ניט נאָר געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן יוניאָן. נאָר מ׳האָט אים אַ סך געהאָלפן ווערן אַ מיטגליד אין דער פּאָבלי-סיטי-אַגענטן יוניאָן, און דערנאָך אין דער ראַדיאָ יוניאָן. אַזוי אַרום האָט ער פאַרטראָטן אַלע געביטן אין דער פּראָפעסיע.

זייענדיק אין לאָס-אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, האָט ער זיך איבערציינגט, אַז די לופט דאָרט איז זייער גוט פאַר זיין געזונט, האָט ער דאָך אָבער ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן דאָרט, האָט מען אים צום סעזאָן געבראַכט אין ניו-יאָרק. און נאָך איידער דער סעזאָן איז געווען פאַריבער איז ער שוין געפלויגן צוריק נאָך קאַליפאָרניע. און אַ פּאָר מאָל געשעפטלעך, די וועלכע האָבן שוין גענומען טאַנצן אַרום אים, האָבן אַלעמען פאַרזיכערט, אַז דאָס מאָל בלייבט ער שוין דאָרט איך האָב אַ שמייכל געטאָן, ווייסנדיק, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן מיט גאָרניט. און אַזוי איז טאַקע געווען. זיינע אַלע פאַרזוכן זיינען געווען אַ דורכפאַל. און איין געשעפט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט גוסטאַוו בערגער האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָר און זיי האָבן פאַרלוירן אַ סך געלט. הייזט אויס, אַז עס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט, און זיין געזונט איז שוואַכער געוואָרן, האָט ער שוין אין ניו-יאָרק אינגאַנצן ניט געקאָנט זיין. נאָר איידער ער האָט אויף שטענדיק פאַרלאָזט ניו-יאָרק זיך צו באַזעצן אין לאָס-אַנדזשעלעס, האָט ער קעגן אַלעמען געהאַנדלט ווי אַמאָל, ווי נאָר הערשל האָט געקאָנט, ווייל אַז מ׳באַלאַנגט צו עטלעכע יוניאָנס, איז פּונקט ווי מ׳זאָל האָבן עטלעכע ווייבער, מ׳ווייסט קיין מאָל ניט, וועלכער בלייבן געטריי... האָט זיך אָט דער קלוגער הערשל אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז דאָס גלויב איך, האָט פאַרקירצט זיין לעבן. אמת, ער איז שוין געווען אַ חולה

מסוכן, איז צופֿיל אַרומגעפֿלויגן, און פֿאַר דער לעצטער נסיעה האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך: כמעט איעדער איינער ווייסט, אַז דאָס אידישע טעאַטער האַלט ביים אויסגיין, געפֿינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס גלויבן אַז מ׳קאָן דאָס ראַטעווען, נאָר ווי אַזוי, ווייסט קיינער ניט. פּרובירט מען פֿאַרשידענע מיטלען אויפֿצוהאַלטן דעם חולה. נאָך לאַנגע יאָרן פֿון „קאָנסולטאַציעס" האָט מען איינגעזען, אַז מיט גאָר קליינע הוצאות קאָן מען עקספּערעמינטירן, זיכער ניט צו מאַכן, אָבער די אַגענטן יוניאָן וויל דערפֿון ניט וויסן, זי פֿאַרלאַנגט דאָס גאַנצע פֿונט פֿלייש... ווער איז אין דער פּיקעט קאָמיטע? הערשל! דאָס, נאַטירלעך, האָט שוין אַלעמען אויפֿגערעגט, אפילו מיך אויך. עס איז אויסגעקומען, אַז ער פּיקעט זיך אַליין. דאָס האָט שוין ניט געקאָנט פֿאַרשוויגן ווערן.

אַ בלאַסער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, איז הערשל געשטאַנען אונטער דער פּיאַנאָ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן. ער האָט באַלד אַרויסגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיראָס פֿון מויל, און האַלטנדיק דאָס אין דער האַנט, האָט ער געקוקט אויף דעם, זיינע ליפּן זיינען געווען אַביסל אָפֿן. ער האָט געשוויגן, ווען די פֿאַרזאַמלונג איז אָנגעגאַנגען, ער האָט איצט אפשר געטראַכט, אָבער גאָרניט געקאָנט עפּעס זאָגן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געמוזט שווייגן. דאָס אפשר האָט אים געקאָסט זיין לעבן. מער האָב איך אים ניט געהערט. און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען. דעם 28טן יולי, 1957, האָט מען פֿון לאָס־אַנדזשעלעס געלאָזט וויסן, אַז דער באַקאַנטער אידישער טעאַטער־מענטש, הערשל לעוויק, איז געשטאָרבן.

מוז איך דאָ צוגעבן, אַז אפילו מיט אַלע זיינע קאַפּריזן איז ער דורך און דורך געווען אַ טעאַטער־מענטש, וועלכער וואָלט אונטער בעסערע באַדינגונגען זייער אַ סך צוגעטראָגן. מיט אַ קליין ביסעלע מזל, וואָלט ער זיכער געווען אַ געווינס פֿאַרן אידישן טעאַטער, פֿאַר דער אידישער ראַדיאָ און איבערהויפּט פֿאַרן אידישן וואָרט. אַ שאָד געווען צו פֿאַרלירן איינעם, וואָס האָט אין דער איצטיקער צייט געקאָנט אַ סך העלפֿן, ווען ער וואָלט זיך אַליין ניט איבערגע־חכמה׳ט...

דוד דענקס מעמואַריכטישע באַשרייבונגען פון מענטשן און זאַכן זיינען קובע אַ וויכטיקן פּלאַץ פאַר זיך אין פעלד פון מעמואַריסטיק, מיט וועלכע אַ צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט זיך מוזן רעכענען.

ג. מנחם, פילאַדעלפיע, פּענ.

מיין ליבער פריינד דענק!

איך האָב נאָר וואָס געענדיקט לעזן דיין פעליעטאָן אין „וואָכנ-בלאַט" און איך האָב פון דעם זייער פיל פאַרגעניגן געהאַט. עס גע-פעלט מיר זייער דיין סטיל צום שרייבן.

You got what it takes to be a story writer.

שרייב ווייטער, פריינד! דו האָסט טאַלאַנט.

ל. לאַנשיין, דזשאַמעיקא, נ. י.

פריינד דענק!

איר שרייבט שיין, לערנדיק, לייכט. שרייבט וועגן פיל פאַרגע-סענע אַקטיאָרן, פון אַ געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, און פאַר די ווײַ-טערדיקע דורות וועט איר פיל אויפטאָן.

מ. פאַרבער, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.



סטענלי, אין „דער טויט פון אַ סעילעסמאַן",
פון אַרטור מילער.



לייבקע, אין „יזכור",
פון העריי סעקלער.

דער מיליאָנער, אין „חזנידל",
פון נאַגער.

דער זיסער בחור,
פון נאַגער.

BEHIND THE SCENES

SHORT STORIES OF GREAT YIDDISH ACTORS

By

Published by
NEW YORK WOCHENBLAT